STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01180

TEATER

A. Mukdoni

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Jaime P. Constantiner
in memory of
his dear wife, Joan

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



דר. א. מוקדוני
(דר. אַלעקסאַנדער קאַפּעל)

דר. א. מוקדוני

טעאַטער

ניו יאָרק, 1927

Copyright by
DR. A. KAPPEL
New York, 1927

אַרויסגעגעבן פון דעם
א. מוקדוני יובילײ־קאָמיטעט.

446

פּינסקי מזל פּרעס, אינק., ניו יאָרק.

***

דער יובילוי־קאָמיטעט האָט מיר פאָרגעלייגט צו געבן אַן אויסוואַל פון מיינע טעאַטער־אַרטיקלען פאַר אַ בוך פון אַ באַשטימטער גרויס. איך האָב געמוזט פון פיל הונדערטער אַרטיקלען אויסקלייבן בלויז עטלאַכע צענדליג.

די צייט פאַר צוגרייטן די אַרטיקלען צום דרוק איז געווען אַ קורצע און איך האָב געמוזט דורכלאָזן דעם „רוסישן פעריאָד"; איך האָב ניט געקאָנט אָפּהיטן דאָס, וואָס איך האָב געשריבן אין רוסלאַנד אין דער צייט פון מלחמה און רעוואָלוציע. די דאָזיגע אַרטיקלען זיינען צעזייט און צעשפּרייט אין צייטונגען, זשורנאַלן און זאַמל־ביכער און עס וואָלט גענומען פיל צייט צו אויפזוכן זיי.

אין דעם דאָזיגן בוך זיינען אַריין אַ טייל פון די אַרטיקלען, וועלכע איך האָב געשריבן אין אַמעריקע פאַר די לעצטע עטלאַכע יאָר.

איך האָב אַריינגעגעבן בלויז אַ טייל פון די אַרטיקלען, פון וועלכע עס איז מער ניכר מיין שטעלונג צו פאַרשיידענע טעאַטער־פּראָבלעמען. ניט אַלע, אַזוי גערופענע טעאַטראַלישע אַרטיקלען און ניט אַלע פּאָרטרעטן פון אידישע טעאַטער־קינסטלער האָבן געקאָנט אַריין. בנוגע אָפּהאַנדלונגען וועגן אויפפירונגען האָב איך געמוזט זיין גאָר קאַרג און געבן בלויז איינצלנע פון זיי.

איך האָף, אַז דאָס צווייטע בוך, וואָס איך גרייט צום דרוק וועט דערגענצן דאָס דאָזיגע ערשטע בוך.

ד ר. א. מ ו ק ד ו נ י.

טעאטער
און אידיש טעאטער

טעאַטער פאַר זיך

1.

שוין יאָרען לאַנג, אַז איך וואַרט ממש מיט האַרץ־קלאַפּעניש אויפ׳ן וואָרט פון דעם אידישן שוישפּילער. זאָל ער ארויס און דערצעלן דער אידישער וועלט פון זיינע קינסטלערישע זאָרגן, ליי־דען און פריידן. זאָל ער אַרויס און אָפן זאָגן, וואָס עס דריקט אים און וואָס עס פארגרויט און פארוואָכעדיגט זיין קינסטלערישן שבת.

דער גרויסער שווייגער, דער אידישער אַקטיאָר, וואָס שווייגט 50 יאָר, האָט, ענדלאַך אָנגעהויבען ריידן וועגען א קריזיס אין אי־דישען טעאַטער.

וועגען א קריזיס אין אונזער טעאטער רעדט מען שוין לאַנג, אזוי לאַנג ווי מען האָט אָנגעהויבען ריידען וועגן א קריזיס אין אייראָפּעאישן טעאטער.

בעצם האָבן מיר דאָס וואָרט קריזיס אויפגעכאַפּט און אָנ־געווענדט עס אויף אַלע צרה׳ס און שלעקן אין אונזער טעאטער־לעבן, ניט באַנעמענדיג ריכטיג, וואָס מען פארשטייט אין אייראָפּא אונטער דעם אויסדרוק: „קריזיס אין טעאטער“.

אין אייראָפּא האָט מען מיט דעם וואָרט קריזיס געמיינט פשוט די גסיסה פון דער נאַטוראַליסטישער טעאטער־קונסט. דאָס איז — ראשית. צווייטענס, האָט מען דערפילט, אַז דאָס טעאַטער איז אייגענטלאַך געוואָרן אן אנשטאַלט פאַר ליטעראַטור, א מין לייען־זאַל וואו מען קומט זיך צענויף פאַרלייענען דראַמעס. דריי־טענס, האָט מען זיך ארומגעזען, אַז די טעאטראַלע קונסט איז דורך דער נאַטוראַליסטישער און רעאַליסטישער דראַמע אָפּגעשוואַכט געוואָרן ביז צום לעצטן גראַד.

באַ אונז האָט מען נאָך ניט געוויטאָגט מיט דער דאָזיגער

פראגע. בא אונז הייסט קריזיס גאָר עפּעס אנדערש. בא אונז קלאָגט מען זיך בעצם אויף א קריזיס אין דער ליטעראטור. אונזער טעאטער לעבט ביז היינטיגן טאָג מיטן זכות פון דער ליטעראטור, אונזער טעאטער בויט זיין ערפאָלג אויף דער דראמע. און די דאָזיגע דראמע האָט קיין ערפאָלג ניט. די אַלע ליטעראַרישע געווירצען, וואָס דער טעאטער באקומט, טרייסלען ניט אויף דעם עולם. זיי צערודערן אים ניט. זיי אַמוזירן אים אפילו ניט.

איך וויל ריידן דוקא וועגן דעם ריכטיגן קריזיס, וועגן קריזיס אין דער טעאטראַלער קונסט, טאַקע וועגן דער פאַטאַלער טעאטער־אָפּהענגיקייט פון דער ליטעראטור, וועגן דער טראַגעדיע פון דעם סיאַמ׳שן צווילינג, וואָס איין שוועסטער מוז איבערלעבן אַלע פּגעים פון דער אַנדער שוועסטער, וועגן אונזער טעאטער־קונסט, וואָס איז נאָך ניט זעלבסטשטענדיג און קאָן ניט בויען איר ערפאָלג מיט אירע אייגענע מיטלען, מיט אייגענער קינסטלערישער שאַפונג, מיט אייגענע קינסטלערישע אנטפּלעקונגען, מיט אייגענע מעטאָדן און מיט איר אייגענער טעאטראַלישער וועלט־באַנעמונג.

דאָס איז געווען די קראַנקהייט פון דעם אייראָפּעאישן טעאַטער. און מיט דעם איז אויך קראַנק אונזער טעאטער.

די לעצטע פּאָר צענדליג יאָר פון ניינצענטן יאָרהונדערט האָט זיך די ליטעראטור באַזעצט אין טעאטער.

דאָס טעאטער איז געוואָרן די טריבונע פאַר אַלע גייסטיגע שטרעבונגען און ריכטונגען, פאַר אַלע סאָציאַלע און עטישע פּראָבלעמען. ער איז געווען דאָס האַן־פענדל פאַר אַלע גייסטיגע שטורעמס און ווירבל־ווינטן אין דער ליטעראטור.

אין דער אַמאָליגער פריילאכער און זאָרגלאָזער היים פון די הפקר׳דיגע קאָמעדיאַנטן, האָבן זיך מיט פּאָמפּ און פייערליכקייט אריינגעצויגן די גרויסע קעפּ מיט די הויכע שטערנס פון דער וועלט־ליטעראטור. עס קומט איבסען מיט זיינע ערנסטע און קלוגע פּראָבלעם־דראַמעס; טאָלסטאָי מיט זיין ריין־קריסטלאַכער מאָראַל; הויפּטמאַן מיט זיינע סאָציאַלע דראַמעס; שאָו מיט זיינע בייסיגע פּובליציסטישע קאָמעדיעס; טשעכאָוו מיט זיין דינעם סקעפּטיש־מעלאַנכאָלישן שמייכל און נאָגענדיגן רוסישן אומעט; סטרינדבערג מיט זיינע שאַרפע ציין און זיין פינסטערן פרויען־

האָס; האַמסון קאָקעטירט מיט זיינע נעגל; גאָרקי באַווייזט דער וועלט באָרוועסע פילאָזאָפן; אַנדרייעוו — זיינע היפּאָכאָנדרישע וועלט־שטורמער. די פראַנצויזישע שריפטשטעלער קומען מיט זייער פּאָלירטער און ראַפינירטער סאַלאָן־פּלוידעריי און בולוואַר־עטיק.

נאָך די קאַרפּן־קעפּ פון דער וועלט־ליטעראַטור ציט זיך אַ לאַנגע פּראָצעסיע פון קלענערע דיכטער מיט וואָגיגערע און שווע־רע דראַמען.

די ליטעראַטור האָט איר היים אין טעאַטער געפונען, און מיט דער ליטעראַטור — אַ גאַנצע מחנה אַקטיאָרן־פילאָזאָפן, אַקטיאָרן פון דער פיינער, ראַפינירטער געזעלשאַפט, רעזשיסאָרן־דיינקער, ליטעראַרישע בעלי־עצה׳ס, געלערנטע עקספּערטן, שניידער אין ברי־לען, מעכאַניקער מיט פּאַרמעט־פּנים׳ער, מאַלער־פּאָרשער, באַדעקט מיטן שטויב פון אַרכיוון און מוזעאומס, טיף־דיינקענדע פאַבריקמאַ־כערס, אינטעליגענטע סטאַליאַרס, מאַיעסטעטישע בילעטיאָרן און הונדערטער אַנדערע ספּעציאַליסטן.

פּראָפעסאָרישער ערנסט און רואיקייט, אַקאַדעמישע טרוקנ־קייט און מאַטעמאַטישע פּינקטליכקייט האָבן זיך פאַרקליבן אין טעאַטער.

און עס איז דאָך געווען אַ צייט פון ריידעניש וועגן רעוואָלו־ציעס אין טעאַטער.

אין רוסלאַנד האָט די רעוואָלוציע דורכגעפירט דזשענטלמע־ניש סטאַניסלאַווסקי, אין דייטשלאַנד, מיט ברען און אימפּעט — בראַם, דערנאָך ריינהאַרדט; אין פראַנקרייך — אַנטואַן; אין ענגלאַנד — מיט אַקטיאָרישן פּאַטאָס, גאָרדאָן קרעג; אין בייערן — מיט חנ׳דלאַך, געאָרג פוקס.

עס איז געווען יום טוב אין טעאַטער. די וואָכעדיקייט מיט איר גרויען פּנים קוקט ניט אַריין אין אים. מען איז כּסדר אין פּראַק, אין ווייסע האַנדשו, כּסדר פייערלאַך און האָפערדיג.

די בעסטע, די פיינסטע געזעלשאַפט אויף דער סצענע; די בעסטע, די פיינסטע געזעלשאַפט אין צוהערער־זאַל.

נאָר אין סאַמע ברען פון די טעאַטער־רעוואָלוציעס, אין דער גרויסער פייערלאַכקייט פאַר׳גנב׳עט זיך שטיל אַ שוואַרצער, נאָ־

גענדיגער יאוש, עפּעס א טייוולישבייסיג מחשבה'לע, שנייט דורך די צופרידנהייט אין די גליקלאַכע מינוטן פון טומלדיגן ערפאָלג. צום אָנהויב איז דער יאוש א נעפּלדיגער. דאָס סקעפּטישע מחשבה'לע א צעשוואומענע: אין קעפּ פאַר'שכור'טע פון עלפאָלג, איז אַלץ נעפּלדיג.

נאָר בּיסלאַכווייז וואַקסט דער יאוש. דאָס סקעפּטיש מחשבה'לע רייסט זיך אַרוים פון נעפּל.

עס ווערט קלאָר, אַז דאָס טעאַטער טאַנצט אויף א פרעמדער שמחה. ער איז דערנידעריגט געוואָרן צו דער מדרגה פון א סאַר־ווער אויף פרעמדע חתונות.

דאָס זיינען ניט זיינע שמחות, דאָס זיינען ליטעראַרישע שמחות.

עס איז געוואָרן קלאָר, אַז די ליטעראַטור האָט זיך פאַרקליבן אין טעאַטער און האָט פאַרשקלאַפט די טעאַטראַלע קונסט, די לי־טעראַטור האָט זי געמאַכט פאַר איר לויף־אינגל, פאַר איר „פּיקאָלאָ".

פאַר די פאַר צענדליג יאָר, וואָס דאָס טעאַטער האָט זיך גע־פּלאָנטערט אין די ליטעראַרישע פּראָבּלעמען, איז עס פאַרווילדעוועט געוואָרן. די אייגנטלאַכע טעאַטער־קונסט איז פאַרטריבן געוואָרן פון טעאַטער און איר אָרט האָט פאַרנומען די ליטעראַרישע קונסט. די ליטעראַטור האָט זיך באַנוצט מיט דער טעאַטער־קונסט בלויז אויף וויפיל עס איז געווען נויטיג צו מאַכן בולט'ער אירע אייגענע קינסטלערישע פּראָבּלעמען.

דער יאוש האָט זיך אריינגעריסן הינטער די קוליסן: דער אַקטיאָר האָט זיך דערפילט ווי א שטיק מעבל, אָדער ווי אַנ'אַנ־דער קליינינגקייט, וואָס דינט בלויז צו פאַרפולקאָמען, צו פאַרטיפן און צו פאַרקיילעכדיגן דאָס ליטעראַרישע בילד.

דער אַקטיאָר איז געוואָרן אַן עבד כנעני ביים ליטעראַט.

עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז דער ליטעראַט איז געוואָרן דער הערשער און געביטער אין טעאַטער. א מענטש פון אַנ'אַנדער וועלט, אַ מענטש, וואָס לעבט מיט אַנדערע קונסט־באַגריפן, איז געוואָרן דער דיקטאַטאָר אין א פרעמדן קונסט־טעמפּל.

פאַר'ן אַקטיאָר זיינען באַשאַפן געוואָרן דראַקאָנישע געזעצן.

מ'ען האָט אים איינגעשרומפּט אין אַ כינעזישן שיכל און ער איז צעהויקערט געוואָרן.

דער אַקטיאָר איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך דערפילט פאַרשקלאַפּט און געפּענטעט און ער האָט זיך דער ערשטער אָנגעהויבן בונטעווען.

דער אַקטיאָר איז שוין אָבער אַזוי פאַרעלענדט געוואָרן, ער איז שוין אַזוי פאַרשטויסן און פאַרוואָרלאָזט געוואָרן, ער איז אַזוי ווייט אַוועק פון זיין אַקטיאָרישער קונסט, אַז ער האָט שוין ניט געקאָנט קלאָר און דייטלאַך פאָרמולירן, וואָס ער וויל. ער האָט בלויז געפילט און בחוש געזען, אַז ער פאַרמאָגט ניט קיין אָרט אין טעאַטער, אַז פרעמדע געוועלטיגן איבער אים, אַז זיין אייגענע שעפעריש קראַפט איז אַפּגעשוואַכט געוואָרן ביז דער לעצטער מדרגה, אַז עמיצער האָט אים אָנגעגאָסן בליי אין די פיס און ער קען קיין פרייען טראָט ניט מאַכן, אַז ער אָטעמט מיט אַ פרעמדער לופט אויף דער סצענע און דינט פרעמדע געטער.

דער ליטעראַרישער נאַטוראַליזם איז לכתחלה געקומען אין טעאַטער מיט אַרעוואָלוציאָנערן ברען, ער האָט פון טעאַטער געוואָלט פאַריאָגן דעם אַלטן, פאַרשימלטן אַקטיאָרישן שאַבלאָן, די אַלטע רוטינע. ער האָט זיך גענומען אריינצעפירן דעם טעאַטער אין דער וועלט פוןווירקלאַכקייט, אין די אָרימס פון דער איינפאַכער, גרויסער נאַטור. ער איז געקומען מיט די גוטע און פרומע בונה'ס צו קעמפן מיט סצענישן כאַאָס, מיט די הפקר'שע באַוועגונגען, מיט'ן אַלט-פרענקישן אַקטיאָרישן נוסח, מיט דעם פאַרוואָרלאָזטן קאָמעדיאַנטיזם. ער האָט צוגעזאָגט דעם טעאַטער צו געבן אים אָנשטאָט די פּאָר צענדליג באַוועגונגען, וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זיינע זיידעס און עלטערזיידעס, אַ וועלט אַרייכע מיט נייע באַוועגונגען: אַ וועלט, וואָס שאַפט מיט ברען, וואָס אָטעמט מיט פייער.

נאָר אָנשטאָט דער פרייער, גרויסער וועלט, האָט דער שרייבער אויסגעפּוצט אַ קליין שטיקעלע שטיל וועלטל און האָט עס געבראַכט אין טעאַטער — מיט אָפּגעמאָסטענע באַוועגונגען, מיט אָפּגעוואויגענע ווערטער, מיט אָפּגעציילטע טענער. עפּעס אַ שטיקל אָפּגעפליקטע וועלט אַרויסגעריסן פון דער גרויסער, רוישיגער וועלט-מהומה און עס די אַקטיאָרן צוגעטראָגן.

דאָס איז געווען ווירקלאַכקייט, אָרימע ווירקלאַכקייט און דער טעאַטער האָט געהאַט די אויפגאַבע צו קאָפּירן זי געטריי.

אַנשטאָט דער גרויסער, געהיימניספולער ווירקלאַכקייט, אַנשטאָט דער ווירקלאַכקייט, וואָס איז אַזוי פאַרקנוילט און אַזוי פינסטער פאַרפּלאָנטערט, אַנשטאָט דער ווירקלאַכקייט, וואָס צערודערט אייך מיט אירע סתירות, וואָס צעטרייסלט אייך מיט איר גרויסן אומזין, פון וועלכן עס שימערט אַרויס דער זין פון מעשה בראשית — די וועלט איז באַשאַפן פון כאַאָס, פון כאַאָס האָט זיך באַשאַפן די האַרמאָניע און דעריבער גייט זי אַזוי לייכט איבער אין כאַאָס — האָט דאָס טעאַטער באַקומען פאַרגליווערטע שטיקלאַך און ברעקלאַך, דעם אָפּפאַל פון דער גרויסער ווירקלאַכקייט.

דאָס לעבן אין טעאַטער איז געוואָרן געבונדן, עטנאָגראַפיש, געפּענטעט מיט לאָקאַלן שטייגער און אפילו מיט פאַמיליען־טראַדיציעס. דאָס טעאַטער האָט באַדאַרפט אָפּטיפּן יוסטע, אָדער פאַרצאָגטע בירגער אין זייערע מלבושים, מיט זייער אָרטיגן דיאַלעקט, מיט זייער מעבל און מיט זייערע אַלע וואָכעדיגע קאַפּריזן. דאָס טעאַטער האָט באַדאַרפט אונטערהערן זייער ריידעניש, אונטערכאַפּן זייערע העויות, נאָכקוקן זייער הולך, נאָכשפּירן זייערע באַוועגונגען און געבן אַ ריכטיגע פאָטאָגראַפיע.

הכלל, ער האָט באַדאַרפט טאָן וואָס די רעאַליסטישע ליטעראַטור טוט, אָדער ריכטיגער געזאָגט, ער האָט ליטעראַרישע שאַפונגען געדאַרפט טריט ביי טריט נאָכגיין און העלפן זיי קומען צו דער וועלט אויך דורכ׳ן טעאַטער.

די ליטעראַטור האָט זיך אַזוי איינגעוואָרצלט אין טעאַטער, אַז אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זי דערקלערט, אַז עס איז גאָרניט בנמצא קיין טעאַטראַלע קונסט. על כל פנים איז טעאַטער ניט קיין זעלבסטשטענדיגע קונסט, נאָר אָפּהענגיג פון דער ליטעראַטור.

אין רוסלאַנד, אין דער לאַבאָראַטאָריע פון פאַרשיידענע טעאַטראַלע עקספּערימענטן, איז אַרויס מיט אַזעלכע קלאָרע דבורים דער שריפטשטעלער יורי אייכענוואַלד. אייכענוואַלד האָט גענומען דעם טעאַטער ניט אין זיין היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, ניט אין זיין אַנטוויקלונג, נאָר אין זיין פאַרגליווערטן צושטאַנד, אין אַנהויב

פון דעם צוואַנציגסטן יאָרהונדערט, אינ׳ם צושטאַנד, צו וועלכן עס האָט אים געבראַכט דער רעאַליזם, אָדער די ליטעראַרישע דראַמע. ניט רעכענענדיג זיך מיט דער פאַרגאַנגענהייט פון טעאַטער, האָט אייכענוואַלד אָנגענומען דעם צייטווייליגן גלות פון טעאַטער בא דער ליטעראַטור פאַר זיין נאַטירלאַכן מצב און האָט דערקלערט, אַז דאָס טעאַטער האָט די איין־און־איינציגע אויפגאַבע — צו אינ־טערפּרעטירן און אילוסטרירן דאָס ליטעראַרישע ווערק.

אַ קונסט, וואָס האָט ניט קיין אייגענע שעפּערישע זאַפטן, וואָס ציט איר יניקה פון אַן אַנדער קונסט, קען ניט פּרעטענדירן אויף זעלבסטשטענדיגקייט. עס קען זיך בלויז ריידן פון אַ געוויסער טעכנישער פלינקייט. די טעכנישע השלמה קען דינען דעם ליטע־ראַרישן ווערק און ברייגנען אים געוויסע נוצן. זעלבסטשטענדיג, אויטאָנאָם גענומען האָט די טעכנישע השלמה קיין שום קינסטלע־רישן ווערט ניט.

דער מאַלער קען אַמאָל זיך אויך אָפּגעבן מיט אילוסטרירן ליטעראַרישע ווערק, אָבער אפילו אין דעם פאַל איז ער מער אָדער ווייניגער זעלבסטשטענדיג, ווייל ער טוט די דאָזיגע אַרבייט ווי אַ קינסטלער, וואָס האָט גאָר אַנדערע מיטלען און אַנדערע מעטאָדן פון שאַפונג. דער מאַלער איז בכלל, ווען ער אילוסטרירט ניט קיין פרעמדע ווערק, אַ גאַנצער און אויטאָנאָמער קינסטלער.

דער אַקטיאָר האָט ניט קיין אייגענע פאַרבן, קיין אייגענע ליניעס, קיין אייגענע אויפפאַסונג און קיין אייגענע קאָמפּאָזיציע. ער באַקומט אַלץ פאַרטיג אין דער דראַמע, ער האָט פאַר זיך אַ פאַרטיג קינסטלעריש ווערק און ער האָט נאָר דורך זיין טעכנישער השלמה צו מאַכן עס פּאָפּולערער, פאַרשטענדלאַכער, בילדלאַכער.

דער אויספיר בעט זיך אַליין אָן:

דער אַקטיאָר אויף דער בינע איז אַ שרייפל ווי אַלע אַנדערע שרייפלאַך אין דעם סצענישן אַפּאַראַט. אַ שטיק מעבל אויף דער בינע איז אַזוי וויכטיג ווי דער אַקטיאָר, אַ שטיק מעבל שפּילט מיט אין דער דראַמע ניט ווייניגער פאַר׳ן אַקטיאָר.

אין מיטלפּונקט פון אַן אויפפירונג שטייט די דראַמע, זי איז דער עיקר, דער תוך.

בעצם האָט אייכענוואַלד ניט אַנטדעקט קיין אַמעריקע, ער

האָט בלויז קאָנסטאַטירט אַ פֿאַקט. ער האָט די פֿעדער צו דער נאָז פֿון טעאַטער צוגעלייגט און קאָנסטאַטירט דעם טויט. ער איז געווען דאָס אינגעל אין אַנדערסענ׳ס מעשה׳לע, וואָס האָט פֿון קיין חכמה׳ס ניט געוואוסט און האָט אָפֿנהאַרציק אויסגעשריען:

דער קעניג איז אָדם־נאַקעט!

מען האָט אַזוי פֿיל גערעדט פֿון טעאַטראַלער קונסט, אַזוי מליצה׳דיג וועגן איר געשריבן:

— נייע קונסט, שפּאָגל־נייע.

אייכענוואַלד האָט, ווי יענם קליין אינגעל, מיט די פּלייצעס געקוועטשט און אָפֿנהאַרציק אויסגעשאָסן:

— איך וויים ניט וואָס דולן זיי זיך דאָרט, וואָס איז דאָרט פֿאַר אַ פֿאַרבלענדעניש, פֿאַר אַן איינרייידעניש, עס איז דאָך גאָר קיין טעאַטער־קונסט ניטאָ.

און אָט דאָ איז דער גאַנצער טעאַטראַלער עולם צערודערט געוואָרן. די אַקטיאָרן, רעזשיסאָרן און אַנדערע זיילן פֿון רעאַליסטישן טעאַטער, וואָס האָבן אַזוי טריי און ערלאַך געדינט דער ליטעראַטור, האָבן זיך טיף באַליידיגט: — אויב עס איז ניטאָ קיין טעאַטער־קונסט, זיינען דאָך ממילא ניטאָ קיין זעלבסטשטענדיגע, אויטאָנאָם־שאַפֿנדיגע טעאַטער־קינסטלער.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגע און פּלפּול׳דיגע דיסקוסיע. אַקטיאָרן און רעזשיסאָרן האָבן פֿאַרשאָטן די ברענענדיגע פֿראַגע מיט אַ באַרג ווערטער, מיט קיילאַכדיגע פֿראַזן האָט מען פֿאַרטומלט דעם ווייטאָג, די גסיסה פֿון דער טעאַטראַלער קונסט.

קיין וואָגיגע און עפּעס־זאָגנדע אַרגומענטן האָט מען ניט געהערט, וואָרים וואָס האָבן די ליטעראַרישע לויף־אינגלאַך געקענט אַרויסשטעלן אַנטקעגן דעם אומ׳ברחמנות׳דיגן פֿאַקט?

כאַראַקטעריסטיש זיינען די טענות פֿון די בעסערע אַקטיאָרן: מיר וויסן ניט פֿון קיין באַווייזן, מיר פֿילן אָבער, אַז אייכענוואַלד איז ניט גערעכט, מיר פֿילן, אַז עס איז דאָ אַ טעאַטראַלע קונסט; מיר פֿילן, אַז מיר זיינען קינסטלער, פֿרייע קינסטלער, ניט קיין ליימענע גולמ׳ס, וואָס באַוועגן זיך נאָר אַ דאַנק דעם ליטעראַרישן שם המפורש.

און דער דאָזיגער ווײ־געשרײ פון אַקטיאָרן איז מער איבער־ציײַגנדיק פון די אַלע פּלפּולים פון די רעזשיסאָרן און אַלע אַנדערע שיריים־כאַפּער און יורשים פון דער טעאַטער־קונסט.

דער אַקטיאָר פילט זיך ווי אַ קינסטלער, ווי אַ פאָרשטייער פון אַ זעלבסטשטענדיקער קונסט. אונטער דעם שטויב פון ליטעראַרישע חקירות אונטער דעם איינגען פּאַנצער פון רעאַליזם קלאַפּט אַ האַרץ און לעבט איבער אַלץ טיף און זעלבסטשטענדיק אויף אייגענעם טעאַטראַלן שטייגער.

די אַקטיאָרן, די אמת׳ע טעאַטער־קינסטלער האָבן געפילט, אַז עס קומט פאַר אַן אומפאַרשטייעניש. און יורי אייכענוואַלד און אַלע אַנדערע קברנים פון דער טעאַטער־קונסט, וועלכע האָבן געוואָלט זי שוין מספּיד זײַן, זײַנען געווען אפשר די דאָזיקע, וועלכע האָבן דעם טעאַטער אויפגעטרייסלט, אים צום לעבן געבראַכט, אָדער, לכל הפּחות, אויפגעוועקט אין אים דאָס באַוואוסטזײַן און שטרעבן צו זעלבסטשטענדיקייט.

.2

די טיפע אומצופרידנקייט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די אַקטיאָריש קרייזן אין דער סאַמע התלהבות׳דיקער עפּאָכע פון דער נאַטור־ראַליסטישער דראַמע, איז בּיסלאַכוויַיז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפענעם קאַמף קעגן דער רעדעוודיקער דראַמע און קעגן איר דיק־טאַטור אין טעאַטער.

ריינהאַרדט פאַרלאָזט דעם טעמפּל פון נאַטוראַליזם — בראַמ׳ס טעאַטער — און הויבט אָן בויען אַ טעאַטראַלישן טעאַטער. ער דער־קלערט אָפן און דייטלאַך, אַז טעאַטער איז ראשית כל טעאַטער און האָט זײַנע אייגענע מעטאָדן פון שאַפן. דער טרעגער פון דער טע־אַטראַלער קונסט איז דער אַקטיאָר, ער איז דער קינסטלער, וואָס שאַפט די טעאַטראַלע קונסט. אַלץ, סיי די דראַמע און סיי די טע־אַטראַלע טעכניק, זײַנען זײַנע הילפס־מיטלען. אַלץ ווערט געקנאָטן און געפורעמט לויט די באַגריפן פון דער טעאַטער־קונסט. אַלץ, וואָס קומט אויף דער סצענע, מוז האָבן אַ ספּעציעלע טעאַטראַלע פאַרבונג און ליניע.

דער דאַזיגער באמת טעאַטראַלער גאון האָט קלאָר און דייטלאָך געשטעלט דאָס טעאַטער־פּראָבלעם. ער האָט מיט מעשים און קאָנ־קרעטע ביישפּילן באַוויזן די וועגן, וואָס פירן צו דער אויפלעבונג פון דער פאַרגעסענער טעאַטראַלער קונסט. זיינע שעקספּיר־אויפפי־רונגען, זיין חנדלען זיך מיט׳ן אַלטן באַראָק־טעאַטער האָבן באַוויזן, אַז ער האָט געפונען דעם שורש פון דער טעאַטראַלער קונסט.

נאָך דער דאַזיגער טעאַטראַלער זוכער האָט אַ צו גרויסן אַפּע־טיט. ער קען ניט הונגערן און וואַרטן געדולדיג אויף די געריכטן, וואָס דאַרפן לאַנג געקאָכט ווערן. יאָגנדיג זיך נאָך ריינער טעאַט־ראַלער קונסט, נאָך לויטערער טעאַטראַלער שאַפונג, האָט ער איבער געכאַפּט דאָס פאַר׳חלש׳ט האַרץ מיט עטלאַכע טוץ נאַטוראַליסטישע דראַמעס. ער האָט זיך געוואָרפן פון גרויסן מאַסן־טעאַטער צו שעקס־פּיר׳ס אייביגער טעאַטראַלישקייט, פון נאַטוראַליזם צו דער קאָמעדיע דעל־אַרטע. ער האָט מאָדערניזירט סאָפאָקלען און „קלאַסיצירט“ הויפּטמאַנען. ער האָט זיך געוואָרפן אַ צערייצטער פון איין טעאַט־ראַלן איינפאַל צום אַנדערן; פון אַ גראַנדיעזער אויפפירונג פון עטלאַכע טויזנט אַקטיאָרן און פיל טויזנטער פּובליקום צו אַ שטילער קאַמער־אויפפירונג. ער האָט ניט געהאַט די אויסגעהאַלטנקייט, די געדולד פון אַ פּרינציפּיעלן מענטשן,וואָס וויל דורכפירן מיט אַלע כחות אַ קלאָרן קינסטלערישן פּרינציפּ.

אַ גרויסער טעמפּעראַמענט — איז אים דער געוויש, דער גרוי־סער פאַרנעם, די ברויזנדיגע טעטיגקייט דער עיקר. זיי רייצן אים, צעוודערן אים און באַפרידיגן אים אויף אַ געוויסער צייט.

אין טומל און אין געפילדער, וואָס ער האָט געשאַפן אַרום זיך, האָט ער אָבער ניט פאַרגעסן איינגאַנצן דעם הויפּט־פּרינציפּ, ער האָט אין אַלע אויפפירונגען זיינע געלאָזן דורכשימערן די טעאַטראַלע קונסט. ער האָט זיך אפילו אין דער נאַטוראַליסטישער דראַמע אַריינגעבראַכן מיט טעאַטראַלישקייט, ער האָט אפילו דער דאַזיגער ריינער ליטעראַרישער באַשעפעניש אַ טעאַטראַלן מלבוש אָנגעטאָן און טעאַטראַלע פאַרבן און ליניען איר געגעבן.

פּרואוון זיינען געמאַכט געוואָרן אויך אין אַנדערע לענדער. אין רוסלאַנד, למשל, האָט אין דערזעלביגער צייט יעווריייאינאָוו פּרו־בירט טעאַטראַליזירן דעם טעאַטער. אין ענגלאַנד איז גאָרדאָן קרעג

געווען עפּעס ניט שוה בשוה מיט'ן רעאַליזם און האָט פּרובירט דעם ליטעראַרישן סימבאָליזם טעאַטראַליזירן. ער האָט דעם גרויסן רעאַליסטישן מלבוש פאַרביטן אויף אַ פאַרביגן און סימבאָלישן מלבוש, ער האָט אָנשטאָט דער נאָכמאַכערישער רעאַליסטישער באַוועגונג געגעבן אַ סימבאָלישע באַוועגונג.

אין רוסלאַנד האָט שוין מייערכאָלד לאַנג דערשפּירט מיט זיין חוש די אייגנאַרטיגקייט פון דער פאַרגעסענער טעאַטער־קונסט און האָט מיט יאָרן צוריק דעם אַלטן באַראָק־טעאַטער מיט זיין אַקטיאָרישער פּראַכט אויפגעלעבט. דער דאָזיגער ליידנשאַפטלאַכער טעאַטראַל איז אָבער אַ ברויזענדיגער זוכער. איידער אַ טעאַטער־אידייע ווערט אין אים צייטיג, איידער זי באַקומט הויט און ביינער, פלאַמט אין אים אויף אַ נייע אידייע, זי בריט נאָך און ברענט נאָך אין זיין פאַנטאַזיע און עס ברויזט שוין אַן אַנדער אידייע. און אַזוי וואַרפט ער זיך מיט אַ גוואַלדיגן אימפּעט פון איין אידייע צו דער אַנדערער, פון דער קאָמעדיע דעל־אַרטע צום גאַסן־באַלאַגאַן, פון באַלאַגאַן צו די גראַנדיעזע און פּאָמפּעזע הויף־ספּעקטאַקלען, פון די הויף־ספּעקטאַקלען צום אַגיטאַציע־טעאַטער, וואָס איז אָרגאַניזירט מיליטעריש און טרעט אויף לויט „טרעוואָגע".

נאָר אין די אַלע פּרואוון און זוכונגען, וואָס זיינען בעצם געבונדן און געקייטלט איינע מיט די אַנדערע, אין דעם כאַאָטישן טומל עגבערט כסדר איין געדאַנק, איין הייסער פאַרלאַנג אַרויסצעשיילן די טעאַטראַלע קונסט פון דעם ליטעראַרישן שאַלאַכץ, אַרויספירן זי אויף דער ווייסער וועלט פריי און זעלבסטשטענדיג.

און איטלאַכער אויף זיין שטייגער האָט געהאָלפן דעם טעאַטער צו באַפרייען זיך פון די ליטעראַרישע קייטן, איטלאַכער האָט געוועקט דעם טעאַטער פון זיין לאַנגן לעטאַרגישן שלאָף.

יעווריינאָוו מיט דער טעאַטראַלער אויסערלאַכקייט, גאָרדאָן קרעג מיט דער טעאַטראַליש סימבאָלישער פייערלאַכקייט, ריינהאַרדט מיט די גראַנדיעזע מאַסן אַרויסטרעטונגען און מייערכאָלד מיט זיין בטול'דיגער באַציאונג צום טעקסט האָבן געבראָכן דעם שטרענגן אויטאָריטעט, און די אומבאַשריינקטע אויבערמאַכט פון דער ליטעראַטור אין טעאַטער. פון דעם נעבל הויבן זיך אָן אַרויס־

צעשלעגגלען די וועגן פון דער טעאַטער־קונסט, פון דעם זוכונג־פּי־בער און פון דער פאַרגעסענער טעאַטראַלער קונסט.

עס ווערט וואָס ווייטער אַלץ קלאָרער, אַז דאָס טעאַטער קאָן ניט גיין אויף איין וועג מיט דער ליטעראַטור, אַז טעאַטער מוז קודם כל זיין טעאַטער, ער קען זיך באַנוצן מיט דער דראַמע בלויז ווי מיט אַ טעמאַ. די דראַמע קומענדיג אין טעאַטער מוז זיך בויגן פאַר די געזעצן און פאָדערונגען פון דער טעאַטראַלער קונסט.

דאָס טעאַטער האָט אַ גרויסן שותף אין זיין שאַפן, אַ שותף, וועלכן די ליטעראַטור האָט ניט. דער גרויסער מיטשאַפער און מיט־שפּילער אין טעאַטער איז דאָס פּובליקום. דאָס ליטעראַרישע ווערק ווערט באַשאַפן אין דער שטרענגער שטילקייט, ערגיץ אין אַ היימ־לאַכן שווייגנדיגן קאַבינעט. דער אַקטיאָר מוז האָבן דאָס פּובליקום, דעם גרויסן עולם מיט וועלכן ער שפּילט.

דער עולם ווירקט אויף דעם אַקטיאָר און דער אַקטיאָר אויפ׳ן עולם. דער אַקטיאָר אַליין אָן פּובליקום קען גאָר ניט שאַפן. דאָס פּובליקום פאַרוואַנדלט אים אין אַן אַקטיאָר און ער פאַרוואַנדלט דאָס פּובליקום און מיטשפּילער. זיי ווערן ביידע צונויפגעוואַקסן און פון דער דאָזיגער צונויפוואַקסונג קומט די ריכטיגע טעאַטראַלע שאַ־פונג.

דאָס פּובליקום דאַנקט דעם אַקטיאָר פאַרוואָס ער האָט עס באַ־פרייט פון דער אַלטעגלאַכער גרויקייט און עס אויפגעהויבן צו דער מדרגה פון עקסטאַז, פאַרנייגט זיך דער אַקטיאָר און דאַנקט צוריק דאָס פּובליקום, זיין גרויסן שותף, וואָס האָט מיט אים געטאָן דעם נעמלאַכן חסד.

שעקספּירס גרויסע אַקטיאָרישע דראַמעס, דער גרויסער טעאַט־ראַלער פאַרנעם זיינען באַשאַפן געוואָרן מיט׳ן פּובליקום. שעקספּירס אַקטיאָרן זיינען געווען צווישן פּובליקום. שעקספּיר איז געשטאַנען אין מיטן פון אַ פאָלק, וואָס האָט מיטגעשפּילט און אפשר דערפאַר זיינען זיינע ווערק טעאַטראַליש געניאַל. שעקספּיר איז ניט געווען קיין ליטעראַט, קיין שריפטשטעלער, ער איז געווען אַן אַקטיאָר.

און גערעכט איז אפשר טאָלסטאָי, וואָס קען ניט ליידן שעקס־פּירן. ער גייט צו צו אים ווי צו אַ שרייבער, ניט ווי צו אַן אַקטיאָר. דער שרייבער איז דער איינזאַמער פילאָזאָף, ער קען ציילן די ווער־

טער, ער קען שלייפן, פּאָלירן ריין אינדיווידועל, דער אַקטיאָר שאַפט מיט׳ן פּובליקום, מיט דעם גרויסן טעמפּעראַמענט, מיט דעם וואול־קאַן, וואָס שלײַדערט סנאָפּעס פייער אויף דער בינע און דער אַק־טיאָר שלײַדערט זיי צוריק.

דאָ איז אַ וואַקכאַנאַליע פון שאַפן, אַ מעשה בראשית אָרגיע. און שעקספּיר דער גרויסער אַקטיאָר אין דער דראַמע איז אַ שפּילער מיט דער אויפרעגונג און מיט דער היסטעריע פון דער מאַסע. אין שעקספּירס ווערק ליגן קלאָר און בולט די קאָנטורן פון דער טעאַטראַ־לער קונסט און עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס דער נייער אויפלעבנ־דיגער טעאַטער האָט זיך ארויפגעוואָרפן מיט אַזא התלהבות אויף שעקספּירן.

שעקספּיר פאַראייניגט דעם אַקטיאָר מיט׳ן פּובליקום, מיט׳ן ריכטיגן קוואַל פון אַקטיאָרישן שאַפן.

די ליטעראַטור, געטריי איר גאַנצן מהות, האָט ביים אַקטיאָר זיין מיטשפּילער צוגענומען. זי האָט געשאַפן אַ שטרענגע מחיצה צווישן אַקטיאָר און פּובליקום — די ראַמפּע. די ליטעראַטור האָט דאָס פּובליקום געהאַלטן ווייט פון דער סצענע, באַהאַלטן אין אַ חושך און האָט שטרענג באַפוילן, אַז דאָס פּובליקום זאָל ניט ארויסווייזן קיין סמנים פון לעבן, עס זאָל ניט געבן דעם אַקטיאָר פילן, אַז עס איז דאָ ניט ווייט פון אים און לעבט איבער מיט אים צוזאַמען.

סטאַניסלאַווסקיס טעאַטער, למשל, האָט אָפּגעשאַפט די מאָדע פון אַפּלאָדירן —

— ליטעראַטור, התבודדות, שטילע דביקות — דאָס שטילע שאַפן אין איינזאַמקייט.

דער ערשטער און וויכטיגער פּרינציפּ פון דעם נייעם טעאַטער איז — צוריק צום פּובליקום, צוריק צום גרויסן מיטשפּילער. די ראַמפּע מוז צעשטערט ווערן — אוים מחיצה, אוים באַהעלטעניש. דער אַקטיאָר און דאָס פּובליקום זיינען די געביטער אין טעאַטער. זיי שאַפן צוזאַמען.

דער דיכטער שאַפט ווען ער איז „אין דער שטימונג“. דער שוישפּילער מוז שאַפן אין אַ באַשטימטער שעה און זאָגאָר אין באַשטימטער מינוט. הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג, מוז ער אַרויס. די דאָזיגע שאַפונגס־צוואַנג, די דאָזיגע שאַפונג לויט באַשטע־

לונג פאַדערט פון אַקטיאָר אַ גוואַלדיגע געשיקטקייט, פלינקייט און אַקטיאָרישע טעכניק. זיין קערפּער — זיין אינסטרומענט מיט וועלכן ער שפּילט — דאַרף פאַרמאָגן ווירטואָזע בויגיגקייט, עלאַסטישקייט.

די טעאַטער־קונסט האָט אירע אייגענע אויגן מיט וועלכע זי זעט די וועלט. דער מוזיקער זעט די וועלט אין קלאַנגען, דער מאָלער — אין פאַרבן, דער שוישפּילער — אין פּלאַסטיק, אין באַוועגונג.

דער מוזיקער איז שטענדיג טעאַטראַליש, ווייל מוזיק איז ניט געפיל־אויסדרוק, מוזיק איז קינסטלערישער אויסדרוק. די איינפּאַכסטע איבערלעבונג קען אויפוועקן ביים מוזיקער די לוסט צו שאַפן.

די איבערלעבונג מוז אויסגעלייטערט ווערן. די גרויע ווירקלאַכקייט מוז פאַרשוואונדן ווערן. די איבערלעבונג ווערט פאַרוואַנדלט אין פאַנטאַזיע און דאַן קען זי ערשט מוזיקאַליש אויסגעדריקט ווערן.

אין דעם פּרט איז מוזיק טעאַטראַליש.

דער מאָלער, ווען ער קומט אין טעאַטער, קומט ער מיט טעאַטראַלע ליניעס און פאַרבן. דעריבער זיינען מוזיק און מאַלעריי די נאָענטסטע שותפים, די לייבלאַכסטע מיטשאַפער אין טעאַטער.

דער נאַטוראַליזם, ד. ה. די קנעכטישע געבונדנקייט צו דער ווירקלאַכקייט, איז פרעמד דעם טעאַטער. דאָס טעאַטער האָט זיין ווירקלאַכקייט, וואָס איז גאָרניט ענלאַך אויף דער ליטעראַרישער. ניטשע האָט בנוגע טעאַטער געזאָגט פאָלגענדן טיפן געדאַנק: כדי צו ווירקן וואָר, איז לחלוטין ניט נויטיג צו זיין וואָר. מיט דעם איז געמיינט, אַז די אילוזיע פון ווירקלאַכקייט דערגרייכט מען ניט דורך דער ווירקלאַכקייט גופא.

די פּראַקטיק אין דעם נאַטוראַליסטישן טעאַטער האָט געוויזן, אַז די נאַקעטע ווירקלאַכקייט איז ניט טעאַטראַליש און ווירקט ניט טעאַטראַליש.

דער באַוואוסטער פאַריזער רעזשיסער, דער געטרייער נאַטוראַליסט, אַנטואַן, האָט אַמאָל אין אַ שטיק, אין וועלכן עס האָט באַדאַרפט ארויסטרעטן די פּסולת פון דער פאַריזער אונטערוועלט — אַפּאַשן, אַלפאָנסן און געפאַלענע פרויען — ארויסגעלאָזן אויף דער סצענע עכטע אַלפאָנסן, עכטע אַפּאַשן און עכטע גאַסן־פרויען, וועלכע ער האָט צוזאַמענגענומען אין די פינסטערע שענקלאַך. די אמת'ע

אונטערוועלט, ווי זי גייט און שטייט, האָט קיין רושם ניט געמאַכט. אַלע האָבן געפּילט — עס איז ניט קינסטלעריש. ער האָט דערנאָך אַרויסגעלאָזן אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשפּילט די מענטשן פון דער אונטערוועלט, און דער קינסטלערישער איינדרוק איז געווען שטאַרק און גרויס.

עס איז שוין פון לאַנג קלאָר פאַר שוישפּילער, אַז אימיטאַציע, נאָכקאָפּירן עמיצן האָט לחלוטין ניט צוטאָן מיט שוישפּילער־קונסט. די גלענצנדסטע אימיטאַטאָרן זיינען ס׳רוב גאָר קיין שוישפּילער ניט.

ווייטער איז מיט דער גרעסטער קלאָרקייט פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער נאַטוראַליזם, וואָס האָט זיך אָנגעשטרענגט צו געבן אַן אילוזיע פון דער ווירקלאַכקייט, ד. ה. ער האָט געוואָלט ביים צושויער מטושטש מאַכן דעם איינדרוק פון שפּילן אויף דער בינע, דער צושויער זאָל פאַרגעסן, אַז מען שפּילט, ער זאָל מיינען, אַז עס קומט פאָר עפּעס ווירקלאַכעס, האָט אַבסאָלוט גאָרניט גע׳פּועל׳ט. דער נאַטוראַליזם האָט אויף דער סצענע אַרויפגעבראַכט אמת׳ע מעבל, געשיר, מען האָט געטרונקען אמת׳ן וויין, אמת׳ע טיי, מען האָט געגעסן אמת׳ע קאָטלעטן און מען האָט געקלאַפּט מיט אמת׳ע מעסער און גאָפּלען, הכלל מען האָט באַהאַלטן די שפּורן פון שפּילן. דאָס פּובליקום האָט אָבער געזען, אַז מען שפּילט, נאָכמער, דאָס פּובליקום האָט געזוכט דאָס שפּילן אונטער דער מאַסקע פון דער ווירקלאַכקייט.

און אַזוי אַרום איז קלאָר, אַז טעאַטער הייסט דווקא שפּילן, דאָס איז דער תוך, דער מהות פון טעאַטער־קונסט. און דאָס שפּילן מוז בולט זיין. דאָס טעאַטראַלע גלאָז און פלעשל, ד. ה. דאָס פלעשל פון פּאַפּע־מאַשע, פון קאַרטאָן מאַכט מער איינדרוק, גיט מער דעם איינ־דרוק פון שפּילן, ווי דאָס אמת׳ע פלעשל, און דאָס אמת׳ע גלעזערנע גלעזל. דער טעאַטראַלער קאָסטיום, די טעאַטראַלע דעקאָראַציע, די טעאַטראַלע באַוועגונג, דאָס טעאַטראַלע וואָרט, וואָס ווייטער זיי זיינען פון דער ווירקלאַכקייט און וואָס מער זיי זיינען שפּילעריש, אַלץ מער טעאַטראַליש זיינען זיי און אַלץ נעענטער צו דער טעאַט־ראַלער קונסט.

טעאַטער איז אַ שפּיל אין איבערלעבונגען. אַ וועלט אין שפּיל. טעאַטער איז די קונסט, וואָס באַנעמט די וועלט טעאַטראַליש.

דאָס טעאַטער איז ניט באַשאַפן פאַר דעם, צו געבן אַ תּקון דער דראַמע. ניין, די דראַמע, די קאָמעדיע, דאַרפן העלפן אַרויסצוברענגען דאָס טעאַטראַלישע, צוגעבן השלמה דער טעאַטראַלער קאָמפּאָזיציע. אין צענטער, אין מיטל־פּונקט פון דער טעאַטראַלער קאָמפּאָזיציע ערשיינט דער אַקטיאָר, דער דיכטער, דער טרעגער פון דער טעאַטראַלער קונסט.

די גרעסטע טעאַטראַלע ווערק זיינען געשאַפן געוואָרן פון דיכטער אַקטיאָרן — פון שעקספּיר און מאָליער. די דאָזיגע האָבן טעאַטראַלישע ווערק געשאַפן, ווערק וואָס זיינען געבונדן מיט דער אַקטיאָרישער קונסט, ווערק וואָס וועלן בלייבן אייביג פאַר׳ן טעאַטער, ווייל זיי זיינען דורכגעזאַפּט מיט דער טעאַטראַלער קינסטלערישער וועלט־אָנשויאונג. די דאָזיגע ווערק זיינען גרויסע טעאַטראַלע טעמעס פאַר׳ן שוישפּילער.

דער פּועל יוצא איז: דאָס טעאַטער קאָן און מוז שטיין אויף זיינע אייגענע קינסטלערישע פיס. דעם ערפאָלג מוז ער מיט זיינע אייגענע מיטלען שמידן און אויסהאַמערן. ניט פון דער דראַמע דאַרף דאָס טעאַטער ערוואַרטן דעם ערפאָלג, נאָר פון זיינע אייגענע שאַפונגס־מעגלאַכקייטן, פון דער אויפפירונג, פון דער טעאַטראַלער קאָמפּאָזיציע. דאָס פּובליקום קומט זען טעאַטער, ניט הערן טעאַטער, ניט הערן ווי מען לייענט אים פאַר דראַמעס און קאָמעדיעס. עס קומט זען דאָס שפּילן.

פאַר דער דאָזיגער קאַרדינאַלער פראַגע איז געשטאַנען דאָס אייראָפּעאישע טעאַטער, דאָס איז געווען זיין שווערער קריזיס. דאָס אייראָפּייאישע טעאַטער איז אַרויס פון קריזיס. דאָס טעאַטער האָט זיך געפונען. אין פיל אייראָפּייאישע טעאַטערן קומט מען זען אַן אויפפירונג, אַ טעאַטראַלע קאָמפּאָזיציע. מען פרעגט ווייניג און מען וויים אפשר ניט וואָס מען שפּילט, מען פרעגט און מען וויסט ווי מען שפּילט.

אונזער טעאַטער איז איצט דערגאַנגען צו דעם דאָזיגן קריזיס. ער מוז זיך שיידן מיט דער דערציילערישער, נאַוואַליסטישער און ליטעראַרישער דראַמע. ער מוז איבערגיין צו טעאַטראַלער דראַמע, ד. ה. דאָס אידישע טעאַטער מוז זיך אַליין געפינען. ער מוז איבערגיין צו זעלבסטשטענדיגער טעאַטראַלער שאַפונג.

גלגולים

נאָך דאָ ניט לאַנג איז די אידישע ליטעראַטור געווען דער איינ־ציגער קונסט־צווייג אין דעם אידישן קולטורעלן לעבן, וואָס האָט דערגרייכט אַ הויכע קינסטלערישע מדרגה און האָט דעריבער אויך געהאַט די גרעסטע ווירקונג אויף אונזער גייסטיגן לעבן.

די ריין קינסטלערישע און עסטעטישע שטרעבונגען זיינען גע־ווען איינג פאַרבונדן און פאַרוויקלט מיט נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, חלומות און אידעאַלן. די ליטעראַטור איז געווען דער העכסטער אויסדרוק פון דער אידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. דער העכ־סטער — ווייל זי איז געווען דער קינסטלערישער אויסדרוק, די עסטעטישע באַנעמונג פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

דער הייסער אָטעם פון אַ נאַציאָנאַלן אידעאַל האָט זי געוואַ־רימט און באַגייסטערט, גרויסע האָפנונגען און פאַרביגע חלומות האָבן איר פליגלען געגעבן, די שטרעבונג צו אַ ניי און יונג לעבן האָט איר מיט מוט און שאַפונגס־כחות באַשיינקט.

אַרויסגעוואַקסן פון לעבן, איינגעוואָרצלט אין לעבן האָט די אידישע ליטעראַטור געזוכט און געפונען עכט אידישע אויסדרוק־מיטלען און אַן עכט אידיש קינסטלערישע פאָרם. און אַזוי אַרום האָט זיך די אידישע ליטעראַטור אַריינגעקייטלט ווי אַ רינגעלע אין דער לאַנגער קייט פון אידישער קולטורעלער שאַפונג. די אַלטע, גרויסע קולטורעלע ירושה, דער גרויסער קולטורעלער פאַרמעגן פון דורות האָבן איר, דער יונגער ליטעראַטור, דעם הדרת־פּנים פון געלייטער־טער אַלטקייט געגעבן און מיט דעם גרויסן ערנסט באַהויכט.

די יונגע אידישע ליטעראַטור האָט זיך אָבער גיך אויסגעלעבט. נאָך אַן עופ׳עלע, וואָס הויבט ערשט אָן צו מאַכן די ערשטע זיכערע טריט, איז זי אַנטלאָפן פון דער היים און זיך געלאָזן וואַגאַבונדעווען איבער דער גרויסער וועלט. זי האָט דאָרטן איבערגענומען אַלע

וואוילערישע חנ׳דלאך, אלע פרעמדע, הפקר׳דיגע גרימאסן, אלע שפּיציגע העויות׳לאך און אלע קינסטלערישע שמד־שטיק.

אין דעם גרויסן וועלט־חורבן האָט אָנגעהויבן צו בושעווען דער שמד. שמד אין דער פּאָליטיק, שמד אין דער עקאָנאָמיק, שמד אין דער געזעלשאַפטלאַכקייט, שמד אין דער רעליגיע, שמד אין דער פילאָזאָפיע און שמד אין דער קונסט.

עס איז א צייט פון גרויסע סקאַנדאַלן, די וועלט איז געוואָרן סקאַנדאַליעז, דאָס לעבן איז א ווירבל־ווינט פון סקאַנדאַלן: דער גרויסער מלחמה־סקאַנדאַל האָט געגעבן דעם סיגנאַל און נאָך איר האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער וועלט א היישעריק פון קליינע סקאַנדאַלן, וואָס צעפרעסן דאָס לעצטע ביסל מענטשלאַכע מאָראַל, דאָס לעצטע ביסל גלויבן, דאָס לעצטע ביסל יושר און רחמים, וואָס זיינען געבליבן אויף דער וועלט.

איז דער גייסט אויך געוואָרן סקאַנדאַליעז, איז די קונסט אויך געוואָרן צעוועררימט. איז איטלאַכס ניי בוך א טרייפער, ציינישער שמייכל אויף פאַרוועלקטע ליפּן, און איטלאַכס ניי ליד א שעלמיש שמד־שטיקל און איטלאַכעס מאָלעריש בילד — א קודס׳ישע הינ־טער־פיסל.

האָבן מיר ניט געקאָנט היטן די פיר ווינקעלאך פון אונזער לי־טעראַטור, מיר האָבן זיי ניט געקאָנט שיצן פון חורבן, מיר האָבן ניט געהאָט קיין כ ש ר ׳ ע מ ז ו ז ו ת, וועלכע זאָלן ניט דערלאָזן, אַז צו אונז זאָלן זיך אַריינרייסן די שדים און רוחות פון דער אומוויר־דיגער צייט.

האָט אונזער ליטעראַטור אויך גענומען שצירען מיט די ציין און כיכיקען הייזעריג־וואוילעריש אויף דעם גרויסן אידישן בית־עלמין ווי א זייטיגע, ווי אווילד פרעמדע.

א ווילד פרעמדע איז איצט די נייע אידישע ליטעראַטור, זי האָט ניט קיין פאָלק, זי האָט ניט קיין היימישע אידעאַלן, זי האָט ניט קיין היים, זי האָט ניט קיין נאַציאָנאַלע נשמה, א הפקר׳דיגע בעטלערין, וואָס לעבט פון די גייסטיגע ברעקלאך פון פרעמדע טישן.

אונזער יונגע ליטעראַטור האָט זיך אָפּגעריסן פון דעם אַלטן קולטורעלן בוים אונזערן, האָט זי ניט פון וואַנען צו ציען איר יניקה א וואַיר פעלט דער געזונטער חיות.

אָפּגעריסן פון אַלע אייביגע אידישע אידעאַלן, ווייט פון אַלטע חלומות פעלט איר גלויבן, פעלט איר התלהבות, פעלט איר דבקות און זי וויל אַלץ פאַרדעקן מיט שמד־שטיק, מיט בריה'שקייט און פלינקייט.

אין דער צייט, וואָס די יונגע אידישע ליטעראַטור בלאָנדזשעט אַרום אין גייסטיגן חושך צווישן אומהיימלאַכע חורבות, זיינען אויפ־געוואַקסן אַנדערע קונסט־צווייגן, זיי האָבן אויפגעכאַפּט די איבער־געריסענע פעדים פון עכט אידישער שאַפונג און וועבן ווייטער אונ־זער קולטור־געוועב.

עס האָט אויפגעבליט אַ אידישע מאַלעריי, וואָס איז נאַציאָנאַל, אי לויט איר פאָרם, אי לויט איר אינהאַלט. עס האָט זיך באַוויזן מאַרק שאַגאַל, וואָס האָט די מאַלערישע וועלט ממש איבערראַשט מיט זיין מיסטיש־אידישער פאַרביגקייט, מיט זיין רעטזעלהאַפטער אידישער פאָרם און מיט זיין טיפן אידישן געמיט. עס האָט זיך באַוויזן נאַטאַן אַלטמאַן מיט זיינע וואונדערלאַכע אידישע גראַפישע צייכנונגען. עס האָבן אויפגעשיינט צענדליגער אידישע מאַלער, וואָס זוכן און שאַפן מיט אַן אמת אידישן ברען.

די יונגע אידישע מאַלעריי האָט זיך געלאָזט זוכן די עכט אי־דישע פאָרם, די עכט אידישע מאַלערישע ליניע אין דער ווייטער און אין דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט אונזערער; אין די אַלטע שולן, אין אַלטע ספרים, אויף אַלטע בית־עלמין'ם און אין אַלע באַהאַלטענע פאַרוואָרלאָזטע ווינקעלאַך פון אונזער עכטער אייגנאַרטיגער שאַפונג. און עס איז פאַר זיי אַנטפּלעקט געוואָרן אַ וועלט פון אידישע פאַרבן, פון אידישע ליניען און פאָרמען.

און עכטע רעוואָלוציאָנערן זיינען זיי אין דער קונסט, ווייל זיי זיינען געקומען צו דער וועלט מיט זייער אייגנם, מיט זייער בולט'ן קלאָרן „איך", מיט'ן דרייסטן און שטאָלצן אידישן „איך".

דאָס נעמלאַכע האָט אויך פּאַסירט מיט דעם גאָר יונגינקן, מיט דעם נאָך גאָר אומבאַהאָלפענעם קונסט־צווייג — מיט דער אידישער מוזיק. זי האָט אָנגעהויבן מיט'ן פּרימיטיוון אידישן פאָלקס־לידל און איז דערגאַנגען צו די ווייטע קלאַנגען פון אידישער מוזיקאַלישער מסורה.

דער מוזיקער מילנער, אחרון און אנדערע האָבן אין דעם ניגון פון קריאת התורה, אי ןדעם ניגון פון אקדמות און אין אלע ווייטע, פאַר'חלומ'טע און מיסטיש־פאַרהילטע רעליגיעזע ניגונים דערהערט דעם עכטן אידישן מוזיקאַלישן קלאַנג.

מען גייט צום אַלטן מקור, צום אייביגן קוואַל, פון וועלכן הונ־דערטער דורות האָבן זייער יניקה געצויגן, צו דער גרויסער פאַרגאַנ־גענהייט, אין וועלכער דער אידישער גייסט האָט געשאַפן פריי און עכט. און מיט דער דאָזיגער פאַרגאַנגענהייט פאַרקוויקט מען די געגנוואַרט.

און עס איז ביים קינסטלער קיין סתירות ניטאָ, ווייל אמת'ע שייִנקייט און קינסטלערישע עכטקייט ווערט ניט אויסגעטראַכט, זיי ווערן ניט ערפונדן פון קלוגע קעפּ. עס איז אַ שאַפונגס־פּראָצעס, עס ציט זיך דורך דורות, עס ליגט באַהאַלטן אין דער נשמה פון דורות און דער אמת'ער קינסטלער איז די אויסשטראַלונג פון דער קינסט־לערישער ענערגיע פון דורות.

אויך אין אונזער טעאַטער האָבן זיך אָנגעהויבן די זוכעניִשן נאָך עכטער אידישער קונסט.

דאָס אידישע טעאַטער איז געווען אַן אונטערגעוואָרפן קינד אין אונזער קולטורעלן לעבן. ער האָט ניט געהאַט קיין גייסטיגן טאַטן און מאַמען, ער האָט ניט געהאַט קיין גואל און קיין קרוב אין אונזער קולטור־וועלט.

אַ גאַסן־קינד, איז ער אין אַלטן פרומען חדר אונזערן ניט גע־גאַנגען, ער האָט זיך אויך קיינמאָל ניט גע'חבר'ט מיט אונזערע אי־דעאַלן, ער האָט זיך ניט געשפּילט מיט אונזערע נאַציאָנאַלע האָפ־נונגען.

מיר האָבן זיך גאָרניט געוואָלט דערגראָבן צו זיין שורש. נעפּל־דיגע לעגענדעס האָבן געפירט זיין ספר היוחסין צום פּריילאַכן שענקל, צום פאַרפינסטערטן הינטער־געסל און צום גייסטיג־קבצנ'ישן פּורים־שפּיל. קיין אחיזה, קיין אָנהאַלט אין דעם אידישן גייסטיגן לעבן, קיין קרובה'שאַפט מיט דעם אידישן רעליגיעזן לעבן און קיין פאַרבינדונג מיט דער נייער אידישער קולטור.

חכלל, אן אונטערגעוואָרפן קינד, אַ קולטורעלער ממזר׳ל.

און ניט בלויז די אידישע אָרטאָדאָקסיע האָט געהאַלטן דעם אידישן טעאַטער פאַר אַן אונגעזעצלאך קינד, גע־ענקענדיג, אַז טע־אַטער איז שטרענג פאַרבאָטן און גע׳אסר׳ט געוואָרן מיט דורות צוריק, נאָר אפילו דער נייער דור האָט דעם אַלטן אסור און חרם געהאַלטן פאַר אַזאַ פיזישן און מאָראַלישן כח, וואָס סהאָט אָפּגעטויט אויף דורות לאַנג דעם טעאַטראַלן חוש באַ אידן און דעם אייביגן מענטשלאַכן דראַנג צום שפּיל, צו פּאָזע און צו פייערלאַכע ארויס־טרעטונגען. און עס איז גאָר קיינעם ניט איינגעפאַלן צו זוכן די וואָרצלען פון אידישער טעאַטראַלישקייט ערגיץ אַנדערש ווי אין דים חושך׳דיגן הינטער־געסל. זוכן דעם מקור פון דער טעאַטראַ־לישקייט אין דער אידישער רעליגיע, וואָס האָט גע׳פסל׳ט דעם טעאַטער, וואָס האָט אים באַטראַכט אַלס אַ געצנדינערייִ, איז פאַר׳ן נייעם דור אַ לאָגישער אומזין.

אגב איז דער טרעגער פון דער טעאַטער־קונסט, דער אַקטיאָר, געוועזן דער גרויסער עם־הארצות׳שער מופקר און מען האָט אין זיין שאַפן בשום אופן ניט געקאָנט הערן דעם אָפּקלאַנג פון רעליגיעזן עקסטאַז, דעם אָפּשאַל פון וויטער מיסטיק, מען האָט בשום אופן ניט געקאָנט זען די פעדים, וואָס פאַרבינדן דעם אַקטיאָר מיט דער אַלטער קולטור און אפילו וועלכע ס׳איז קרובה׳שאַפט מיט דער מאָ־דערנער אידישער קולטור.

און די קורצזיכטיגע לאָגיק האָט געמוזט באַטראַכטן דעם אי־דישן טעאַטער ווי אַ צופאַל, אָדער העכסטנס ווי אַ שוואַכע נאָכ־אַמונג; ווי אַן אומבאַהאָלפענע איבערקרימעניש פון דעם אייראָפּיי־אישן טעאַטער. און די דערשראָקענע „פאָרשונג“ אונזערע איז מיט איר דרייסטקייט דערגאַנגען ניט וויטער פון דעם פורים־שפיל.

מען האָט געוואוסט, אַז דאָס טעאַטער בכלל איז באַ אַלע אַנ־דערע פעלקער אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אין שוים פון דער רעליגיע, אַז ער איז לכתחילה געוועזן דאָס פייערדיגע געבעט צו דער געהיימ־ניספולער אַלמעכטיגקייט, דער פאַרלאַנג און די שטרעבונג צו פאַר־וואַנדלען זיך אין אַן איבערמענטשלאַכער געשטאַלט, פילן און דיינ־קען געטלאך. מען האָט געוואוסט, אַז קונסט איז ניט וואָכעדיגקייט, פויזנדיגע גרויקייט, אַז קונסט שלעפּט זיך ניט אַפּאַטיש נאָך דער

אלטעגלאבקייט און קאפירט ניט נאך אירע גרימאסן. מען האט גע־וואוסט, אז קונסט איז נשמה יתירה, זי שוועבט איבער דעם אל־טעגלאבן, זי שוועסטערט זיך מיט רעליגיע.

מען האט עס אלץ געוואוסט, אבער ביי אונז, אין אונזער טעאטער, האט מען ניט געזעהן דעם שפיץ, וואס דערגרייכט אין הימעל און מען האט ניט געזעהען די טיפע ווארצלען פון א ווייטער פארגאנגענהייט. האבען מיר אנגעהויבען אונזער גע־שיכטע פון פורים־שפיל. ווייטער זיינען אונזערע השגות ניט געגאנגען. מיר זיינען געווען איבער גליקלאך ווען מיר האבן אנטדעקט, אז מיט דריי הונדערט יאר צוריק האבן עטלאכע אידי־שע לצים געשפילט קאמעדיע.

האבן מיר כאטש א שטיקל יחוס־אבות, איז אונזער טעאטער ניט קיין ממזר.

דער אידישיזם, דער קורצזיכטיגער אידישיזם, וואס האט גע־וואלט אדאפטירן דעם טעאטער און מאכן אים פאר זיין געזעצלאך קינד, האט אליין זיין יחוס־אבות, זיין געשיכטע ניט געקאנט דערפירען ווייטער פון דעם פורים־שפיל. דער אידישיזם האט אליין ניט געהאט דעם מוט און די דרייסטקייט צו פארקוקן זיך ווייטער, ער האט זיך אליין דערקלערט פאר'ן גייסטיג קינד פון דעם היינטיקן „פשוט"ן פאלק".

האט מען זיך גע'נחת'ט מיט דעם פאלקס לידל, האט מען געזוכט פאלקס נשמה אין דער פאלקס מעשה'לע, אין דעם פאלקס־ווערטל. עס איז דעם אידישיזם גאר ניט איינגעפאלן, אז דאס אלץ איז די שיחת־חולין פון פאלק. דאס פאלק האט געהאט א בית המדרש וואו ער האט זיין שענסטע צייט, זיינע שבתים און יום טובים פארבראכט. דאס פאלק האט תהילים געזאגט, האט מעביר סדרה געווען. דאס פאלק האט יום כיפור געפאסט און מיט עקסטאז מתפלל געווען. זיין גייסטיג לעבן איז געווען די רעליגיע. דאס פאלק איז געווען איינג פארבונדען מיט דער פארגאנגענהייט, מיט מיסטישער פארגאנגענהייט.

דער אידישיזם האט אין דעם פורים־שפיל געזוכט א נצוץ פון טעאטראלישקייט און האט ניט געזען די טיפע ברייטע טעאטראלישקייט אין דעם רעליגיעזן לעבן פון פאלק.

דער סדר אין די צוויי נעכט פון פסח איז א גרויסע טעאטער שאפונג, קיין דראמאטישער מאמענט אין דער וועלט־דראמע איז ניט דערגאנגען צו אזא דערהויבענקייט ווי דער מאמענט ווען מען עפנט די טיר פאר דעם „אונגעזעענעם" אליהו הנביא. וויפיל פייערליכקייט, וויפיל פאזע, וויפיל געזאנג, וויפיל פארקליידונג און פארוואנדלונגס־מאמענטן האט אין זיך דער סדר!

אין סדר אליין ליגט פארטיג א גאנצע אידישע טעאטראלע קאנסעפציע; היינט וואו איז יום־כפור, ראש השנה, שמחת־תורה, שבת מיט זייער אויסערלאכן טעאטראלן פראכט און אינערלאכע טיפע איבערלעבונגען?

דאס פורים־שפיל און דאס פאלקס ליד זיינען לחלוטין ניט קיין גאנץ ריין אידישע שאפונגן, זיי זיינען מייסטענס פרעמדע שטיפערייען, וואס האבן זיך צוגעקלעבט צום פאלק, זיי זיינען אמת פאראידישט געווארן, אבער עס זיינען שטארק ניכר די לאקאלע שפורן און די עטנאגראפישע קאלירן. דאס פורים־שפיל בא פוילישע אידען האט בולט'ע סמנים פון פוילישע פאלקס־קאמעדיעס. אין איטאליען האט דאס פורים־שפיל אלע עלעמענטן פון דער איטאליענישער קאמעדיע דעל ארטע*). דאס נעמלאכע איז מיט דעם פאלקס ליד — אין אוקראינע איז עס אוקראיניש, אין פוילען איז עס פויליש און א. וו.

פון דעם דאזיקן מיש־מאש פון פארשיידענע עטנאגראפישע פארבן און טענער פון די פארשיידענע לאקאלע פסולת'ן איז פשוט אוממעגלאך ארויסצושיילן אן עכטן אידישן טעאטראלן זשעסט. א ריכטיגע אידישע אינטאנאציע, אן אויסגעקריסטאליזירטע אידישע באוועגונג און אריין אידישע מימיק.

און אין אידישן טעאטער אז טאקי דא א משונה'דיגער תוהו ובוהו פון אינטאנאציעס, פון זשעסטן און באוועגונגען. מיר האבן עטנאגראפישע טעאטערס: מיר האבן א אידיש־פוילישן טעאטער, מיר האבן א אידיש־רוסישן טעאטער און מיר האבן א אידיש־אמעריקאנישן טעאטער.

---

*) זע: „געשיכטע פון דער אידישער טעאטער־קונסט", פון דר. י. שיפער.

און עס איז לחלוטין ניט קיין צופאל וואס אונזער טעאטער איז שטארק אין דער רעאליסטישער דראמע און מורא'דיג אומ־באהאלפען אין דער קלאסישער, סימבאלישער און אין דער ראַ־מאנטישער דראמע. פאר די דאזיגקע דראמעס האבן מיר ניט קיין אינטאנאציע, קיין זשעסט און קיין באוועגונג. מען שפילט בא אונז גוט א פוילישן אידן, א ליטווישן אידען, א רומענישן אידן, א גאליציאנעם אידן, א דייטשן אידן, אבער א אידן, א אידן מיט אלגעמיינע נאציאנאלע שטריכן, א אידן, וואס איז ניט גע־בונדן מיט לאקאלע רגילות'ן און ניט געפארבט מיט עטנאַ־גראפישע פארבן קאן אונזער טעאטער ניט שפילען.

עס איז פאראן איין ארט וואו דער איד איז פריי פון לאקא־לע רגילות'ן, וואו ער איז געריייניגט פון עטנאגראפישע פסלות וואו ער איז דער עכטער, דער אייביגער איד. דאס איז די רעליגיע: דער ניגון פון כל נדרי איז איינער פאר אלע אידן אין גאר דער וועלט. אין דער רעליגיעזער עבודה האבן אידן אן איי־גענע אויסדרוק פארם פון געפילען, אן אייגענע אינטאנאציע און אן אייגענעם זשעסט. דא רעדן זיי, דא באוועגן זיי זיך לויט אור־אלטער מסורה, דא איז זייער אידישע וועלט. דער ניגון פון איכה, פון שיר השירים, פון הקדמות, פון פארשיידענע תפילות, סליחות, זמירות, — דא ליגט דער גרויסער אוצר פון אידישער טעאטראלער אינטאנאציע. דא האט דאס אידישע פאלק אפגעהיט זיין אידישע אייגענארטקייט, זיין נאציאנאלע אויסדרוק פארם. דא האט ער געהאלטן ריין זיין קינסטלערישען „איך“, דא איז זיין באוועגונג אידיש מהודר'דיג, אידיש ברייט, דא איז זייער עכט־קייט געבליבן אומבארירט.

דאס האבן שוין באמערקט מיט הונדערטער יארן צוריק די אידישע דיכטער און דענקער פון שפאניען. משה אבן עזרא, למשל, אין זיין ספר „שירת ישראל“ רעדענדיג וועגן דער אידי־שער פאעזיע אין שפאניען איז מודה, אז דאס איז אראבישע פאעזיע אויף העברעאיש, אז בכלל זיינען אידן עכט און אייגענ־ארטיג נאר אין דער רעליגיע.

דער אידישן זשעסט אין אלטעגלאכן לעבן איז צעברעקעלט, צעריסן, קרענקלאך צעטערפעט, ער איז דראבנע און קאנוואולסיוו.

אין בית המדרש אָבער באַם דאַווענען, באַ די תפלות, איז זיין זשעסט ברייט, מאַיעסטעטיש, ער איז גאַנץ און פול מיט פּאַטאָס. די אידישע אינטאָנאַציע אין גאַס איז א געמיש, אַ גרויסער טומל פון פאַרשיידענע אינטאָנאַציעס. אין בית המדרש אָבער איז זיין אינטאָנאַציע פאַרביג, טיף מיסטיש און מוזיקאַליש. אין בית המדרש האָט דער איד פּאָזע, פּייערלאַכע האַלטונג און זיין גאַנצע באַנעמונג איז טעאַטראַליש אייגענאַרטיג און אָריגינעל.

דער רעאַליזם אין אידישן טעאַטער איז קיינמאָל ניט געווען קיין קינסטלערישע שיטה, קיין פּרינציפּיעלע ליטעראַרישע ריכ־טונג. דער רעאַליזם איז אָבער געווען די איינציקע קינסטלערישע שאַפונגס־מעגלאַכקייט פון דעם אידישן טעאַטער.

דאָס וועלט טעאַטער איז געקומען פון קלאַסיציזם, פון פּסוי־דאָקלאַסיציזם און פון ראָמאַנטיזם צום נאַטוראַליזם.

באַ אונז איז דער רעאַליזם, אָדער נאַטוראַליזם געווען דער אָנהויב.

דער אידישיזם וואָס האָט גענומען די אפּוטרופּסות איבער'ן אידישען טעאַטער, איז בעצם ניט קיין אידישע וועלט־אַנשויאונג. עס איז בלויז אַ ליטעראַרישע ריכטונג: דער אידישיזם הייליגט דאָס צופעליגע, דאָס לאָקאַלע און דאָס עטנאָגראַפישע. דער אי־דישיזם האָט געוואָלט אויף דער אידישער שפּראַך, וואָס איז בעצם אויך אַ צופעליקע, אויפבויען אַ וועלט־אַנשויאונג. ער האָט אין דאָס צופעליקע געוואָלט אויפדעקן דאָס אייביק אידישע. עס איז געווען אַ רעאַליסטישע שיטה. און ווי נאָר דער רעאַליזם האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען, האָט זיך אויך אָנגעהויבן וואַקלען דער אידישיזם.

און זאָל קיינעם ניט וואונדערן וואָס דער אידישיסט דר. ח. זשיטלאָווסקי איז מיט אַמאָל אַרוים מיט דער לאָזונג: צוריק צו יעקב גאָרדין.

קיינער, אפילו די טרייסטע אָנהייגער פון יעקב גאָרדין וועלען ניט פּרובירען איינשמועסן די אידישע וועלט, אַז יעקב גאָרדין איז געקומען צו אונז מיט אַ אידישער וועלט־אַנשויאונג. באַ יעקב גאָרדין איז דאָס אידישע פאָלקס לידעל, דאָס אידישע

ווערטל, דער אידישער שטייגער בלויז עטנאָגראַפיש־ רעאַליסטיש. יעקב גאָרדין איז לאָקאַל עטנאָגראַפיש: זיינע אידן זיינען לאָקאַלע, זיי זיינען רוסישע, אוקראַינישע און אמעריקאַנישע. גאָרדין אליין איז דער לאָקאַלסטער איד, דאָס לאָקאַל רוסישע איז אין אים שטאַרקער ווי דאָס אידישע. ער איז דער איד, וואָס האָט אפילו די ביבעל געלערנט מיט אַ פּראַוואָסלאַוונעם ניגון, ער האָט די ביבעל אויפגעפאַסט קריסטלאַך ווי טאָלסטאָי, יעקב גאָרדין אין דער פאַלשטענדיג גייסטיג אסימילירטער און פאַר־פרעמדטער איד.

איז געבליבן גאָרדינ'ס רעאַליזם און דאָס איז אזוי טייער דעם אידישיזם, אז מען שרייט — צוריק צום אידישיזם!

די טעאַטראַלן אונזערע געפינען אין גאָרדינ'ס דראַמעס טעאַטראַלישקייט. וועלכע טעאַטראַלישקייט?

רוסישע, עכט רוסישע טעאַטראַלישקייט, קיין שפּור, קיין זכר, קיין רמז פון אידישער טעאַטראַלישקייט. יעקב גאָרדין האָט פאַררוסישט דעם אידישן טעאַטער; ניטאָ קיין המשך, ניטאָ קיין פאַרבינדונג מיט דאָס עכט אידישע, ניטא קיין אָפּקלאַנג פון אמאָליגע דורות, ניטאָ קיין קרובה'שאַפט מיט דער אַלטער אי־דישער קולטור, ניטאָ קיין גרויסער אידישער צער, ניטאָ קיין פונק פון אידישן רעליגיעזן ברען, ניטאָ קיין זכר פון אידישער מיסטיק, פון אידישן עקסטאַז.

מיט דער דאָזיגער עטנאָגראַפישער צופעליקייט ווילן די אי־דישיסטן אויפבויען עטוואָס אייביג אידישעם!

ניט מיט י. ל. פּרץ'ן נאָר מיט יעקב גאָרדינען! ניט מיט י. ל. פּרץ'ן, וואָס אין זיין „גאָלדענער קייט" איז אָנגעמערקט די ברייטע שטריכן פון אידישער טעאַטראַלישקייט, אַ טעאַטראַליש־קייט אין וועלכער איר פילט דעם הייסן אָטעם פון אַ פאָלק, אַ טעאַטראַלישקייט, וואָס וויל געבן דעם אייביגן, עכטן און עיקר־דיגן זשעסט פון אַ פאָלק, ניט מיט פּרץ'ן, וואָס האָט געזוכט די עכטע אידיש קינסטלערישע ליניע, ניט מיט פּרץ'ן וואָס האָט דאָס צופעליגע געגעבן דעם גייסט פון אייביקייט, ניט מיט פּרץ'ן וואָס האָט געפונען אַ תיקון פאַר דער אידישער נשמה, וועלכע בלאָנזשעט אויף פרעמדע וועלטן, ניט מיט פּרץ'ן וואָס

האָט פאַר די אידישע וועלט־אידעאַלן געפונען די ריינע אידישע פאָרם, נאָר מיט גאָרדינגן וויל זיך דער קורצזיכטיגער אידישיזם פארבינדן.

ביי דעם דאָזיגן קורצזיכטיגן אידישיזם האָבן זיך געהאַלטן די גרויסע מאַס אידישיסטן פון דעם סאָציאַליסטישן לאַגער. דער אידישיזם איז ביי זיי קיינמאָל ניט געווען קיין אידישע וועלט־אנשויאונג, קיין זעלבסט־צוועק, ער איז בלויז געווען א לויף־איינגל ביי אנדערע אידעאַלן, א מיטל פון וועלכן מען זאָגט זיך אָפּ ווי נאָר דער צוועק איז דערגרייכט.

און דאָס האָט זיך ארויסגעוויזן קלאָר און בולט אין דער צייט פון דער גרויסער מלחמה און נאָך אָפּענער האָט עס ארויסגעפּלאַצט אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע .

אין רוסלאַנד איז אויפגעוואַקסן א גאַנצע מחנה אידישע דיכטער און שריפטשטעלער, וואָס זייער שאַפונג איז רוסיש, אי לויט'ן אינהאַלט, אי לויט דער פאָרם. אין אנדערע לענדער, ווי למשל, אין פוילן און אין אַמעריקע אין די אידישע דיכטונג גע־וואָרן פויליש און אַמעריקאַניש. די אידישע ליטעראַטור האָט פארלאָרען איר נאַציאָנאַלן פרצוף און איר אידישן אינהאַלט און אידישע נשמה.

דער רעאַליזם אין דער ליטעראַטור האָט געצוואונגען דעם אידישן דיכטער און דעם אידישן שריפטשטעלער צו זיין לויט דער טעמא אידישלאַך, ער האָט געמוזט ציהען יניקה פון אידישן שטייגער, וואָס איז אים געווען נאָענט און באַקאַנט, ווי אָבער דער רעאַליזם אַלס ליטעראַרישע ריכטונג איז פארשוואונדען גע־וואָרן און מען האָט שוין ניט געדאַרפט זויגן די אייגענע פינגער איז מען אַוועק אין גאַנצן פון אידישן לעבן, מען איז אַוועק אין דער פרעמד.

איז באַשאַפן געוואָרען פאַר דער קורצער צייט א פרעמדע ליטעראַטור אויף אידיש.

און דער ערשטער אידישער קינסטלערישער טעאַטער, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין מאָסקווע אין דער דאָזיקער צייט, איז ארוים מיט א מאַניפעסט, אין וועלכן ער דערקלערט אַז ער וועט

ניט זיין קיין אידישער טעאטער, נאָר אַ טעאטער אויף אידיש.

דאָס איז געווען אזוי צו זאָגן, בלויז די טעאָריע. אין דער פּראַקטיק איז ער אוועק נאָך ווייטער — ער קעמפט פּרינציפּיעל נעגן דאָס אידישע, לאַכט אוים קינסטלעריש דאָס אידישע.

דאָס מאָסקווער קאַמער טעאטער שפּילט רעוואָלוציאָנער, ד. ה. ער לאַכט אוים דאָס אַלטע אידישע לעבן. ער מאָלט עס קאַריקאַטוריש, ער שאַרזשירט עס מיט אַ פּאָליטישער כונה. ער איבערטרייבט, כדי צו פאַר'מיאוס'ן די אידישע פאַרגאַנגענהייט פון יציאת מצרים ביז דער אָקטאָבער רעוואָלוציע. דער רב איז אזוי לעכערלאָך דאָרט, און ער ברייננט ארוים שווארץ דעם גאַנצן אבסורד פון „חופּה שטעלן" — אין שלום עליכם'ס „גרויס'ן גע־ווינס". אין דער סצענע — וואו דער בעל הבית קומט נאָך דירה־געלט, ווערט ער, דער בעל הבית מיט גרוים כעס ארויסגעוואָרפן, דאַן ברייננט מען אַ שטרויענע ליאַלקע מיט אַ צילינדער, די אַקטיאָרן שטעלן זיך אין צוויי רייען און ווארפנדיג זי איינער צום אַנדערן מיט אַ צאָרן אָנגעקליבן פון יאָרן און יאָרן פון שטילן ליידן, זינגען זיי מיט אַ טייוועלשן געלעכטער „דירה געלט דעם בעל הבית". נאָכדעם הענגען זיי אויף דעם שטרויענעם „בעל הבית".

אזוי אויף דעמזעלביגן אופן און מיט דערזעלביגער אפּיקורסות און מיט די זעלביגע האַמעטנע פּאָליטישע כונות ווערן אויפגע־פירט „אוריאל אַקאָסטאַ", „מזל טוב" און אנדערע.

דאָס טעאטער טוט אויף זיין אופן, מיט זיינע מיטלען דאָס וואָס עס טוען דער „עמעס" און דער „בעזבאָזשניק".*)

דאָס איז דאָס געזעצלאַכע קינד פון דעם אויבערפלעכלאַכען אידישיזם, פון דעם אידישיזם, וואָס האָט אָנגעהויבן די אידישע געשיכטע פון פּורים־שפּיל און פון דעם פאָלקס־לידל.

אזוי איז דער ראַדיקאַלער אידישיזם אַריבער צו אָפענער אַסימילאַציע.

אין דערזעלבער צייט, אין דער צייט פון גרויסן גייסטיגן און עקאָנאָמישן חורבן האָט די העברעאישע אידישע אינטעליגענץ

*) אַ רוסישער זשורנאַל וואָס קעמפט מיט רעליגיע

אויפגעכאפט די איבעררייסענע פעדים פון אידישער שאפונג. עפעס אינסטינקטיוו האט זי דערשפירט, אז זי קאן איצט קומען און פאר־נעמען דעם ארט פון דעם ציטוויילינגן אידישיזם. זי האט דער־פילט, אז איצט, ווען די אלע קולטורעלע קארטן־שטיבלאך פאלן איין, קאנען זיי קומען און בויען דעם אידישן קולטור בנין אויף אלטע יסודות.

און נעבן דעם אסימילאטארישן אידישן טעאטער ווערט גע־שאפן א העברעאישער טעאטער. א טעאטער, וואס איז דורך און דורך אידיש, א טעאטער פון עכטן אידישן פאטאס, פון אידישן רעליגיעזן עקסטאז.

אין מאסקווע, אי זדער רעזידענץ פון קאמוניזם, אין דער הויפטשטאט פון דער מלוכה'שער אידישער אפיקורסות בליט אויף א אידישער טעאטער, א טיף נאציאנאלער טעאטער. עס בליט אויף די „הבימה“.

די „הבימה“ איז דער אפענער געגנזאץ צו דעם מאסקווער אידישן קאמער־טעאטער. די „הבימה“ איז די ריינע, עכטע אידישע אויפפאסונג פון דער טעאטער־קונסט.

דער צוגאנג צו דער טעאטער־קונסט, ווי צו א תורה וועלכע מען דארף לערנען מיט התמדה, לערנען מיט א ברען, איז שוין א אידישער. די מיטלען מיט וועלכע די יונגע פאנאטיקער זיינען צו־געגאנגען צו שאפן א אידישן טעאטער זיינען אלטע, אויסגעפרו־בירטע אידישע מיטלען: התמדה, דבקות, פרישות.

צום ערשטן מאל אין דער געשיכטע פון טעאטער באווייזן זיך אקטיארן פרושים. אקטיארן מיט פרומע פנים'ער, מיט חסידישער דבקות, אקטיארן מיט פרומער עניוות, מיט א ריינער שפראך, אקטיארן, וואס אנטלויפן פון טומלדיגן, לייכטן ערפאלג, אקטיארן וואס לערנען און ווילן זיך ניט באווייזן פאר'ן עולם.

צום ערשטן מאל באווייזן זיך אקטיארן ישיבה־בחורים, וואס לערנען טעאטער־קונסט לשמה. צום ערשטן מאל באווייזן זיך פאר'רב'לטע אקטיארן, אקטיארן לומדים מיט בקיאות אין תלמוד און אין דער אלטער אידישער ליטעראטור. צום ערשטן מאל האט מען דערזען אין טעאטער רבנישע טעכטער, אידישע צנועות, וואס באווייזן זייער נאקעט לייב לשם קונסט.

א עדה׳לע פון טעאטער־מוסר׳ניקעס.

די העברעאישע שפּראַך, וועלכע זיי האָבן אָפּגעהיט צו רעדן, ווי די אַמאָליגע פרומע אידן שבת, האָט פאַר׳שבת׳ט זייער קליינע סביבה און האָט זיי אָפּגעטיילט, איזאָלירט פון דער ארומיגער וואָכעדיקייט. דער העברעאיש האָט זיי אָפּגעריסן פון דער טומל־דיגער גאַס, פון אירע אלטעגלאַכע השגות און באַגריפן. זיי האָבן געלעבט אין אַן אַלטער, ריינער וועלט, ווען ארום האָט די מענטש־לאַכע רשעות געבושעוועט. ווען הרוגים זיינען געלעגן אין די גאַסן, ווען די נויט און דחקות האָבן געריסן די הימלען מיט זייער געשריי.

עס איז ניט זייער וועלט, ניט זייער מלחמה, ניט זייער רעוואָלוציע.

זיי זיינען פון דער אַלטער, אַלטער אידישער וועלט.

די העברעאישע שפּראַך האָט אָפּגעקלונגען מיט׳ן אַלטן, אַלטן ארץ ישראל, מיט׳ן אלטן בית־המדרש, מיט׳ן ניגון פון תפילות, מיט דער אלטער אינטאָנאַציע פון קריאת־התורה. אַלטע, אייגענע און עכט אידישע קלאַנגען ווירבלען אין העברעאיש.

די עכטע, די אידישע אינטאָנאַציע האָט זיך געמוזט באַהעפטן מיט׳ן עכטן אידישן זשעסט, מיט דער עכטער אידישער באַוועגונג, וואָס באַגלייט די מיסטישע דבקות.

אזוי איז מען געקומען צום קוואַל פון אידישער טעאַטראַליש־קייט.

דאָס אַלץ איז פאַרקרעמפּעוועט און פאַרפעסטיגט געוואָרן מיט אַן עקשנות׳דיגן פאַנאַטיזם, מיט א מין רעליגיעזן פאַנאַטיזם פון קונסט־מוסר׳ניקעס, ניט נאָר לשם קונסט אַלס קונסט, נאָר לשם תחיה, קונסט פאַר ארץ ישראל. טעאַטער־קונסט ניט נאָר פאַר׳ן גלות, פאַר צופעליגע קולטורעלע גלגולים, נאָר פאַר אייביגער קולטור, פאַר קולטור וואָס פירט איר ספר היוחסין פון די נביאים.

און ניט סתם טעאַטער, טעאַטער פאַר ביליגע, צייטווייליגע ערפאָלגן, פאַר קינסטלערישע טריאומפן, נאָר טעאַטער פאַר עלית נשמה, טעאַטער צו פאַרטיפן דאָס אידישע פילן, צו פאַרשענערן דעם אידישן גייסט.

טעאַטער אַלס א טייל פון אחד־העם׳ס מרכז רוחני.

מעגן עס זיין פאַנטאַזיעס פון א געבראָכענער צייט, מעגן עס

זיין חלומות, מעגן עס זיין תחיה'שע האלוצינאציעס, אבער דאס איז דער וועג פון עכטער קינסטלערישער שאפונג. דורכ'ן רעלי־גיעזן עקסטאז, דורכ'ן רעליגיעזן פאנאטיזם זיינען באשאפן געוואָרן די גרעסטע קינסטלערישע ווערק. אייביגע דענקמעלער פון קונסט האט דער רעליגיעזער עקסטאז געשאפן אין אינדיען, אין עגיפטן, אין גריכנלאנד, און א. וו.

און דער פאנאטיזם פון די פאר צענדליק יונגע מענטשן איז געווען שטארקער פאר אונזערע אלע נייע קולטורעלע אויפטואכצן פאר די לעצטע יאָרן. דער אידישער באלשעוויזם האט אלץ חרוב געמאכט, עס איז געפאלן ווי א שטרויעלע דער גרויסער שטארקער „בונד". עס איז אפגעמעקט געוואָרן דער נאציאנאלער אידישער סאציאליזם, עס זיינען צושמעטערט געוואָרן אלע איבריקע יונגע אידישע קולטורעלע און געזעלשאפטלאכע בנינים.

נאָר די „הבימה" איז געבליבן. די גרעסטע אנשטרענגונגען פון דער יעווסעקציע, פון דער דאזיגער יעווסעקציע וואס האט אלץ צעוואָרפן ווי עלנדע קארטן־שטיבלאך, האט ניט געקאנט אומוואַרפן דעם קליינעם בנין אין א זייטיג געסל אין מאסקווע וואס הייסט „הבימה". זי האט ניט געקאנט גובר זיין די פאר מנינים אידישע פאנאטיקער.

שטייט א העברעאישער טעאטערל אין מאסקווע, אין דער רעזידענץ פון באלשעוויזם, ארומגערינגלט פון אפענע, פארביסענע שונאים, ער שטייט פעסט אין דעם גרויסן חורבן פון דער אידישער קולטור, מען קאן עס ניט חרוב מאכן.

א טוץ אנדערע אידישע טעאטערס האבן ארומגעוואנדערט איבער רוסלאנד, האט מען זיי מיט דער גרעסטער זעלבסטפאר־שטענדלאכקייט פון אנהויב ליקווידירט און דערנאך גענומען זיי אונטער דער אפיטראפסות פון דער יעווסעקציע. דער דאזיגער טוץ אידישע טעאטערס האט גארנישט פארזוכט צו קעמפן, די דאזיגע טעאטערס האבן זיך געפילט עפעס זינדיג און אומגערעכט און האבן אליין אויף זיך מצדיק את הדין געווען. זייער קיום איז געווען א צופעליגער, זיי זיינען בלודנע נשמות, אן א אידעאל, אן א גלויבן און האבן ווי גרויסע זינדער גענומען אויף זיך די גערעכטע שטראף.

דער נייער טעאטער „הבימה", וואס האט לפנים נאר קיין

„טראַדיציעס“ ניט געהאַט, אָבער באמת האָט ער אויפגענומען די גרויסע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, האָט געהאַט פאַר וואָס צו קעמפן, אַזוי ווי ער האָט געוואוסט פאַר וואָס ער דאַרף הונגערן, ליידן נויט און קעלט.

און אַלע, סיי די שונאים און סיי די באהאַלטענע, דערשראָקענע גוטע פריינט, האָבן געוואוסט, אַז דאָ קעמפט אַ טיפער גלויבן, דאָ קעמפט די אַלטע אידישע עקשנות פאַר אַ וועלט־אַנשויאונג, פאַר פרינציפּן און פאַר אַן אַלטן קיום.

האָבן פרעמדע דערשפּירט אַ גרויסן כח אין דער קליינער עדה'לע. זיינען פרעמדע געוואָרן נאָענט, האָבן זיך איינע צוגעטוליעט צו אים אין דעם גרויסן גייסטיגן עלנד.

איז די „הבימה“ געוואָרן דער איינציגער מקום מקלט פאַר'ן עכטן אידישן שאַפן אין רוסלאַנד. האָבן אפילו שטרענגע קאָמיסאַרן, ווי סטאַלין און קאַמעניעוו, פאַרשטאַנען, אַז טיפער גלויבן, ריינע מסירת־נפש פאַר אַ אידעאַל, ברענענדיגער שאַפונגס־באַגער, אומרואיגע זוכעניש פון אידישער טעאַטער־קונסט איז ניט קיין קאָנטער־רעוואָלוציע. און די דאָזיגע קאָמיסאַרן האָבן דער „הבימה“, דעם קליינעם העברעאישן טעאַטרל גענומען אונטער דער שוץ פון דער רעגירונג!

וואו ליגט דער סוד, וואו ליגט דער וואונדערלאַכער כח פון דעם דאָזיגן טעאַטער?

עס איז בעצם פשוט און פאַרשטענדלאַך: דאָס דאָזיגע טעאַטער איז דאָס ערשטע אידישע טעאַטער. ער איז דאָס טעאַטער מיט אַ קינסטלעריש־אידישער וועלט־אַנשויאונג. ער איז דאָס טעאַטער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין בית־המדרש און האָדעוועט זיך פאַר'ן אידישן עכטן, אייביגן אידישן גייסט און ניט מיט עטנאָגראַפישע צופעליקייטן.

„הבימה“ איז דערגאַנגען צום מקור פון אידישער טעאַטראַלישקייט ניט דורך גאונות, ניט דורך גרויסע אַקטיאָרישע טאַלאַנטן, זי איז דערגאַנגען צו דעם דורך התמדה, דורך פרישות, דבקות און דורך טיפן אידישן באוואוסטזיין.

זיי זיינען צוגעגאַנגען צו דער טעאַטער־קונסט ווי אידן. ניט

ווי פיזישע אידן, ניט ווי רעאַלע, אַלטעגלאַכע אידן, נאָר ווי פּסי־כישע אידן, ווי אידן וואָס זיינען אויסגעטאָן פון הבלי עולם הזה און לעבן אין דער וועלט פון אידישן גייסט; פון אידישע אייביגע האָפנונגען און חלומות.

גראַף קייזערלינג זאָגט אין זיין בוך „רייזע־טאָגעבוך פון א פילאָזאָף“, אַז די טיף רעליגיעזע אינדיער פאַרמאָגן דעם גרויסן כח פון פּסיכישער פאַרוואַנדלונג, בא זיי איז דאָס פּסיכישע מער ווירק־לאַכקייט ווי דאָס פיזישע, ווייל דער רעליגיעזער אינדיער נעמט דעם גייסט ערנסטער פון דער מאַטעריע. דאָס איז די טבע פון יעדן טיף־גלויביגן, דאָס איז די טבע פון אמת'ן קינסטלער, בא זיי איז דער גייסט די ווירקלאַכע ווירקלאַכקייט און דאָס פיזישע בלויז א מלבוש, א צופעליגער מלבוש.

אידישקייט איז א פּסיכישע ווירקלאַכקייט, פיזיש איז זי אפשר גאָר קיין ווירקלאַכקייט ניט.

אידישע טעאַטער־קונסט איז קודם כל פּסיכישע אומוואַנדלונג — ארויסרייסן זיך פון דער פיזישער, צופעליגער אידישער ווירק־לאַכקייט און איבערטראָגן זיך אין דער פּסיכישער ווירקלאַכקייט, וואָס איז אייביג און וואָס ווייסט נישט פון קיין צופעליקייטן.

צו דער פּסיכישער פאַרוואַנדלונג דאַרף קומען די פּאַסענדיגע פיזישע פאַרוואַנדלונג. דער פיזישער איד איז כסדר עטנאָגראַפיש געפּאַרמט און געפאַרבט, ער האָט ניט קיין באַשטימטן פּרצוף, פאַרמאָגט ניט קיין גאַנצקייט, ער איז א שטיק צורודערטע, כאַאָ־טישע מאָזאאיק. פּסיכיש אָבער איז ער נאָך גאַנץ, פּסיכיש קאָן ער זיך אויפהויבן צו גאַנצקייט, פּסיכיש האָט ער א באַשטימטע פאָרם, פּסיכיש איז ער פאַרבונדן מיט דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט.

דער אידישיזם האָט געוואָלט שאַפן, אויסבילדן דעם גאַנצן, דעם איינהייטלאַכן אידן פיזיש. פון דאָס פרעמדע אויסקנעטן און אויספאָרמען א נייעם נאַציאָנאַלן טיפּ. דער העברעאיזם, דער ציוניזם און דער „פּרציזם“ האָבן געוואָלט באַפרייען דעם אידן, רייניגן אים פון דאָס צופעליגע, פון דאָס עטנאָגראַפישע און אויפ־וועקן, פאַרשטאַרקן דאָס אייביגע — דאָס פּסיכישע.

און דער צווייטער נאַציאָנאַליזם, האָט זיך ארויסגעשטעלט, איז שטאַרקער, טיפער, עכטער. דער דאָזיגער נאַציאָנאַליזם איז

געבליבן פעסט, ער האָט זיך ניט געוואַקלט אפילו אין דער צייט פון גרעסטן חורבן.

איז „הבימה“ שוין אַ טעאַטער?

ניין, עס איז דער ווילן, דער שטאַרקער נאַציאָנאַלער ווילן צו שאַפן אַ אידיש טעאַטער, אַ טעאַטער וואָס מוז אַבסטראַקט קאָנ־סטרואירט ווערן, אַ טעאַטער, וואָס דאַרף אויסגעפינען זיינע קינסטלערישע פאָרמען, אַ טעאַטער, וואָס מוז ערשט זוכן דאָס סאַמע עלעמענטאַרע: דאָס וואָרט, די באַוועגונג און דעם זשעסט, קאָן אַזוי גיך ניט אַרויס צו דער וועלט מיט גדלות — איך בין אַ פאַרטיגער טעאַטער.

די „הבימה“ איז אַ טעאַטער־ישיבה און זי וועט עס נאָך לאַנג מוזן זיין.

און ווי אַ זוכענדיגע אויף ריכטיגע וועגן איז זי פאַר אונז וויכ־טיגער ווי די פאַרטיגע טעאַטערס, וואָס שיטן גאונות און גרויסע קינסטלערישע אויפטואונגען פון אַרבל.

די „הבימה“ דאַרף בלייבן אַ מרכז רוחני פאַר אידישן טעאַטראַלן שאַפן. איצט, ווען עס איז אַזוי קלאָר געוואָרן די אמת'ע כונות פון דעם באָלשעוויסטישן אידישיזם, איצט, ווען מיר האָבן איינגעזען, אַז דער אידישיזם איז בכלל אַ שוואַכער בנין, וואָס פאַלט אום פון יעדן ווינט, איז די „הבימה“ די וועג־ווייזערן פאַר אונזער ווייטערדיגער קינסטלערישער אַרבעט אויף אַלע געביטן.

מיר האָבן פאַר זיך קלאָרע צוויי ריכטונגען — אַ טעאַטער אויף אידיש און אַ אידישן טעאַטער.

פון כאַאָס האָט זיך אַרויסגעשיילט די בולט'ע פרינציפיעלע חלוקי־הדעות, זיי זיינען ניט בלויז סאָציאַלע מיינונגס־פאַרשידנ־הייטן, עס זיינען טיפע קינסטלערישע חלוקי־הדעות.

דער מאָסקווער קאַמער־טעאַטער זאָגט זיך לחלוטין אָפּ פון אידישער שאַפונג.

די „הבימה“ פראָקלאַמירט דוקא אידישע שאַפונג.

אָן אַ אידייע

.1

עס איז גאָר קיין ספק ניט, אז די לעצטע יאָרן האָט באַ אונז אויפגעוואַכט אַ גאַנץ קלאָרע שטרעבונג צו טעאַטער־בויאונג. עס איז זיכער, אַז באַ אונז שטאַרקט זיך דער ווילן צו טעאַטער־שאַפונג.

אידיש טעאַטער איז שוין לחלוטין ניט קיין קאַפּריז פון יחידים, אידיש טעאַטער איז ניט קיין פרעמדע, אימפּאָרטירטע אידייע און ניט קיין אויבערפלאַכליכער אָנמאַכטיגער ווילן צו אויספיינען זיך פאַר דער וועלט, צו זיין גלייך מיט אַלע פעלקער.

עס איז שוין צייטיג געוואָרן אין פאָלק דער פאַרלאַנג צו וועלטלאַכע קאָלעקטיווע איבערלעבונגען, עס איז שוין ברענענדיג דער באַגער צו טעאַטראַלישער שאַפונג.

די רעליגיעזע טעאַטראַלישקייט, די טעאַטראַלישקייט פון עבודה און תפלה, די שבת'דיגע און יום־טוב'דיגע טעאַטראַלישע פייערלאַכקייטן האָבן פאַרלאָרן זייער רעליגיעז־קינסטלערישע קדושה, זייער ברען, דעם נאַאיוון גלויבן און דעם עקסטאַז.

זיי זיינען געוואָרן מנהגיש־פאָרמעל, שטייגערדיג־קאַלט, וואָכעדיג, אַפּאַטיש און גרוי. די הייסע דבקות איז אָפּגעקילט געוואָרן, דער רעליגיעזער אינהאַלט איז פאַרשוואונדן געוואָרן און עס איז געבליבן בלויז א טרוקענע, אן איינגעשרומפּטע אויסערלאַכע פאָרם. די פאָרם גופא איז אויך צערונען געוואָרן, די עכט אידישע ליניען, די ספּעציפיש אידישע באוועגונג, די ריינקייט פון דער אידישער אינטאָנאַציע זיינען געוואָרן שעטנז'דיג; קריסטליך־קירכישע און טעאַטראַליש־וועלטלאַכע ליניען און באוועגונגען האָבן זיך אריינגעריסן אין אונזער רעליגיעזער טעאַטראַלישקייט.

אחוץ דעם איז דאָס פאָלק אוועק פון בית־המדרש, דער בית־המדרש האָט שוין ניט קיין ערנסטע פאַרבינדונגען מיטן לעבן!

דאָס אידישע לעבן איז געוואָרן דורך און דורך וועלטלאך, דורך און דורך גרויס־שטאָטיש.

זוכט דאָס פאָלק טעאטראַלישקייט אין זיין נייעם וועלטלאכן לעבן, עס זוכט אידיש־קאָלעקטיווע איבערלעבונגען אין דער נייער טומלדיגער וועלטלאכקייט.

און עס איז ניטאָ קיין ווינקל אויף דער וועלט מיט אַ אידישן קבוץ, וואָס זאָל ניט האָבן קיין טעאטער. גרויסע אידישע קבוצים האָבן שטענדיגע טעאטערס, קלענערע — האָבן דראַמאַטישע קרייזלאך, אַמאַטאָרישע טעאטערלאך.

אין די סאמע פאַרוואָרפענע ווינקעלאך, אין די סאמע, פון גאָט פאַרגעסענע, שטעטלאך ווערט געשפּילט אידיש טעאטער.

לויט מיינע ידיעות (איך קאָן לײדער ניט גאַראַנטירן פאַר דער גענויקייט) זיינען איצט דאָ בּאַ אידן ביז פינף הונדערט טעאטער קעמערלאך און טעאטער־אָרגאַניזאַציעס. אַ טייל צופעליגע, ניט־פּראָפעסיאָנעלע.

די דאָזיגע הונדערטער אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען צעוואָרפן אין דער גאַנצער וועלט זיינען די שלוחים פון אַ שטאַרקן פאָלקס־ווילן, זיי דריקן אויס זיין בענקשאַפט נאָך טעאטער־גענוס, זיי אָטעמען מיט זיין שטרעבונג, זיי גאָרן, מיט זיין באַגער, נאָך טעאטער־שאַפונג.

דער ווילן און די שטרעבונג וואַקסט ארויס פון די סאַמע געדיכטענישן פון די פאָלקס־מאַסן, זיי שטראָלן ארויס פון זיין בלוט, פון זיין נשמה.

דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן שפּילן טעאטער, דאָס פאָלק האָט פון זיך ארויסגעגעבן זיינע ערשטע טעאטער־מענטשן, דאָס פאָלק איז דער ערשטער געקומען אין טעאטער.

קיינער פון אויבן האָט אים די טעאטער־אידייע ניט אָנגעבונדן, קיינער האָט אים ניט איינגעשמועסט און ניט איינגערעדט.

אליין, זעלבסטשטענדיג איז דאָס פאָלק געקומען צו דער וועלטלאכער טעאטער־אידייע.

די אידישע אינטעליגענץ איז ביז די לעצטע יאָרן געווען פיינדלאך צום אידישן טעאטער, אָדער זי האָט מיט אַ מבינ'שער פאַראַכטונג געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ. ערשט די לעצטע יאָרן,

ווען זי האָט איינגעזען, אַז דאָס פאָלק מיינט ערנסט מיט'ן טעאַטער האָט זי, די אינטעליגענץ, באַוויליגט צו געבן איר ברכה און הסכמה.

אידיש טעאַטער איז אַ פאַקט, עס איז שוין איינגעוואָרצלט אין אידישן לעבן, עס איז שוין אַ טייל פון אונזער קולטור.

* * *

פרעגט זיך —

— ווי קומט עס וואָס דאָס אידישע טעאַטער, האָבנדיג הינטער זיך די פעסטע פלייצעס פון אַ פאָלקס-ווילן, וואַקלט זיך כסדר, האָט ניט קיין קינסטלערישע תקומה, און איז כסדר ניט זיכער מיט זיין לעבן, גלייך ווי ער וואָלט האָבן ווייכע קני און אַ ציטערניש אין די לענדן? ווי קומט עס וואָס דאָס אידישע טעאַטער איז ניט ענטו־זיאַסטיש אין זיין שאַפן, ניט פייערדיג אין זיינע שטרעבונגען? ווי קומט עס, וואָס עס איז אַזוי קרעמעריש, אַזוי שפּל'דיג גייס־טיג, אַזוי בעל־מלאכה'ש, אַזוי אויסגעשלאָסן קינסטלעריש, אַזוי פרימיטיוו־גרוי, אַזוי פאַרטאַטשיש עם הארצ'דיג? ווי קומט עס, וואָס עס איז אָפּגעשטאַנען פון אונזער קולטור, פון אירע זוכונגען, פון אירע שעפערישע ליידן און פריידן? ווי קומט עס, וואָס עס פויזעט אויף דער ערד און האָט קיין לוסט ניט צו רייסן זיך אין די הימלען?

דער פאָלקס־ווילן איז שטאַרק, אמת, ער דאַרף אָבער האָבן די ליכטיגע אויגן פון קינסטלער.

אונזער טעאַטער האָט ניט קיין קינסטלערישע פערזענלאַכ־קייטן, וואָס זיינען בטבע רעוואָלוציאָנערן, אונזער טעאַטער האָט ניט קיין קינסטלערישע אידייען וואָס זאָלן אים באַגייסטערן און באַפרוכפערן.

אַ טעאַטער אָן נאַציאָנאַלע און אָן קינסטלערישע אידייען איז אַ פאַרשאָלטענער עקר.

אונזער טעאַטער איז בעל־מלאכה'ש.

אין רוסלאַנד און אין פוילן איז דאָס אידישע טעאַטער אַ שטרויעלע וואָס ווערט געטראָגן און געשליידערט פון צופעליגע ווירבל־ווינטן.

דאָרט הויבט מען אָן מיטאַמאָל צו פּויקן וועגן ישועות, וועגן גאולות און מיטאַמאָל ווערט שטיל ווי אויף א בית־עלמין.

מיט עטלאכע יאָר צוריק האָט עס געבליצט און געדונערט אין אונזער וועלטל מיט די ווילנער. פּלוצלינג האָבן זיך די ווילנער צעשפּאָלטן, צעברעקלט געוואָרן און האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער דער וועלט קאָנקורירן.

ניט קיין קינסטלערישע חלוקי־דעות, ניט קיין פּרינציפּיעלע מיינונגספארשידנהייטן האָבן אריינגעבראכט דעם פּרוד צווישן זיי. חלילה!

מאָסקווע צאַצקעט זיך מיט אַ קאַמער־טעאַטער, אַ טעאטער וואָס האָט ניט קיין נאַציאָנאַלע און קיין גאַנצע קינסטלערישע אידייע. אַ טעאַטער אָן די טרעגער פון טעאַטער — די אַקטיאָריש־קינסטלערישע אומבאהאָלפנקייט און דער גייסטיגער טעאטראַלער דלות באַפּוצן זיך מיט שאַגאַל׳ס און אַלטמאַנ׳ס געמעלן.

אין גאַליציען בלאָנדזשען ארום שאָטנס פון אַלטן אידישן טעאַטער, קונע־לעמלען זיך, האָצמאַכ׳ן זיך מיט אַ בעטלערישער שפּלות. אין לאָנדאָן לעבט אידיש טעאַטער מיט פּיזם — מיט גאַסטראָלן, מיט רייסנדיגע שטיק, מיט אַקטיאָרישער עזות, מיט עם־הארצות׳שן טומל. אין רומעניען וואַלגערן זיך ארום אידישע טרופּעס, וואָס פעדלען מיט טעטער־פאָרשטעלונגען.

און אין אַמעריקע, וואו אידיש טעאַטער איז אַזוי שטאַרק איינגעפונדעוועט ווי דאָס אידישע לעבן, איז דער גייסטיגער דלות נאָך גאַנץ גרויס, די קינסטלערישע הפקרות נאָך גאַנץ בולט, די קינסטלערישע פּרינציפּלאָזיקייט נאָך גאַנץ האמעטנע.

דאָס אַמעריקאנישע אידישע טעאַטער פאַרמאָגט לחלוטין ניט קיין נאַציאָנאַלע און קיין קינסטלערישע אידייע.

דאריבער איז ער בא זיין זיכערהייט ניט זיכער, דאריבער איז ער בא זיין פעסטקייט ניט פעסט און בא זיין רייכקייט אָרים ווי טיטוס הרשע.

טויט־אנגסטן באַפאַלן דאָך איטלאכס טעאַטער ביים אָנהויב פון יעדן סעזאָן. עס דוכט זיך אים, אז עס שטייט פאַר אַ תהום, ער וועט מוזן ברעכן האַלז און נאַקן, נאָר דורך אַ נס קאָן עס ניצול ווערן.

דאָס איז די מורא פון דעם איינעם, וואָס ווייס ניט, וואָס ער וויל און צו וואָס ער שטרעבט, עס איז די מורא פון איינעם, וואָס האָט ניט קיין גאָט אין וועמען ער זאָל האָבן בטחון, עס איז דער פחד פון איינעם, וואָס האָט ניט קיין געזונטע אידייע, עס איז די האַרץ־קלאַפּעניש פון אַ קאָרטן־שפּילער, ווען ער זעצט זיך ביים גרינעם טיש.

* * *

מיר האָבן פיל טאַלאַנטן, מיר האָבן אָבער ניט קיין קינסטלער אין אונזער טעאַטער.

אַ קינסטלער איז ראשית כל אַ פּערזענלאַכקייט, אַ באַשטימטע און אָפּגעטאָקטע פּערזענלאַכקייט מיט אַ שאַרפן, בולט'ן „איך", די קינסטלערישע פּערזענלאַכקייט בויגט זיך ניט לויט'ן באַדאַרף, ציט זיך ניט אויס לויט באַשטעלונג און ווערט ניט איינגעשרומפּט לויט באַפעל. די פּערזענלאַכקייט בלייבט לויטער אומעטום און בא אַלע באַדינגונגען.

דער קינסטלער פאַרקערפּערט מיט זיך אַ קינסטלערישע אידייע. ער איז דער טרעגער פון דער אידייע, זי פילט אים אויס, זי איז זיין נשמה, זי איז די טרייב־קראַפט פון זיין שאַפן און זי איז דער מהות פון זיין שאַפן.

דער קינסטלער איז אַ רעוואָלוציאָנער, אַ קעמפער, וואָס צו־שטערט אַלטע אָפּגעלעבטע קינסטלערישע אידייען און קעמפט פאַר זיין קינסטלערישע אידייע, פאַר איר קיום, פאַר איר הערשאַפט. ער קעמפט פאַר זיך, פאַר זיין „איך".

קיין אבסטראַקטע קינסטלערישע פּערזענלאַכקייטן זיינען ניטאָ. זיי וואַקסן ארויס פון אַ באַשטימטער סביבה פון אַ פאָלק. זיי זיינען די קינסטלערישע פּאָטענץ פון זייער סביבה, פון זייער פאָלק.

דער קינסטלער איז, אַזוי אַרום, דער טרעגער פון אַ נאַציאָנאַל־קינסטלערישער אידייע.

אַ פראַנצויזישער קינסטלער קאָן מיטאַמאָל פון העלער הויט ניט ווערן קיין רוסישער קינסטלער, אַ קינסטלער קאָן מיטאַמאָל ניט פאַרלייקענען און פאַרטומלען זיין אייגענעם קינסטלערישן איך און אָננעמען אַ פרעמדע קינסטלערישע אמונה.

אַלעקסאַנדער מאָאיסי וועט קיינמאָל ניט ווערן אַן ענגלישער

שווישפּילער, ווייל ער איז אַ דייטשער קינסטלער און ער איז אינ־טערעסאַנט פאַר ענגלענדער און פאַר דער גאַנצער וועלט ווי אַ דייטשער קינסטלער.

מאַיאַסי וועט ניט אויפטרעטן אין אַ טעאַטער און אין אַ שטיק, וואָס פּאַסן זיך ניט צו צו זיין קינסטלערישן „איך".

קאַטשאַלאָוו וועט קיינמאָל ניט ווערן אַ דייטשער שווישפּילער, ווייל ער איז אַ רוסישער, קיין אנדערער קאָן ער ניט זיין. ער וועט ניט גיין שפּילן אין טאַאיראָווס טעאַטער, ווייל ער איז ניט ביכולת צו אונטערדריקן זיין קינסטלערישע פּערזענלאַכקייט, ער איז אויף איר גאָר קיין בעל־הבית ניט.

שאַגאַל וועט קיינמאָל ניט מאָלן ווי מאַקס ליבערמאַן, זיי זיינען צוויי באַזונדערע קינסטלערישע אידייען, קינסטלערישע פּערזענלאַכקייטן.

אַ אידישער שווישפּילער אָבער קאָן היינט זיין אַ אידישער שווישפּילער און מאָרגן אַן ענגלישער, שילדקרויט, דער גרויסער אַקטיאָר, קאָן היינט שפּילן שיילאָק און מאָרגן אַ קוואַסיגן גויעץ. זאַץ קאָן היינט שפּילן אין אידישן טעאַטער און מאָרגן אין ענגלישן טעאַטער.

אומגליקלאַכע אידישע קינסטלער!

דער אמת'ער קינסטלער קאָן טאָן נאָר דאָס צו וואָס ער איז באַשאַפן.

דער קינסטלער ראָדען, און טויזנטער אַנדערע קינסטלער האָבן יאָרן לאַנג געליטן הונגער און נויט, ווייל זיי האָבן ניט געקאָנט אָננעמען קיין פרעמדע קינסטלערישע אידייע, זיי האָבן ניט געקאָנט אויסהאַמערן פיגורן, אָדער מאָלן בילדער ווי אַלע דורכשניטלאַכע טאַלאַנטן, אָדער ווי אנדערע קינסטלער.

די קונסט־אידייע באַזעצט זיך אין קינסטלער ווי אַ דבוק, זי זאַפּט זיך איין אין זיין בלוט, אין זיין מאַרך. און יעדער אמת'ער קינסטלער איז די ערשטע צייט אַ פרעמדער, אַ האַלב־משוגענער צווישן די עלטערע קינסטלער. מיט ביטערן קאַמף און מיט ענויים קומט ער צו אנערקענונג.

דע רקינסטלער איז זיך קיינמאָל ניט מוסר־נפש פאַר אַב־סטראַקטע אידעאַלן, ס'איז אַ טעות, ער ליידט ניט ווייל די ליידן

זיינען אים זיס, ער קעמפט ניט ווייל דער קאמף גופא איז אים ליב, דאס איז א טעות, ער ליידט ווייל ער קאן ניט זיין אנדערש ווי ער איז, ער קעמפט, ווייל ער וויל דעם טריאומף און די אנערקענונג פון זיין קינסטלערישער אידייע, פון זיין קינסטלערישן איך.

דער קינסטלער איז גרוי און ניט שעפעריש, ווען ער איז אונ־טערטעניג א פרעמדער קינסטלערישער אידייע. די מייסטע קינסטלער זיינען אבער גאר ניט ביכולת צו דינען א פרעמדער קינסטלערישער אידייע. טאאיראוו, למשל, איז א געוויסע צייט אינגאנצן אוועק פון טעאטער, ווייל ער האט זיך ניט געפילט ווי א קינסטלער, ער האט געפילט, אז ער איז טאלענטלאז אין די עקזיס־טירנדיגע טעאטערס.

ער איז געווארן שעפעריש ווען ער האט באקומען די מעגלאכ־קייט צו פארווירקלאכן זיין קינסטלערישע אידייע, צו ארויסברענגען זיין קינסטלערישן „איך".

סטאניסלאווסקי וואלט געבליבן אויסער טעאטער, ווען ער וואלט ניט געהאט די מעגלאכקייט צו דורכברעכן אין לעבן זיין טעאטראלע אידייע.

נייע קינסטלערישע אידייען ווערן ניט באגעגנט מיט תופים ובמחולות פון דעם עולם. עס איז לחלוטין גארניט אזוי לייכט צו צעשטערן אלטע, געהייליגטע קונסט־געטער און אויף זייער ארט אוועקשטעלן נייע.

יעדער קינסטלער איז אן אפיקורס, א כופר אין אלטע, אנגע־נומענע קינסטלערישע אמונות, און אין דערזעלביגער צייט א נביא, א משיח פון א נייער קינסטלערישער אמונה.

קונסט איז רעליגיע. א קונסט־אידייע איז מאניסטיש, זי וויל ניט קיין שכנים און קיין שותפים. קונסט איז א וועלט־אנשויאונג. און א קינסטלערישע אידייע איז גארניט טאלעראנט צו אנדערע קינסטלערישע אידייען. זי איז פאנאטיש און פארביסן, זי איז אינקוויזיטאריש אין באציאונג צו אנדערש גלויביגע.

* * *

די לעצטע פערציג יאר איז דער אידייען־קאמף אין טעאטער פארביטערט און פארביסן, קינסטלערישע אידייען קעמפן פאר זייער אנערקענונג מיט דער גרעסטער באגייסטערונג און מוט. עס

איז שוין ניטאָ קיין סתם־טעאַטערס, טעאַטערס וואָס האָבן ניט קיין שטרייַנגן און בייזן קונסט־גאָט, טעאַטערס וואָס ווייסן ניט וואָס זיי ווילן, טעאַטערס, וואָס זייַנען ניט פאַנאַטיש איבערגעגעבן אַ באַשטימטער קינסטלערישער אידייע.

יעדעס טעאַטער האָט זייַנע קינסטלערישע קנאים, וואָס זייַנען גרייט צו מקריב זייַן זייער לעבן פאַר זייער קינסטלערישן גלויבן. איטלאַכ׳ס טעאַטער דערציט און האָדעוועט אויס זייַנע אַקטיאָרן, זייַנע געטרייע תלמידים, וואָס זייַנען פאַנאַטיש, און א ב ע ר־ג ל ו י ב י ש נאָך מער ווי זייערע רביים.

אין מאָסקווע פלעג איך אָפט באַזוכן די דעבאַטן וועגן טעאַטער צווישן טאַאירָאָוו׳ן, מייערכאָלד׳ן און סטאַניסלאַווסקי׳ן. דאָרט האָט מען געקעמפט אַן האַנטשו, מען האָט זיך געראַנגלט, געפירט אַ קאַמף אויף לעבן און אויף טויט. אַרום יעדן זייַנען געשטאַנען זייַנע תלמידים מיט ברענענדיגע אויגן, מיט ענטוזיאַסטישער ליבע צום רבי׳ן און מיט גיפטיגער שנאה צו די געגנער, צו די אפּיקורסים, וואָס זייַנען כופרים בעיקר.

איטלאַכס טעאַטער איז אַן עדה פון קינסטלערישע פאַנאַטיקער. אַזוי ווי עס איז אוממעגלאַך, אַז אַ פאַנאַטישער קריסט זאָל ווערן אַ איד, אָדער פאַרקערט, אַזוי איז אוממעגלאַך, אַז אַן אַקטיאָר פון טאַאירָאָוו׳ס טעאַטער זאָל גיין שפּילן אין סטאַניסלאַווסקי׳ס טעאַטער. ־דער דאָזיגער אַקטיאָר טראָגט אַ האַס אין הארצן צו סטאַניסלאַווסקי׳ס טעאַטער, ער איז איבערצייגט, אַז סטאַניסלאַווסקי׳ס טעאַטער־אידייע איז פאַלש ווי אַן אָפּגאָט, זי פאַרשוועכט און לעסטערט זייַן אמת׳ן קונסט־גאָט.

צערעטעלי קאָן שוין פיזיש און פּסיכאָלאָגיש ניט זייַן סטאַניסלאַווסקי׳ס אַן אַקטיאָר, אַזוי ווי קאַטשאַלאָוו קאָן פיזיש און פּסיכאָלאָגיש ניט ווערן אַן אַקטיאָר אין טאַאירָאָוו׳ס טעאַטער.

כהנים פון פאַרשיידענע אמונות שטייען איינע קעגן די אַנדערע.

* * *

אונזער אידישעס טעאַטער האָט ניט קיין קינסטלערישע אידייע און ער האָט דערצויגן און אויסגעהאָדעוועט אַקטיאָרן אָן קונסט־אידייען, ער האָט אויסגעהאָדעוועט בעלי־מלאכות, אַמאָל זייער גוטע

און אַמאָל מיטעלע, אָבער בשום אופן ניט קיין קינסטלער, אין העכערן זינען, קינסטלער־קעמפּער.

אין עצם, בנוגע דער קינסטלערישער אידייע שטייען כמעט אַלע אידישע טעאַטערס אויף איין „קינסטלערישע" שטופע, אין עצם זיינען אַלע אידישע טעאַטערס ענלאַך ווי צוויי טראָפּנס וואַסער איינע אויף די אַנדערע. זיי זיינען אַלע נאַקעט פון קונסט־פּרינציפּן, זיי בלאָנדזשען ארום אָן אַ קונסט־אידייע.

איין טעאַטער טוט קינסטלעריש בעל־מלאכה'ש בעסער זיין זאַך און אַן אנדערער ערגער, דאָס איז בלויז אַ פראַגע פון טעכנישער השלמה און פון בירגערלאַכער געוויסנהאַפּטיקייט.

בעצם האָבן מיר איין טעאַטער. מען קאָן צעטאַשן די אַקטיאָרן און זיי וועלן אומעטום זיין אינדערהיים.

מענטשן אָן פּרינציפּן, אָן אַ קונסט־אידייע, אָן אַ קינסטלערישן גלויבן זיינען זיי גרייט צו טאָן אַלץ. צעשוואומענע, צערונענע קינסטלערישע פּערזענלאַכקייטן בויגן זיי זיך און ציען זיך ווי גומי לויטן באַדאַרף.

אין טעאַטער איז פּוסט, ניטאָ קיין פּרינציפּן, וואָס זאָלן זיך שטעלן אין וועג, ניטאָ קיין קונסט־גאָט, וואָס זאָל סטראַשען מיט גיהנום, ניטאָ קיין קינסטלערישע אידייע, וואָס זאָל באַגייסטערן, ניטאָ קיין קינסטלערישער „איך", וואָס וויל עפּיס אייגנס.

אַן עדה פון גוטע בעל־מלאכות זיינען אונזערע אַקטיאָרן און דער טעאַטער איז אָן אַ קינסטלערישער חוט־השדרה.

2.

אין דער קונסט, האָט גאַגען געזאָגט, זיינען דאָ אָדער רעוואָלוציאָנערן, אָדער פּלאַגיאַטאָרן. דאָס הייסט — אָדער אַ קינסטלער ענדעקט נייע וועגן און שאַפט נייעס, אָדער ער מאַכט נאָך, בע'גנב'עט פּשוט די שאַפונגען פון אַלטע קינסטלער.

אין גייסטיגן, ווי אין מאַטעריעלן לעבן, שטייען מיר ניט אויף איין אָרט, מיר ווערן ניט פאַרגליווערט און פאַרשטיינערט. אַ בסדר'דיגע זוכעניש פאַר נייע וועגן.

דאָס נייע שפּרינגט אָבער ניט אַרויס פון העלער הויט ווי

אפּראָדיטאַ פון ים־שוים. דאָס נייע קומט ניט אויף דער וועלט ווי אַ וואונדער, ווי אַ נס. דאָס נייע איז בעצם ניט גרעסער פון דאָס אַלטע, עס זעט אויס גרעסער, ווייל עס שטייט כסדר אויף די פּלייצעס פון דאָס אַלטע. דאָס נייע איז שטענדיג דאָס געזעצליכע קינד פון דאָס אַלטע, עס איז פלייש און אַ ביין פון זיין ביין.

דאָס ניי־אַנטפּלעקטע איז בלויז אַ ניי רינגעלע און דער לאַנגער קייט פון אַנטפּלעקונגען.

אין די נייע אַנטפּלעקונגען זעען מיר כסדר שפּורן פון די פריערדיגע אַנטפּלעקונגען. און געזונט,, קרעפטיג זיינען די נייע אַנטפּלעקונגען אין דער קונסט, וועלכע האָבן זייערע ווייטע, ווייטע יחוס־בריף, וועלכע האָבן געזונטע עלטערן און אור־עלטערן.

קיין ממזרים, קינדער וואָס וויסן ניט פון עלטערן זיינען אין דער קונסט ניטאָ.

יעדע קונסט שטאַמט פון דעם פרימיטיוו, פון דעם איינפאַכן, פּשוט'ן פאָלקס־לעבן, פון דער פשוט'ער שטרעבונג, פון דעם איינ־פאַכן באַגער צו באַשיינען דאָס לעבן, צו „אויסטראַכטן" אַן אַנדער לעבן, וואָס איז שענער, אייביגער פון דעםווירקליכן לעבן. די קונסט איז דאָס צווייטע לעבן. האָט דאָס פאָלק געזונגען אָן נאָטן, האָט ער דערציילט וואונדערליכע מעשיות אָן טעכנישע קענ־טעניש, האָט דאָס פאָלק געשפּילט אויף דער ברייטער וועלט אָן אַ סצענע.

אויף שעקספּיר'ס טעאַטער איז געווען אָנגעשריבן:
"Totus mundus aqit histrionem."

די גאַנצע וועלט שפּילט זיך אין אַקטיאָרן. אַלע מענטשן זיינען אַקטיאָרן, די ווילדע און די ציוויליזירטע. די ווילדע טאַטו־אירן זיך, פּוצן זיך אויס אין פאַטשערקעס, די ציוויליזירטע מאַכן רעווערענסן און האָבן פאַרשיידענע צערעמאָניעס.

יעווריינאָוו זעט טעאַטער אין דעם גאַנצן לעבנסשטייגער פון מענטשן. אַלץ איז טעאַטער אפילו די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, אַלץ איז פּאָזע, יעדע ענדערונג איז מאַסקירונג.

דאָס לעבן מיט זיינע פרימיטיווע קענסטלערישע אויס־שטעלונגען, איז אָבער נאָך ניט קיין קונסט. עס איז בלויז

דער מקור, דער אָנהייב פון קונסט. אונזער לעבן איז אָרגאַניזירטער צופאַל, אונזער לעבן איז בייגקעניש נאָך לעבן, אונזער לעבן האָט ניט קיין האַרמאָניע: אין אונזער לעבן חלומ'ן מיר בלויז פון האַרמאָניע.

אין קונסט איז דאָס ריכטיגע לעבן, אין קונסט איז דאָס לעבן פון וועלכן מיר חלומ'ן, עס איז אַ לעבן פול מיט האַרמאָניע.

עמיל פאַגע, דער פראַנצויזישער קריטיקער און ליטעראַטור־היסטאָריקער זאָגט: די קונסט אין אַלע אירע פאַרשיידענע פאָרמען, איז ניט, ווי מען מיינט, אַ בילד פון אונזער לעבן, עס איז אידעאַליזירט. קונסט איז ניט דאָס רעאַלע, דאָס ווירקליכע, קונסט איז דער גייסט פון דער ווירקלאַכקייט.

קונסט איז מיטאָס, זי איז געווען אין איר בלי־צייט באַהעפט מיט מיטאָס, אין מיטאָס איז דאָס צווייטע לעבן פון מענטשן, דאָס לעבן צו וועלכען מיר שטרעבן, אין מיטאָס איז די העכערע לאָגיק פון לעבן.

טעאַטער איז געווען דאָס שפּיל פון געטער, אָדער דאָס שפּיל פון מענטשן־געטער. זייערע טראַגעדיעס זיינען ניט קיין צופעליגע און ניט קיין אומזיניגע, זייער לעבן איז לאָגיש פאַרבונדן מיט'ן טויט.

קונסט איז אויסגעוואַקסן אין דעם שוים פון רעליגיע, ווייל רעליגיע האָט געהאַט די השגחה אויפ'ן לעבן, געזוכט אַ זינען פאַר אים, אַ העכערן זינען.

און גערעכט איז שעלינג ווען ער זאָגט — (אין זיין „פילאָזאָפיע דער קונסט") די רעפאָרמאַציע האָט אונטערגעהאַקט די פליגלען ביים קריסטלאַכן מיטאָס און מיט דעם האָט זי געגעבן דעם שווערסטן קלאַפּ דער נייער קונסט. די פיבערדיגע זוכונגען אין אַלע צווייגן פון דער קונסט אין די לעצטע צייטן זיינען בעצם די גרויסע בייגקעניש נאָך אַ נייעם מיטאָס. דערווייל קומט פאָר אַ קאַמף פאַר נייע פאָרמען, וואָס זאָלן קאָנען אויפנעמען דעם נייעם מיטאָס.

עס איז איינפאַכע עמי־הארצות פון די, וואָס מיינען, אַז די בלויזע פאָרם איז קונסט, דער קאַמף פאַר נייע פאָרמען איז אַ קאַמף פאַר אַ נייעם אינהאַלט.

אין טעאַטער קומט איצט פאַר אַ קאַמף פאַר נייע פאָרמען און די נייע פאָרמען פאָדערן אַ נייעם אינהאַלט.

די קאָמעדיע דעל אַרטע איז געווען, אמת, בלויז אַ נאַקעטע טעאַטראַלע פאָרם, זי איז אָבער געווען אַזאַ פאָרם, וואָס האָט געקאָנט אויפנעמען אַ גרויסן אינהאַלט. וואָס ווייטער איז אָבער די פאָרם פאַרפלאַכט געוואָרן, וואָס ווייטער איז זי איינגער און שמעלער געוואָרן ביז זי איז דערגאַנגען צו דער נאַטוראַליסטישער פאָרם, וואָס איז ביכולת צו קאָפּירן בלויז דאָס אַלטעגליכע, דאָס רעאַלע און צו באַנעמען בלויז די ד׳ אמות פון דעם גרויען לעבן. דער נאַטוראַליזם איז די מעכאַניזירונג פון דער קונסט. דער אויפשטאַנד קעגן דעם קורצזיכטיגן נאַטוראַליזם, וואָס האָט דערנידעריגט די טעאַטער־קונסט צו דער פאָטאָגראַפישער מלאכה איז בעצם דער אויפשטאַנד קעגן דעם גרויסן און נישטיגן אינהאַלט פון דער טעאַטער־קונסט.

נאַטוראַליזם איז ניט בלויז די באַשרייַנקטע פאָרם, זי איז די סדום־בעטל פאַר׳ן אינהאַלט, זי האַקט אָראָפּ קעפּ.

און עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס דאָס נייע טעאַטער גייט צוריק צו דער גרויסער טעאַטראַלער פאָרם פון דער קאָמעדיע דעל אַרטע און זוכט פאַר איר אַ לעגענדאַרן, אַ נייעם, העראָאישן אינהאַלט.

דאָס איז די קינסטלערישע אידייע אין דעם נייעם טעאַטער — גרעסערע און ברייטערע קינסטלערישע פאָרמען פאַר אַ גרויסן און מעכטיגן אינהאַלט.

די געגנער פון טאַאיראָוו׳ן ווייזן כסדר אָן, אַז זיין טעאַטער איז דערוויל בלויז אַ טעאַטער פון נייע טעאַטראַלע פאָרמען, זיין טעאַטער האָט נאָך קיין נשמה, ער האָט נאָך ניט קיין אינהאַלט. דאָס איז אין אַ געוויסער מאָס ריכטיג. טאַאיראָוו איז עס אַליין מודה. דאָ אָבער שטייען מיר פאַר דער אַלטער רעטעניש — וואָס איז געקומען פריער אויף דער וועלט: די איי צי די הון? קומט פריער די פאָרם און דערנאָך דער אינהאַלט, צי עס קומט פריער דער אינהאַלט און דערנאָך די פאָרם?

מיר מיינען, אַז פריער דאַרף צוגעגרייט ווערן די מעגלאַכקייט פאַר אַ נייעם אינהאַלט, די מעגלאַכקייט איז די נייע פאָרם.

***

אונזער אידישער טעאטער איז געקומען אויף דער וועלט אין דער צייט פון דער סאמע ארימסטע טעאטראלער פארם און אביונישן אינהאלט. און דא שטייען מיר דערשטוינטע פאר דער גרויסער אינטואיציע פון דעם ערשטן אידישן טעאטראל — אברהם גאלדפאדן. אין דעם תוהו ובוהו פון דער טעאטער־קונסט אין זיין צייט, שטייט איינער מיט די טיפסטע און עכטסטע באגריפן פון טעאטער־קונסט.

ער וויל דעם אידישן טעאטער לכתחילה ארויספירן אויפ'ן ברייטן אמת־קינסטלערישן וועג. ער קומט מיט א גרויסער טעאט־ראלער פארם און מיט דעם ריכטיגן אינהאלט.

שולמית און בר־כוכבא איז טעאטראלע פארם מיט אידישן מיטאס אלס אן אינהאלט.

איז דען דא אידישע טעאטראלישקייט ? — וועט מען פרעגן.

געוויס איז דא. עס איז צעזייט און צעשפרייט אין אידישן לעבן און דער קינסטלער מיט'ן אמת'ן קינסטלערישן חוש ווייס וואו עס צו זוכן. גאלדפאדן איז ניט געגאנגען, ווי די נאטוראליסטן, זוכן זי אין דעם טומל פון גאס, ער איז געגאנגען זוכן ביים אמת'ן קוואל — אין דעם רעליגיעזן לעבן. דארט וואו די עכטע, די העכערע אידישע טעאטראלישקייט געפינט איר אויסדרוק.

דער פאלקס־אינסטינקט צו שפילן, צו טעאטראלער פאזע, צו דראקאטיווע פייערלאכקייטן האט ער דערשפירט אין רעלי־גיעזן לעבן. דארט האט ער דערפילט טעאטראלן עקסטאז, אמת'ע דבקות, עכטע התפשטות הגשמיות, גרויסע פארוואנדלונגס־פייאיקייטן, דארט האט ער דערזען די פארוואנדלונג פון א קרעמער אין א נביא, דארט האט ער געזען דאס צווייטע לעבן פון גרעסטער הארמאניע.

אין דער צייט פון גרויסער טעאטראלער שכחה, ווען דאס טעאטער האט פארגעסן, וואס עס האט אין זיין גרויסער קינדהייט געלערנט, אין דער צייט, ווען דאס טעאטער האט פאטאגראפירט נודנע גאסן־בילדלאך, איז געקומען איינער און האט אונז לכתחלה געגעבן א גרויסע און עכטע טעאטראלע פארם מיט א גרויסן אינהאלט.

אברהם גאָלדפאַדן איז געווען דער וואונדער, דער נס אין א גרויער צייט, א צייט וואָס איז ניט זוכה צו זען א נס.

דאָס אידישע טעאַטער איז אָבער באַלד אוועק הינקענדיג נאָכ'ן אמעריקאַנישן טעאַטער. ער איז פאַרפרעמדט געוואָרן און פאַרפלאַכט געוואָרן.

האָט דאָס אידישע טעאַטער קיין טעאַטראַלע פאָרם ניט און קיין ריכטיגן אינהאַלט.

דאָס וועלט־טעאַטער האָט כאָטש דערפילט זיין ירידה. ער האָט דערזען, אז מען וויל אים פאַרשלעפּן אין שיינק ער זאָל דאָרט אמוזירן האַלב־בגלופינ'דיגע פאַרשוינען און זאָל מאַכן לאַכן זאַטע און זויערע בירגער. ער האָט דערפילט די שפלות פון זיין מצב און ער האָט זיך צעבונטעוועט.

דעם טעאַטער איז קלאָר געוואָרן, אז זיין ירידה קומט פון דעם, וואָס ער האָט לכתחלה געמאַכט שותפות מיט אַן אַנדער קונסט־צווייג — מיט דער ליטעראַטור און צום סוף איז ער געוואָרן א סאַרווער בא דער ליטעראַטור. ער האָט מיט קנעכטישער גע־האָרכזאַמקייט געטאָן, וואָס די ליטעראַטור האָט געהייסן *).

די טעאַטער־קונסט איז פאַרלאָזט געוואָרן, דער אַקטיאָר איז געוואָרן א שטאַמלער און ניט קיין באַוועגליכער. דאָס טעאַטער האָט איצט ניט קיין אַקטיאָרן פאַר שעקספּיר־ראָלען.

קעמפט איצט דאָס טעאַטער פאַר זיין זעלבסטשטענדיקייט און גייט מיט זיינע זיכערע טריט צו אומאַבהייניגיגער שאַפונג.

די טעאַטער־קונסט איז ניט קיין סינטעז פון עטלאַכע קונסט־צווייגן, פון טעאַטער, ליטעראַטור, מוזיק און מאַלעריי, ווי די לעצטע פשרה־מאַכער ווילן האָבן. ניין, טעטאַער איז די קונסט, וואָס באַנוצט זיך אין איר שאַפן מיט'ן וואָרט, מיט'ן מוזיקאַלישן קלאַנג און מיט דער מאַלערישער ליניע.

סינטעז איז פשרה. פשרה הייסט — ניט מיר אינגאַנצן און ניט דיר אינגאַנצן, די טעאַטער־קונסט וויל זיין אינגאַנצן טעאַטער־קונסט, ד. ה. זי וויל, אז די ליטעראַטור מיט וועלכע זי באַנוצט זיך אַלס טעמא צום שפילן זאָל זיין דורכאוים טעאַטראַליש, אז די

*) אַרטיקל: „טעאַטער פאַר זיך".

מוזיק און די מאַלעריי זאָלן איר העלפן אַרויסברייננגען איר טעַ־אַטראַלישע ווערק מיט מער השלמה.

דאָס טעאַטער דינט קיינעם ניט, ניט דער ליטעראַטור, ניט דער מוזיק און ניט דער מאַלעריי, עס דינט זיך אַליין!

אויפ'ן פּאָליטישן זשאַרגאָן, וואָלט מען געזאָגט — די טעאַטער־קונסט איז געוואָרן באַוואוסטזיניג.

די דאָזיגע באַוואוסטזיניקייט פעלט אונזער טעאַטער.

ניטאָ קיין קונסט אויסער דער נאַציע. דאָס ווייסן שוין אפילו חדר־אינגלאַך, די קונסט אין תוך איז אינטערנאַציאָנאַל, איר פאָרם איז אָבער נאַציאָנאַל.

קאָנקרעט —

טרויער, פרייד איז געוויס אַלמענטשלאַך. אָבער איטלאַכס פאָלק טרויערט און פרייט זיך אויף זיין אופן. דער עצם איז דער־זעלביגער, די פאָרם איז בלויז אַן אַנדערע.

אַלע מענטשן באַוועגן זיך, אָבער איטלאַכס פאָלק האָט זיין אייגענטימלאַכע באַוועגונג. אַלע מענטשן ריידן אָבער איטלאַכס פאָלק באַפאַרבט און באַטאָנט זיין וואָרט פאַרשיידן.

דאָס זיינען די פשוט'ע ווירקלאַכע אויסערלאַכע נאַציאָנאַלע סימנים.

דער קינסטלערישער טרויער, דאָס קינסטלערישע וואָרט און די קינסטלערישע באַוועגונג איז דאָס אידעאַליזירטע, דער גייסט פון דאָס ווירקלאַכע. די אידישע מאַלעריי, אין די לעצטע יאָרן האָט עס פאַרשטאַנען. שאַגאַל, אַלטמאַן, ריבאַק און פיל אַנדערע האָבן געזוכט און אַנטפּלעקט די אידישע ליניע און די אידישע פאַרבן. אַ איד מיט אַ באָרד, אַ איד אין אַ טלית, אַ איד מיט אַ ספר תורה איז לחלוטין ניט קיין אידישע מאַלעריי. עס קאָן העכסטנס זיין — אידישער אינהאַלט. אידישע מאַלעריי זעט די וועלט אין אידישע פאַרבן און ליניען. דער אינהאַלט קאָן זיין ניט קיין אידישער, אָבער די באַנעמונג אַ אידישע. דאָס איז בשום אופן ניט קיין פלאַכער און שרייענדיגער נאַציאָנאַליזם. שאַגאַל האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז ער איז ניט קיין אידיש נאַציאָ־

נאַלער מאַלער, ער זעט און באַנעמט די וועלט ווי אַ אוניווערסאַלער קינסטלער.

די נייע אידישע מאַלעריי מאָלט ניט קיין „הייליגע" סענטימענטאַלע מנורות, קיין מגן־דוד'ס און קיין לאַקריץ־זיסע אידן, זי קומט צו דער וועלט מיט אַ אידישער מאַלערישער פאָרם, וואָס איז ס'רוב אויך דער מאַלערישער אינהאַלט.

איינער אַ נאַאיווער, האָט אויפגעכאַפּט די ווערטער „קינסטלערישע נאַציאָנאַלע אידייע" אין מיין ערשטן אַרטיקל („טעאַליט" נומ. 1) און האָט זיך צושריען, אַז איך פאָדער נאַציאָנאַליזם פון טעאַטער, אַ צווייטער, פשוט אויס בייזקייט, האָט געוואָלט כלומר'שט טרעפן, אַז איך מיין מיט דעם אַרויסברענגען אויף דער סצענע ספרי־תורות, טליתים און מזוזות.

ביידע ווייסן מסתמא ניט, אַז די דאָזיגע קינסטלערישע נאַציאָנאַלע אידייע זוכט אפילו דער אידישער מאָסקווער קאַמער־טעאַטער, וואָס שטייט אונטער דער השגחה פון כשר'ע קאָמוניסטן.

אין שאַגאַלס געמעלען אויף די ווענט פון קאַמער־טעאַטער, וואָס הייסן „אַריינפיר אין אידישן טעאַטער" ליגט אָפן די קאָנצעפּציע פון דער קינסטלעריש־נאַציאָנאַלער אידייע אין אידישן טעאַטער. דאָרט האָט איר די אידישע טעאַטראַלישקייט, די אמת'ע קינסטלערישע באַנעמונג פון אידישן טעאַטער.

און די בעסטע שאַפונג פון דעם דאָזיגן טעאַטער איז שלום־עליכמ'ס „מזל־טוב", ווייל שאַגאַל האָט זי געשאַפן.

די אידישע מאַלעריי איז געגאַנגען זוכן די אידישע ליניע און די אידישע פאַרבן באַ דעם אידישן מיטאָס, באַ דער רעליגיעזער שאַפונג.

רעליגיע איז קונסט, קונסט איז רעליגיע!

אין די אַלטע שולן, אויף אַלטע בית־עלמנס, אויף אַלטע שערבלעטער פון אַלטע ספרים, אין אַלטע הגדות און מגילות האָבן זיי אַנטפּלעקט דעם שורש, די נשמה פון דער אידישער מאַלעריי.

דער אידישער טעאַטער דאַרף אויך גיין זוכן אידישן זשעסט, די אידישע טעאַטראַלע ליניע, די אידישע אינטאָנאַציע באַ דעם אידישן מיטאָס און ניט באַ דער גרויער הענדלערישער גאַס.

אין דעם נגון פון אקדמות, פון „איכה", פון „מגלות אסתר"

און פון אַנד. ליגט אפשר דער אמת'ער פּאַטאָס, די אמת'ע קינסט־לערישע אינטאַנציע. אין דער עבודה, אין דבקות באַ תפלה ליגט אפשר די ריכטיגע אידישע טעאַטראַלע באַוועגונג. טעאַטער איז אַרויסגעוואָקסן פון רעליגיעזן מיטאָס. אין זיין שוים איז ער אויפגעהאָדעוועט געוואָרן און דאָרט דאַרף מען זוכן די אמת'ע טעאַטראַלישקייט.

די נייע אידישע מוזיק האָט שוין אויך געפונען דעם ריכטיגן וועג צו דעם אידישן מוזיקאַלישן קלאַנג אויף אַזאַ אופן.

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז מען זאָל אַרויסשלעפּן דעם בית־המדרש אויף דער סצענע. דאָס הייסט בלויז זוכן די עכטע אידישע אינטאַנאַציע, די ריכטיגע באַוועגונג אין דעם טעאַטראַלן מקור.

מיט דער עכטער אידישער באַוועגונג און אינטאָנאַציע קאָן געפּריידיגט ווערן די גרעסטע אַפּיקורסות און ערשט דאַן וועלן זיי זיין קינסטלעריש.

די קיעווער סטודיא איז אין דער אויפפירונג פון שטיינמאַנ'ס „משיח בן יוסף" געגאַנגען אויף דעם אמת'ן וועג פון קינסטלערישן נאַציאָנאַלן שאַפן.

איך האָב ליידער די אויפפירונג ניט געזען, אָבער פון די אָפטע שמועסן מיט די פירער פון דער סטודיא, פון די עסקיזן צו די דעקאָראַציעס, און פון דעם גאַנצן רעזשי־פּלאַן איז קלאָר און בולט די גאַנצע טענדענץ.

אפילו די מאָסקווער „הבימה", וואָס האָט באַקומען איר ערשטע דערציאונג אין דער פרעמד, אין רוסישן רעאַליזם פון סטאַניסלאַווסקי, האָט אין דער אויפפירונג פון „דבוק" אָנגעהויבן זוכן דעם ריכטיגן מקור פון אידישער טעאַטראַלישקייט.

אין דער ליטעראַטור האָט געזוכט דעמזעלביגן וועג י. ל. פּרץ, איצט זוכט עס, פּאַר'עקשנ'ט, דער נסתר ד. איגנאַטאָוו און אַ גאַנצע ריי אַנדערע שריפטשטעלער.

עס איז אַוועק די עפּאָכע פון נאָכאַמונג, די עפּאָכע פון משכיליזם, אויף אַלע געביטן פון אונזער קונסט־לעבן הערט זיך דער „רוף צו זיך". צו אידישע קינסטלערישע עכטקייט.

אמת, אין סאַמע מיטן פון אונזערע זוכונגען האָט זיך איצט ווידער אַריינגעריסן דער משכיליזם, די מאַלפּישע נאָכמאַכונג,

וואָס אַנדערע טוען. אונזערע כלומר׳שט „נייע" דיכטער זיינען בעצם נייע משכּילים וואָס זינגען נאָך פרעמדע לידער. דער משכּיליזם, ווי עס שטעלט זיך אַרויס, איז אַ היסטאָרישע קרענק, וואָס כאַפּט אונז אָן אין יעדער טומלדיגער עפּאָכע. די נייסטע דיכטער אונזערע זיינען בעצם י. ל. גאָרדאָנס, א. גאָטלאָבערס, נאָר אַ ביסל אַנדערש געשלייערט.

דער דאָזיגער משכּיליזם איז אַריינגעדרונגען אין דער ליטע־ראַטור, אין דער מאַלעריי און אין אונזער טעאַטער. אָבער קעגן דעם שלים־מזל׳דיגן נאָכאַמישן קעמפן איצט די אידישע קינסט־לער, וואָס ריידן צו דער וועלט מיט אידישער קינסטלערישער עכטקייט.

אָן פּליגלען

(העלד און אינטריגע)

דאָס גליענדע פייער פון פּראָמעטעוס איז אויס־געלאָשן געוואָרן. פייערווערק איז געקומען אָנשטאָט אים, אַ פייער מיט וועלכן מען קאָן אפילו אַ פּאַפּי־ראָס ניט פאררויכערן. אַ שענדליכער דור, א דור פון עקר'ס, וואָס קאָן נאָר מעלה־גרה'ן די העלדישע מעשים פון דער פארגאַנגענהייט, פארשוועכן די העלדן פון אַלטערטום און אַרומגריזן זייערע ביינער אין טראגעדיעס.

— שילער.

עס איז געווען אַ צייט ווען דער פּשוט'סטער איד, דער גרעסטער עם־הארץ האָט געקאָנט שיין און פארביג דערציילן אַ לעגענדע. עס איז געווען אַ צייט, ווען די אידישע פאנטאַזיע איז געווען לייכט און פּלאַטערנדיג, עס איז געווען אַ צייט ווען א איד האָט געזען אין דער פארגאַנגענהייט און אין דער געגענוואַרט ניסים, מופתים.

דער נס, דער וואונדער איז געווען היימיש אין אונזער לעבן. ער האָט זיך אריינגעוועבט אין אַלטעגליכן לעבן. דער פארשמירטער קרעמער פלעגט פון זיין פינסטערער וואָכעדיגער קראָם אריין אין בית־המדרש און באפליגעלט ווערן, דער אידישער פאר'חושכ'טער בעל־מלאכה פלעגט פון וואַרשטאַט אריינכאַפּן זיך הערן די וואונדערליכע מעשיות פון עין יעקב. בטלנים פלעגן זיצן אין די בתי־מדרשים און דערציילן וואונדערליכע מעשיות וועגן צדיקים, פאַראומערטע מאַמעס פלעגן שבת פאר הבדלה, אין דער האַלב־טונקלקייט דערציילן אַזעלכע שיינע, אַזעלכע ציכטיגע לעגענדעס.

אין דעם פינסטערן אידישן לעבן פלעגן ווי גלי־ווערימלאך אין א טונקעלער נאכט ארומשפאצירן למד־וואָווניקעס, צדיקים, גלות־אָפּריכטער, בעלי־מופתים, עלויים און בעל־שם׳ס.

דאָס לעבן איז געווען דורכגעוועבט און אָנגעזאפּט מיט סודות, מיט וואונדער. הימל און ערד זיינען געווען אזוי נאָענט איינער צום אנדערן און די אידישע פאנטאזיע פלעגט דריי מאָל א טאָג זיך אויפהויבן פון דער ערד צום הימל.

יעדער שטאמלער, יעדער פאָנפאָטער און יעדער אָרימער בעל־לשון האָט אזוי שיין, אזוי פארביג און אזוי פאנטאסטיש־נעפּל־דיג געקאָנט דערציילן א מעשה׳לע.

און מיטאמאָל איז אויסגעטריקענט געוואָרן די אידישע פאנ־טאזיע, מיטאמאָל איז בא אונז דער שיינער פארביגער לשון אָפּ־גענומען געוואָרן, מיטאמאָל זיינען מיר עפּעס פארבן־בלינד גע־וואָרן, מיטאמאָל איז אונזער לשון געוואָרן אזוי פּשוט־פּלאך, אזוי ניכטער־פּויזנדיג און אזוי טעמפּ־פארשטענדלאך.

געשטאָרבן די שיינע אידישע מעשה׳לע.

קיינער האָט ניט וואָס צו דערציילן, קיינער קאָן גאָרניט דערציילן.

מיר זעען אין מענטשן עפּעס א נארישע מאשינקע וואָס ארבעט און ארבעט, ארבעט די מאשינקע בלויז אויפ׳ן פּעטס וואָס זי דאַרף האָבן כדי זי זאָל זיך קאָנען דרייען אויף דער וועלט.

איז געקומען י. ל. פּרץ און האָט איבערדערציילט אמאָליגע מעשה׳לאך, זיינען געקומען אנדערע און מעלה׳גרה׳ן די וואונדער־לאכע געשיכטן, וואָס אונזערע זיידעס און באָבעס האָבן דער־ציילט.

מיר אליין קאָנען גאָרניט דערציילן.

און ניט בלויז מיט אונז האָט פּאסירט דאָס דאָזיגע אומגליק, די גאנצע וועלט האָט פארגעסן די קונסט צו דערציילן א מעשה, א שיינע מעשה, א מעשה מיט א טשיקאַוון פּלאָנטער, א מעשה מיט א לאבירינט פון געשעענישן, א מעשה מיט א נס, א מעשה מיט הערלישע מעשים, א מעשה מיט א ליכטיגע כונה, א מעשה מיט שטראַלענדיגע צדקות און גיהנום׳שע רשעות.

בא דער גאנצער וועלט איז די פאנטאזיע אויסגעטריקענט געוואָרן.

דרוקן זיך מיליאָנען טויטע ביכער, ווערן געשפּילט טויזנטער נוטה־למות׳דיגע דראַמעס.

גייען ארום מענטשן מיט׳ן „קאָדאַק" און „פּיקטשור׳ן" דאָס לעבן. זיי באווייזן אונז דאָס וואָס מיר זען און דאָס וואָס עס איז אונז שוין נמאס ומאיס געוואָרן צו זען, דערציילן זיי דאָס וואָס מיר אַלע ווייסן און דאָס וואָס עס איז שוין אונז ביז צו עקל דער־עסן געוואָרן.

דאָס לעבן איז דאָך די גרעסטע אינטריגע. די גרויסע אינ־טריגע, וואָס הייסט לעבן טוט און פרוכפּערט מיט אינטריגעס און מיר זעען זיי ניט, מיר זעען נאָר עפּעס שטילע, באַשיידענע און זיס־זויערע אידיליעס, אָדער פּארזשאַווערטע טאָג־טעגלאכע האַ־ווענישען, נודנע און קורצזיכטיגע געשעענישלאַך.

עפּעס פלעכטן מיר ווערטער, מיר בלאָזן אָן די ווערטער ווי פּענכערס, מיר לאָזן זיי גיין אויף שטאָלצעס, מיר טוען זיי אָן הערנער.

און די ווערטער שרעקן אונז ניט.

האָט דאָך עמיל זאָלאַ, דער פאַרביסענער נאַטוראַליסט געזוכט אין גרויסן לעבן אַ גרויסע אינטריגע.

ער האָט פון די גרויסע לעבענס־פּעדים אויסגעוועבט שטאַר־קע פאַרפּלאָנטערטע אינטריגעס.

ער האָט געקאָנט דערציילן אַ מעשה.

די עלטערע זיינען געווען וואונדערלאַכע מעשיות דערציילער, למשל, וויקטאָר הוגאָ, באלזאַק און אפילו די שפּעטערדיגע, טאָלסטאָי, מאָפּאַסאַן, דזשעק לאָנדאָן, איבאַנעז און אנדערע האָבן אין לעבן געזען גרויסע אינטריגעס.

און אין דער אינטריגע איז פאַראַן שטענדיג אַ העלד, און אַ העלד האָט אין זיך עטוואָס לעגענדאַרישעס.

קונסט איז דאָך סוף כל סוף לעגענדע, לעגענדע איז דאָך סוף כל סוף די גרעסטע ווירקלאַכקייט, ווייל די ווירקלאַכע וועלט נאָך אַלע קלוגע און ניכטערע וויסענשאַפטלאַכע דערקלערונגען, איז דאָך אַ לעגענדע.

די קונסט צו דערציילן אַ מעשה איז אַלט ווי די מענטשהייט. די אַלע אמונות זיינען געקומען צו מענטשן מיט אַ וואונדערלאכע מעשה, מיט וואונדער, מיט גרויסע אינטריגעס און מיט אַן אַל־מעכטיגן העלד, וואָס הייסט גאָט.

עס וואָלטן אפשר קיין אידן ניט געווען אויף דער וועלט, ווען אין דער ביבל וואָלטן געווען בלויז די שטרייגנע געבאָטן, די עשרת הדברות אָן די וואונדערלאכע מעשיות, אין וועלכע די דאָזיגע געבאָטן זיינען איינגעראַמט און איינגעפאסט, וואָלטען זיי אפשר אַזוי פייערלאך ניט געווען.

עס וואָלטן אפשר קיין קריסטן ניט געווען אויף דער וועלט, ווען די קריסטלאכע אמונה וואָלט ניט געהאַט אַזאַ גרויסע אינ־טריגע און אַזאַ מערקווערדיגן העלד ווי יעזוס.

סוף כל סוף נערט און שפּייזט דער רעליגיעזער מענטש זיין גלויבן מיט די וואונדערלאכע מעשיות און ניט מיט די פרומע, שטרייגנע און טרוקענע געבאָטן.

די דערציילונגען פון דער ביבל זיינען אייביגער פון די דינים און געבאָטן.

די מעשה בראשית דערציילונג, יעקב'ס חלום, די פּלגש בגבעה, די וואונדערלאכע לעגענדע מיט יפתח'ס טאָכטער, דניאל אין לייבן־גרוב האָבן אין זיך מער רעליגיעזיטעט ווי די דינים און געבאָטן.

די מעשה'לע באַגלייט כסדר די מענטשהייט אין איר לאַנגן היסטאָרישן וועג, די אינטריגע האָט זי פאַרכאַפּט כסדר באַם אָטעם און דער העלד איז כסדר געווען דער פאַרגעטערטער און דער געהייליגטער.

ווילדע פעלקער, מענטשן־פרעסער דערציילן מעשיות אין וועלכע עס ליגן באַהאַלטן אַלע סודות פון זייער לעבן.

נישטיג און אומבאַמערקבאַר איז דער מענטש, וועגן וועלכן מען קאָן גאָרנישט דערציילן, טויט איז דאָס לעבן ווען איבער אים פלאַטערט נישט די לעגענדע.

סיי־ווי־סיי דערציילן מענטשן איינע די אנדערע מעשיות. זיי דערציילן מעשיות אָן דער ליטעראַטור און אָן דעם טעאַטער;

סיי־ווי־סיי זוכן אוים מענטשן זייערע העלדן אין לעבן, ווען די ליטעראַטור און דער טעאַטער זוכט עס ניט אוים פאַר זיי.

דער מאָדערנער סאָציאַליזם האָט טעאָרעטיש ניט אָנערקענט דעם העלד, דער ניכטערער מאַטעריאַליזם האָט אָפּגעלייקענט די ראָל פון דעם יחיד אין לעבן, דער מאָדערנער סאָציאַליזם האָט אין לעבן געפונען אַ פשוט'ע אָן אָפענע אינטריגע און האָט פאַר'ן העלד געקרוינט דעם קאָלעקטיוו, די מאַסע, דעם קלאַס.

די מאַסע, דאָס פאָלק האָט אָבער אין לעבן געקרוינט זיינע העלדן־יחידים.

איז לענין געוואָרן אַ העלד ארום וועלכן עס פלאַטערן לעגענדעס, איז די דאָזיגע ראַציאָנאַליסטישע פיגור מיט'ן ניכטערן קלוגן קאָפּ פארנעפּלט געוואָרן מיט פאַנטאַסטישע פאַרבן.

דער סאָציאַליזם איז געוואָרן די גרויסע אינטריגע און לענין דער העלד.

אינטריגע און העלד דאָס זיינען די צוויי זיילן פון דער מענטשלאַכער פאַנטאַזיע. ארום זיי שפּילט די פאַנטאַזיע, ארום זיי שאַפט זי.

גאָט וואָלט קיין גאָט ניט געווען, ווען ער וואָלט קיין העלד ניט געווען און אמונה וואָלט קיין אמונה ניט געווען ווען זי וואָלט ניט געהאַט די גרויסע און טיפע אינטריגע.

מענטשן ווילן זען זייערע חלומות און אידעאַלן אין פּלאַסטישע פאָרמען.

דער העלד איז די פּלאַסטישע פאָרם פון זיינע חלומות און אידעאַלן.

דער העלד איז ריין, דער העלד איז מוטיג, דער העלד איז כלו אמת און ערלאַכקייט.

דער העלד פירט אַן אייביגן קאַמף מיט דאָס בייזע און שלעכטע אויף דער וועלט.

די אינטריגע איז אַ קנויל פון רשעות'ן, די אינטריגע פאַרשפּרייט נעצן אונטער די פיס פון דעם העלד, די אינטריגע שטעלט שטרויכלונגען אויף זיין וועג.

אין דעם נעץ פון אינטריגעס ווייזט דער העלד זיין גבורה.

העלד און אינטריגע זיינען דער וואונדערלאכער טייג, פון וועלכן די מענטשלאכע פאנטאזיע קנעט אוים די וואונדערלאכע מעשיות, די רייצענדיגע לעגענדעס.

די אינטריגע איז פאראן אין לעבן. אויף טריט און שריט איז זי דא. זי איז דא אין דער נאטור, זי איז דא אין די מענטשן.

איך ווייס ניט ווער איז פריער באשאפן געווארן, דער העלד צי די לעגענדע, די וואונדערלאכע דערציילונג וועגן העלד.

אפשר זיינען גאר פריער קיין העלדן ניט געווען.

פריער האט זיי די מענטשלאכע פאנטאזיע אויסגעקלערט און דערנאך זיינען די העלדן געקומען אויף דער וועלט.

די לעגענדע האט זיי ארויסגערופן.

די ריטערלאכע לעגענדעס האבן באשאפן א קאריקאטורישן העלד ווי דאן קיכאט, אבער וויפל אמת'ע ריטער האבן די לעגענ־דעס באשאפן!

די גרעסטע רייזענדע האבן זיך אוועקגעלאזן רייזן איבער דער וועלט ווען זיי האבן זיך אנגעלייענט פאנטאסטישע דערציי־לונגען וועגן מוטיגע רייזענדע.

יעדע דערציילונג וועגן העלדן און העלדן־טאטן, וועקן אין מענטשן מוט און לוסט צו העלדישע מעשים.

די רעליגיע האט באשאפן זייער פיל לעגענדעס פון הייליגע און האט אפטמאל אין פשוט'ע מענטשן ארויסגערופן דעם פאר־לאנג, דעם ברענענדיגן פארלאנג צו הייליגן זיך.

די יעזוס לעגענדע האט הונדערטער יארן גערייצט די פאנ־טאזיע פון מענטשן און טויזענטער קליינע און גרויסע יעזוס'ן האבן זיך באוויזן אין ווירקלאכן לעבן.

קיינער האט גאט ניט געזען, קיינער קאן אים ניט און געט־לאכע מענטשן האבן מענטשן געזען אויף טריט און שריט.

די קלוגע וויסנשאפט, די פראקטישע מאשין האבן געטויט די לעגענדע אין דער ליטעראטור.

עס איז געקומען דער ניכטערער נאטוראליזם און האט דעם העלד אנטקרוינט.

ניטא קיין העלדן, ניטא קיין אינטריגע. די מענטשלאכע

פאַנטאַזיע איז געבונדן געוואָרן מיט שטרייַנגע כּללים און געזעצן פון מאַטעמאַטיק און פון דער נאַטור־וויסנשאַפט.

דער מענטש זעט נאָר דאָס וואָס ער קאָן אָנטאַפּן מיט זיינע צען פינגער.

אין דער מינוט וואָס די העלדן האָבן צוגעמאַכט די אויגן אין דער ליטעראַטור זיינען פיל פון זיי געשטאָרבן אין לעבן.

און אויף דער סצענע, וואָס האָט געלעבט און געאָטעמט מיט׳ן העלדישן גייסט, האָבן זיך באַוויזן גרויע פאַרשוינען, לאַנג־ווייליגע באַשעפעניש, נודנע שאָטנס.

און ווען דער העלד איז נעלם געוואָרן, איז די אינטריגע ממילא געוואָרן איבעריג.

זיינען באַשאַפן געוואָרן דראַמעס אָן העלדן און אָן אינ־טריגעס.

נודנע און לאַנגווייליגע דראַמעס.

די סצעניש̇ע קינסטלער האָבן פאַרגעסן ווי צו האַלטן שטאָלץ דעם קאָפּ, ווי צו שטעלן אַ פּוס מוטיג, ווי צו מאַכן אַ פייערלאַכע געביטערישע באַוועגונג.

און די גרויסע אידעאַלן זיינען אַנטרונען געוואָרן סיי פון דער ליטעראַטור און סיי פון דער סצענע.

וואָרים דער העלד איז געווען דער טרעגער פון די אידעאַלן, מיט׳ן טויט פון העלד זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן די אידעאַלן.

די אידישע דראַמע איז געקומען אויף דער וועלט אָן אַ העלד און אָן אן אינטריגע. זי איז געקומען אַ גרויאינקע, אָן פאַנטאַזיע און אָן ברויזענדיג בלוט.

גאָלדפאַדן איז געווען דער איינציגער, וואָס איז געקומען מיט אַ העלד און מיט אַ פאַרוויקעלטער אינטריגע, ער האָט אָבער קיין העלדן־שפילער ניט געפונען, אויף קיין דראַמאַטישע אינטריגאַנט׳ן זיך ניט אָנגעשטויסן.

אין „שולמית“ און „בר כוכבא“ זיינען דאָ העלדן, עס איז דאָ אַן אינטריגע.

אָבער שפּילן דעם העלד קאָן נאָר דער העלד!

דער דאָזיגער העלד איז ניט געווען אין זיין סביבה, צווישען זיינע אַקטיאָרן.

נאָך גאָלדפאַדן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויף דער סצענע גרויע אידלאַך, לעפּישע פאַרשוינען און טעמפּע לצים.

נאָכמער, די אמת'ע העלדן, וועלכע מען פלעגט לייען באַ דער אידישער געשיכטע זיינען פאַר'בעל־הבית'עלט געוואָרן.

דער אידישער טעאַטער האָט פאַר זיינע פופציג יאָר עקזיס־טענץ ניט געהאַט איין ריכטיגן אוריאל אַקאָסטאַ, איין ריכטיגע יהודית.

אוריאל אַקאָסטאַ פון גוצקאָוו איז געשפּילט געוואָרן אויף אַלע סצענעס אין דער וועלט, נאָר באַ אונז האָט מען עס ניט גע־קאָנט און מען קאָן נאָך עד היום ניט שפּילן.

אין די אידישע יוגנט געגאַנגען זוכן אירע העלדן אין לעבן, ווייל אין ליטעראַטור האָט זי זיי ניט געפונען.

האָט זי געפונען דעם פּשוט'ן אידישן בעל־מלאכה הירש לעקערט, וואָס האָט געמאַכט אַן אַטענטאַט אויף דעם ווילנער גובערנאַטאָר, זי האָט געפונען העסי העלפמאַן, די דאָזיגע פּשוט'ע אידישע מיידל, וואָס האָט אויפגעהויבן אירע הענט אויפ'ן צאַר.

פאַר נאָמבערג'ס פליגלמאַן האָט זיך די יוגנט דערשראָקן.

ווער דאַרף וויסן וועגן דעם דאָזיגן טויגעניכטס ?!

איז באַשאַפן געוואָרן אַ ניט־געשריבענע ליטעראַטור, אַ לי־טעראַטור וואָס שווינדלט און גריבלט פון העלדן און פון גרויסע אינטריגעס.

מען פלעגט זיך צונויפקומען און דערציילן לעגענדעס וועגן העלדישע רעוואָלוציאָנערן, וועגן די אינטריגעס פון דער אָכראַנקע.

וואונדערלאַכע מעשיות, זיי פאַרכאַפּן דעם אָטעם, רייצן די פאַנטאַזיע און שטויסן צו העלדן־טאַטן.

און אויף דער אידישער גאַס האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט העלדן אויף להכעיס דער ליטעראַטור, אויף להכעיס דעם טעאַטער.

ליטעראַטור און טעאַטער האָבן דערציילט נודנע מעשיות און אין דער שטיל, פון אויער צו אויער האָבן זיך געטראָגן אַנדערע מעשיות, מעשיות מיט העלדן, מיט אינטריגעס.

און געלעבט האָט מען ניט מיט די קלוגע מעשיות פון דער ליטעראַטור, נאָר מיט די פאַנטאַסטישע מעשיות פון לעבן.

פונקט פאַרקערט ווי עס האָט באַדאַרפט צו זיין.

אין דער ליטעראַטור פליגלמאַן און נאָך אַזעלכע מלמדים און אין לעבן לעקערט און אַנדערע מוטיגע, אידישע העלדן. אויף דער סצענע נארישעוואַטע בעל־הבית׳לאַך און אין לעבן פאַר־שטעלטע העלדן, באַהאַלטן אונטער פרעמדע נעמען, העלדן, וואָס די אַבראַנקע יאָגט זיך נאָך זיי און קאָן זיי ניט כאַפּן, העלדן, וואָס אַנטלויפן מיט ניסים פון תפיסות.

איז גערשוני דער העלד אין לעבן און פליגלמאַן דער העלד אין דער ליטעראַטור.

רעדט מען גלאַט אין דער וועלט אריין וועגן אַ קריזיס אין דער ליטעראַטור און אין טעאַטער.

אונזער ליטעראַטור און אונזער טעאַטער האָבן ניט געהאַט קיין דעה אין לעבן.

געווען אַ צייט ווען די רעליגיע האָט באַהערשט אונזער לעבן. זי האָט דאָס לעבן מיט לעגענדעס באַשיינט און באַפּוצט. זי האָט העלדן געהאַט, זי האָט ניסים און וואונדערלאַכע מעשיות דער־ציילט.

האָט מען זיך צו איר צוגעהערט.

מען האָט געגלויבט.

עס איז קיין פּאַראַדאָקס —

מענטשן גלויבן דוקא אין דאָס אומגלויבלאַכע, זיי ווילן גלויבן, זיי ווילן האָבן העלדן.

אַט האָבן די שטרייִנגע מאַרקסיסטן, וואָס לייקענן די ראָל פון העלד אין לעבן, אליין געשאַפן לעגענדעס ארום זייערע פירער.

איז לענין געוואָרן אַ לעגענדע. אַ העלד פון אַ גרויסער לע־גענדע. זיי ווילן גלויבן און גלויבן אין דער איבערנאַטירלאַכער קראַפט וואָס דער דאָזיגער טרוקענער ראַציאָנאַליסט האָט פאַר־מאָגט.

און מיט׳ן כח פון דער לעגענדע־לענין וועלן זיי לעבן!

מיר זיינען אוועק פון דער רעליגיע. האָט די ליטעראַטור געוואָלט פאַרנעמען איר אָרט.

האָט זי ניט קיין משה רבינו, האָט זי ניט קיין בעלי־שם־טוב'ס.

זי האָט פּליגלמאַנס.

און דער טעאַטער האָט אפילו קיין פּליגלמאַנס אויך ניט.

אַנטלויפט מען פון אַזא גרויקייט.

יעדער וועבט זיך אין דער שטיל זיין אייגענע לעגענדע, יעדער האָט זיינע אייגענע העלדן...

דער אַקטיאָר

אין דעם אַלטן גריכישן טעאַטער איז דער דראַמאַטורג געווען אויך דער אַקטיאָר. עסכיל איז געווען דער לעצטער, וואָס האָט אַליין געשפּילט זיינע טראַגעדיעס.

פאַר סאָפאָקלען שפּילט שוין דער פּראָטאַגאָניסט.

פון דעם מאָמענט אָן ווערט פאַרשוואונדן די קינסטלערישע גאַנצקייט און איינהייט אין טעאַטער. צוויי קינסטלער אָנשטאָט איינעם מוזן שאַפן איין קונסטווערק און דער שאַפער קאָנפליקט צווישן פּאַרפאַסער און אַקטיאָר רייסט זיך אַריין אין טעאַטער.

עס איז ניטאָ קיין שלום צווישן די צוויי קינסטלער, עס קאָן קיין שלום ניט זיין, עס קאָן קיין גלייכבאַרעכטיגונג ניט זיין. יעדער קינסטלער איז עגאָצענטריש, יעדער וויל אַרויסברייננגען זיין קינסטלערישן „איך“, זיי קאָנען זיך ניט בויגן איינער פאַר דעם אַנדערן, זיי קאָנען ניט פאַרלייקענען זייער „איך“.

צוויי מאַלער קאָנען ניט מאָלן איין בילד, צוויי סקולפּטאָרן קאָנען ניט אויסהאַמערן איין סטאַטוע, צוויי אמת׳ע שריפטשטעלער קאָנען נישט שרייבן איין בוך און צוויי קאָמפּאָזיטאָרן קאָנען ניט שאַפן קיין איין קאָמפּאָזיציע.

עס איז בכלל ניט מעגלאַך, אַז צוויי קינסטלער זאָלן באַנעמען אַ קינסטלעריש פּראָבלעם גלייך, מיט אַן אַבסאָלוטער ענלאַכקייט. עס זיינען לחלוטין ניטאָ אויף דער וועלט צוויי אַבסאָלוט ענליכע דערשיינונגען און אפילו א ב ס אָ ל ו ט ענליכע קעגנשטאַנדן.

דער אַקטיאָר, עוון ער זאָל אפילו וועלן זיין געהאָרכזאַם דעם דראַמאַטורג, ווען ער זאָל אפילו מיט לייב און זעל „אַריינלעבן“ זיך אין דעם דיכטער׳ס שאַפונג וועט ער קיין דיכטער ניט זיין, ער וועט פאָרט זיין אַן אַקטיאָר, אַ קינסטלער מיט אַנדערע קינסטלערישע מעטאָדן און מיט אַן אַנדער קינסטלערישער באַנעמונג פון דערשיינונגען.

עס קאָן ניט פּאַסירן, אַז צוויי אַקטיאָרן זאָלן שפּילן דיזעלביגע ראָל גלייך. שוין מיט דעם אַליין, וואָס אַקטיאָרן זיינען בלויז קערפּערלאַך ניט ענלאַך איינער אויף׳ן אַנדערן קאָן זייער שפּילן ניט זיין אין אַלע איינצלהייטן גלייך. בפרט, אַז גייסטיגע צווילינגס זיינען גאָר ניט בנמצא.

דער אַקטיאָר־קינסטלער זעט און באַנעמט די דערשיינונגען פון לעבן גאַנץ אינדיווידועל און ער קנעט און ער פאָרמט דאָס דיכטערישע ווערק גאַנץ זעלבסטשטענדיג.

און דער דיכטער, וואָס זיצט אין טעאַטער און זעט, וואָס דער אַקטיאָר־קינסטלער האָט געמאַכט פון זיין ווערק, האָט די גרעסטע יסורים, ער זעט ניט זיין ווערק, ער זעט ניט זיין שאַפונג, ער זעט אַ פרעמד ווערק, אַ פרעמדע שאַפונג.

עס האָבן זיך שוין געלאָזט הערן אַזעלכע משונה׳דיגע פאָדערונגען פון די דראַמאַטורגן: דער אַקטיאָר זאָל ניט שפּילן, דער אַקטיאָר זאָל ניט איבערלעבן זיין ראָל, דער אַקטיאָר זאָל זיין אַ רעדעוודיגע מאַריאָנעטע.

„די ערשטע שטערונג, וואָס דאַרף אין טעאַטער באַזייטיגט ווערן", זאָגט פ. סאָלאָגוב, „איז דער שפּילנדער אַקטיאָר. וואָס גרעסער דער אַקטיאָר אַלס מער טיראַניזירט ער דעם דיכטער, וואָס מער טאַלאַנט ער האָט, אַלץ מער איז ער שעדלאַך פאַר דער דראַמע."

דער אַקטיאָר מוז זיין אַ קאַלטע, גאָרניט פילנדיגע ליאַלקע, ער דאַרף נאָר מעכאַניש לייענען די דיכטונג.

איז פ. סאָלאָגוב ניט גערעכט אין עצם, ער שטעלט אָבער די פראַגע שפּיציג, שאַרף — אָדער דער אַקטיאָר, אָדער דער דיכטער.

דער אַקטיאָר שעדיגט דעם דיכטער, דאָס איז אמת, עס איז אָבער אויך אמת, אַז דער דיכטער שטייט אין וועג דעם אַקטיאָר.

פ. סאָלאָגוב, וואָס פאַרטרעט דעם דיכטערישן צד אין טעאַטער, וויל פון קיין פּשרות ניט וויסן, ער טענה׳ט: כלו שלי — דער טעאַטער איז אינגאַנצן מיינער.

דער אַקטיאָר, אָבער, וויל אויך אויף קיין פּשרות ניט איינגיין, ער טענה׳ט אויך כלו שלי — דאָס טעאַטער איז אינגאַנצן מיינער, איך בין דער בעל־הבית.

הכלל קיין שלום־בית איז אין טעאַטער ניטאָ.

פיל טעאַטער־קריטיקער האָבן אָנגעוויזן, אַז עלעאָנאָרע רוזע „באַקעמפט" כסדר דעם דיכטער. און וואָס שטאַרקער די פּערזענ־לאַכקייט פון דיכטער אַלץ פאַרביטערטער איז איר קאַמף מיט אים. אמת, ניט שטענדיג גיט זיך איר איין צו באַקעמפן דעם דיכטער. אָפטמאָל איז דער דיכטער שטאַרקער פאַר איר.

און גרויס איז דוזע, ווען זי באַקעמפט דעם דיכטער אינגאַנצן און פאַרדעקט אים מיט איר שטאַרקער קינסטלערישער פּערזענ־לאַכקייט.

און גרויס, געניאַל איז זי דוקא אין נישטיגע דראַמען, ווייל דאָרט באַקעמפט זי לייכט דעם דיכטער און קאָן אָן שטערונגען שאַפן אַקטיאָריש.

אַזוי מיינט, למשל, האַמאַ נאַוואַס.

און ניט נאָר דער דראַמאַטורג זעט אין דעם אַקטיאָר־קינסטלער זיינעם אַ קעגנער, נאָר אפילו טעאַטער־מענטשן ווי גאָרדאָן קרעג וויל דעם אַקטיאָר פאַרוואַנדלען אין אַ מאַריאָנעטע.

„דאָס טעאַטער וועט וואַקסן", זאָגט ער, „און די אַקטיאָרן וועלן נאָך פיל יאָרן שטערן זיין אַנטוויקלונג".

פון קיין פּשרות און קאָמפּראָמיסן קאָן דאָ גאָר קיין רייד ניט זיין.

דאָ מוז קלאָר ווערן איין פראַגע —

צי איז די אַקטיאָרישע קונסט אַ זעלבסטשטענדיגע און ניט קיין הילף־מיטל פאַר דער ליטעראַטור, אָדער זי איז גאָר קיין קונסט ניט, זי איז בלויז אַ טעכנישע פלינקייט און געשיקטקייט.

טענה'ן איינינע, אַז דער אַקטיאָר איז בלויז אַן אימיטאַטאָר, אַ נאָכמאַכער.

דער נאַטוראַליסטישער טעאַטער האָט טאַקע געפאָדערט פון די אַקטיאָרן פאָטאָגראַפישע קאָפּיעס, אָפּטיפּונגען פון דעםווירק־לאַכן לעבן. ער האָט טאַקע דערצויגן אַ גאַנצן דור אַקטיאָרן־נאָכמאַכער.

דער פאַרטיפטער רעאַליזם האָט געפאָדערט אויך פון אַקטיאָר „איבערלעבונגען" ד. ה. ע רזאָל איבערלעבן זיין ראָל. די איבער־

לעבונג מוז ער באזירן אָדער אויף אייגענע ענלאכע איבערלעבונגען פון זיין פערזענלאכן לעבן אָדער אויף די איבערלעבונגען פון אַנ־דערע, וועלכע ער האָט באָאבאכט בא אנדערע מענטשן.

סיי אזוי און סיי אזוי מוזן זיי האָבן דעם אמת פון דער ווירקלאכקייט.

איז גערעכט אָבער טאאיראָוו ווען ער זאָגט, אַז די „קונסט" צו איבערלעבן שטארק און נ א ט י ר ל א ך פרעמדע ליידן אָדער פריידן איז א פסיכאָ־פאטאָלאָגישע דערשיינונג. פאראן קראנקע, וואָס לעבן איבער מיט אָלע ענויים און יסורים פרעמדע ליידן ווי זייערע אייגענע.

דאָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט קונסט.

די לעבנס־עכטקייט און די לעבנס־אויפריכטיגקייט זיינען גאָר ניט קיין סימנים פון אַקטיאָרישער שאַפונג.

דער פראנצויזישער שוישפּילער קאָקלען דער עלטערער פרעגט:

„אויב אַן אַקטיאָר מוז אַליין וויינען כדי צו מאכן וויינען אַנדערע, דארף די לאָגיק זיין אויסגעהאַלטן און פאָדערן, אַז דער אַקטיאָר דארף זיך אָנ׳שכור׳ן, ווען ער שפילט א שכור און ווען ער שפּילט א מערדער דארף ער בעטן א היפּנאָטיזיאָר, אַז ער זאָל אים אריינפּלעקלען אין קאָפּ א געדאַנק צו דערשטעכן זיין פּאַרטנער אָדער, לכל הפּחות, דעם סופלאָר".

דערזעלביגער קאָקלען דערציילט, אַז ער איז אַמאָל געקומען א מידער שפּילן אין א טעאַטער. אין זיין ראָל האָט ער זיך באַדאַרפט אָנטרינקען, שכור ווערן און איינשלאָפן. איז די סצענע פון אָנ׳שכור׳ן זיך געגאַנגען גוט, אָבער אז ער איז געקומען צום איינ־שלאָפן, איז עס אים אזוי געפעלן געוואָרן און ער איז טאַקע באמת איינגעשלאָפן.

אין דעם מאָמענט ווען ער איז באמת איינגעשלאָפן אויף דער סצענע איז ער שוין קיין אַקטיאָר ניט, כאָטש ער האָט געשלאָפן עכט און אויפריכטיג, ער איז שוין קיין קינסטלער ניט געווען.

קלאָר איז, אַז אין דער אַקטיאָרישער קונסט איז פאַראַן אַן אנדער עכטקייט און אַן אַנדער אויפריכטיקייט און דאָס איז די קינסטלערישע עכטקייט און אויפריכטיקייט.

קינסטלערישער אמת איז גאָר פון אַן אַנדער מאַטעריע געוועבט.

דער דערמאָנטער קאָקלען זאָגט — „אויב פּשוט'ער אמת קאָן ערגעץ אויסזען ווי אַ ליגן, איז עס נאָר אויף דער סצענע."

קיינער לייקנט ניט, אַז דער קינסטלערישער אמת אויף דער סצענע דאַרף זיין רעאַליסטיש. ער קאָן אַנדערש ניט זיין. ראשית לעבן מיר אין אַ רעאַלער וועלט און אויף יענער זייט פון דער רעאַלער וועלט קאָנען מיר קיין פוס ניט שטעלן. צווייטנס איז דער אַקטיאָר גופא אַ רעאַלע באַשעפעניש און דריטנס — דער מאַטע־ריאַל פון וועלכן דער אַקטיאָר שאַפט איז אַ רעאַלער. רעאַל איז זיין קערפער און רעאַל זיינען זיינע עמאָציעס.

דאָס הייסט אָבער לחלוטין ניט קנעכטישער נאַטוראַליזם, שקלאַפישע נאָכמאַכונג!

דער אַקטיאָר־אימיטאַטאָר איז ניט קיין קינסטלער, ווייל ער איז אין זיין שאַפן ניט באַפליגלט מיט פאַנטאַזיע און מיט דעם שאַפונגס־עקסטאַז.

אין אַקטיאָר־קינסטלער באַגעגענען מיר צוויי מתנות פון גאָט: ער איז ערשטנס אַ וויזיאָנער און איז צווייטנס — געבענטשט מיט דער פייאיקייט צו געבן זיין וויזיאָן אַ פּלאַסטישע פאָרם.

דער אַקטיאָר־אימיטאַטאָר איז שטענדיג פּאַסיוו און ניט אינ־דיווידועל אין זיין שאַפן. ער איז שטענדיג ווי דער קאַלטער שפּיגל, וואָס נעמט אויף אַלץ קלאָר, דייטלאַך און אמת'דיג, אָבער אָן אייגענעם ברען, אָן אייגענע פאַרבן און אָן פאַנטאַזיע.

דער אַקטיאָר־קינסטלער איז אַקטיוו און אינדיווידועל אין זיין שאַפן. יעדע דערשיינונג קנעט ער איבער קינסטלעריש אויף זיין אינדיווידועל קינסטלערישן אופן.

דער אַקטיאָר־קינסטלער האָט אַ לעבעדיגע באַציאונג צום לעבן, ער איז אַ הערשער, אַ געביטער אין לעבן. ער קעמפט, ער באַפעלט, ער בונטעוועט זיך. דער אַקטיאָר־אימיטאַטאָר איז גלייכ־גילטיג צו אַלץ און צו אַלעמען ווי דער שפּיגל.

דער אַקטיאָר־קינסטלער שעפּט אַלץ פון דעם ברויזנדיגן לעבנס־קוואַל. אין זיין שאַפונג איז פאַראַןווירקלאַכקייט, ער נעמט אָבער ניט די ווירקלאַכקייט ווי זי גייט און שטייט, ער זוכט פון

איר אַרויס די אמת׳ע לעבנס־זאַפטן, ער נעמט איר גייסט, איר נשמה.

פאַר׳ן אַקטיאָר־אימיטאַטאָר איז דער פּאַרפאַסער פון דער דראַמע אַלץ, ער איז זיין הערשער און געביטער. פאַר׳ן אַקטיאָר־קינסטלער איז דער פאַרפאַסער בלויז אַ סופלאָר.

בלויז אַ סופלאָר, וואָס זאָגט אים אונטער דעם ריכטיגן וואָרט, וואָס פעלט צו זיין אַקטיאָרישער שאַפונג.

דער אַקטיאָר איז דער איינציגער קינסטלער אויף דער וועלט, וואָס נעמט ניט קיין זייטיגן פרעמדן מאַטעריאַל פאַר זיין שאַפן. דער מאָלער האָט פאַרבן און לייוונט, דער מוזיקער האָט מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, דער דיכטער האָט פּאַפּיר, דער אַקטיאָר האָט זיין קערפּער.

זיין שאַפונג שטראַלט אַרויס פון זיין פלייש און בלוט.

זיין שאַפונג ווערט ניט פאַרגליווערט און פאַרהאַרטעוועט אין אַ וועלכע ס׳איז פאָרם. באַם מאָלער בלייבט זיין שאַפונג אייביג אויפ׳ן לייוונט, באַם מוזיקער און דיכטער — אויפ׳ן פּאַפּיר. די שאַפונג פון אַקטיאָר לעבט ווען ער שפּילט און שטאַרבט אָפּ ווען ער הערט אויף צו שפּילן.

באַם מאָלער, באַם מוזיקער און באַם דיכטער בלייבט דאָס איינמאָל געשאַפענע ווערק פאַרגליווערט אויף אייביג אין איר פאָרם, באַם אַקטיאָר האָט דאָס איינמאָל געשאַפענע ווערק פאַרשיידענע פאָרמען. יעדן מאָל ווען ער שפּילט די זעלביגע ראָל שאַפט ער און ער שאַפט זי אַנדערש. ער שאַפט בסדר אין איין ווערק. די זעלביגע ראָל וואָס ווערט געשפּילט היינט אַזוי, ווערט מאָרגן אַנדערש געשפּילט; מאָרגן קומען אַנדערע שטימונגען, מאָרגן קומען אַנדערע פאַרטיפונגען, מאָרגן שלענגלען זיך אַרויס אַנדערע שטריכן, מאָרגן פאַלן אויף איין אָרט העלערע פלעקן און אויף אַן אַנדערן אָרט טונקעלערע פלעקן.

און דער אַקטיאָר איז ניט נאָר איין מאָל אין קאָנפליקט מיט׳ן פאַרפאַסער נאָר יעדן אָוונט ברעכן אויס נייע קאָנפליקטן.

דער אַקטיאָר איז דער קינסטלער פון טעאַטער. ער איז דער טרעגער פון דער טעאַטער־קונסט.

דאָס איז פאַר די לעצטע יאָרן געוואָרן אַ פאַקט.

רעדט מען וועגן טעאַטער־קונסט דאַרף מען דער'עיקר'שט ריידן פון אַקטיאָר, וועגן זיין קונסט.

וואָס זיינען די פאָדערונגען, וואָס מיר שטעלן דעם קינסטלער פון טעאַטער ?

אַמאָל גאָר אין די אַלטע צייטן איז עס געווען קלאָר.

דער אור־אַלטער אינדישער טעאַטער האָט געשטעלט דעם טעאַטער־קינסטלער אַזעלכע פאָדערונגען : פריש, שיין דאַרף זיין דער אַקטיאָר, ער דאַרף האָבן אַן אָנגענעם און ברייט געזיכט, רויטע ליפּן, שיינע ציין, אַ קיילעכדיגן האַלז, ווי אַ בראַסלעט, שיינע הענט, עלעגאַנטן וואוקס, פעסט געבויט, חן, גראַציע, ווירדע, פיינקייט, שטאָלץ דאַרף ער פאַרמאָגן און אַ חוץ דעם — טאַלאַנט.

אונטער די דאָזיגע אַלטע פאָדערונגען קאָנען מיר זיך אונ־טערשרייבן מיט ביידע הענט.

דער אַקטיאָר שפּילט מיט זיין קערפּער. מוז דער דאָזיגער אינסטרומענט זיינער זיין אַזוי טעכניש־ראַפינירט, אַזוי בויגיג און פלינק ווי די סטרונעס פון אַ גוטן פידל. אַלע זיינע גלידער און מוסקולן דאַרפן זיין אַזוי באַוועגלאַך, אַז אויף דעם מינדעסטן וואונק פון ווילן זאָלן זיי אָננעמען די פאָרם, וואָס דער ווילן פאַר־לאַנגט.

דאָס זיינען די טעכנישע פאָדערונגען.

אינערלאַך מוז ער זיין דער שאַפנדער קינסטלער. דער קינסט־לער מיט אַ לעבעדיגער פאַנטאַזיע און אַ ברענענדיגן שאַפונגס־באַגער.

גאָרדאָן קרעג האָט מורא צו פאַרלאָזן זיך אויף די עמאָציעס פון אַקטיאָר, זיי קאָנען פאַרפירן אַמאָל דעם אַקטיאָר ערגיץ אויף אַ זייטיגן וועג, וואָס גייט ניט פאַראַלעל מיט דעם וועג פון דער טעאַטער־קאָמפּאָזיציע.

גאָרדאָן קרעג האָט עפּעס אַ קונסט, וואָס שטייט איבער דער קונסט פון אַקטיאָר און וואָס איז בילכער, וויכטיגער און עצם'דיגער.

די טעאַטער־קונסט איז די אַקטיאָרישע קונסט און די וועגי

אויף וועלכע דער אַקטיאָר גייט זיינען אירע וועגן.

גאָרדאָן קרעג וויל אַ מאַריאָנעטע, אַ בפירוש'ע מאַריאָנעטע. אַנדערע האָבן מורא פאַר דעם דאָזיגן וואָרט און פאַרשלייערן די מאַריאָנעטע.

זיין ווילן מאַטעמאַטיק, שטריינגען ראַציאָנאַליזם אין דער אַקטיאָרישער קונסט. אַלץ, יעדער טראַט, יעדע באַוועגונג און איטליכס וואָרט איז אויסגערעכנט אויף אַ סענטימעטער. דאָס איז דיזעלבע מאַריאָנעטע נאָר אַנדערש געשלייערט.

דער וועג פון טעאַטער־קינסטלער איז דער וועג פון אַלע קינסטלער־פרייע, אינדיווידועלע שאַפונג.

עס איז אַ פאַלשער שרעק פון גאָרדאָן קרעג, אַז די עמאָציע פאַרכאַפּט און באַהערשט דעם אַקטיאָר, אַז אין איין רגע, ווי אַ בליץ, איידער דער ווילן און פאַרשטאַנד וועלן קאָנען פּראָטעסטירן, וועט שוין די עמאָציע האַלטן דעם אַקטיאָר געפאַנגען און ער וועט ניט קאָנען איבערגיין צו אַן אַנדער עמאָציע.

די קונסט פון אַקטיאָר, איז די קונסט פון האַסטיגע אימפּעטיגע פאַרוואַנדלונגען — אַ סעקונדע צווישן וויינען און לאַכן, אַ האַלבע סעקונדע צווישן צער און מילדקייט.

דערצו איז נויטיג אויסער טאַלאַנט אויך אַ גוואַלדיגע טעכניק.

קאָן דער מוזיקער מאַכן האַסטיגע שפּרונגען אויף זיין אינסטרומענט, מוז עס אויך קאָנען דער אַקטיאָר אויף זיין אינסטרומענט — אויף זיין קערפּער.

אָבער מיט בלויזע קערפּערליכע פלינקייט קאָן מען אריינפאַלן אין אַקראָבאַטיק, די פלינקייט איז ניט קיין זעלבסטצוועק, אַזוי ווי די פלינקייט פון פידל־שפּיל איז ניט קיין זעלבסטצוועק. די „טעכניק" דינט דעם קינסטלערישן צוועק, דער קינסטלערישער קאָמפּאָזיציע.

קערפּער און גייסט דאַרפן צונויפגעגאָסן ווערן האַרמאָניש.

און וואָס גרעסער די טעכניק אַלץ וויניגער וועט זי זיין זעלבסטצוועק, פאַרקערט — זי וועט אַלץ מער און מער דערנענטערן זיך צום גייסט פון דער קאָמפּאָזיציע.

די אַקטיאָרישע קונסט איז אַ פילזייטיגע, זי איז די שווערסטע, אָבער דערפאַר אַ טיף־ווירקנדיגע!

אַ טעאַטער דור

(לעאָן קאָברין. „זכרונות פון אַ אידישן דראַמאַטורג“)

טעאַטער־עפּאָכן, טעאַטער קינסטלער קאָנען פאַראייביגט ווערן נאָר דורך זכרונות.

דאָס איז דער גורל פון דער טעאַטער־קונסט און פון דעם טע־אַטער־קינסטלער.

בלויז אַ טייל פון דער טעאַטער־קונסט, דער ליטעראַרישער טייל, בלייבט פאַראייביגט אין דער בוך־פאָרם פון זיך אַליין.

דעם דראַמאַטורג קאָן מען לייענען, די אויפפירונגען און דעם אַקטיאָר קאָן מען נאָר זען ווען זיי לעבן.

מיר ווייסן און מיר קאָנען גוט דעם דראַמאַטורג וויליאַם שעקספּיר, אָבער מיר ווייסן כּמעט גאָרניט וועגן שעקספּיר דעם אַקטיאָר און נאָך וועניגער ווייסן מיר וועגן מאָליער דעם שוישפּילער, וועגן מאָליער דעם רעזשיסאָר, וועגן מאָליער דעם אָרגאַניזאַטאָר פון ספּעקטאַקלען.

און די איבערגעריסענע, נעבלדיגע ידיעות, וואָס מיר האָבן וועגן טעאַטער־קינסטלער און וועגן אויפפירונגען אין די פריערדיגע צייטן, האָבן מיר אַ דאַנק די דאָ־און־דאָרט פאַרשריבענע זכרונות.

פיל גרויסע טעאַטער־קינסטלער זיינען אַוועק פון דער וועלט און האָבן נאָך זיך גאָר קיין שפּורן ניט געלאָזן. מיר ווייסן בלויז זייערע נעמען, אָבער מיר האָבן ניט קיין ידיעות וועגן דעם אַרט פון זייער שאַפן, וועגן זייער קינסטלעריש לעבן.

האָבן דאָס טעאַטער און דער טעאַטער־קינסטלער דערפילט זייער קורצן קינסטלערישן אָטעם, זייער צייטווייליג לעבן און זייער אייביגן טויט און זיי ראַטעווען זיך אין דער אייביגקייט דורך זכרונות.

איז ניטאָ נאָך אַ קונסט־צווייג אויף דער וועלט, וואָס זאָל האָבן אַזאַ רייכע מעמואַרן־ליטעראַטור ווי די טעאַטער־קונסט.

שוישפּילער שרייבן זכרונות וועגן זיך אַליין, אַנדערע שרייבן זכרונות וועגן זיי.

דאָס איז דער איינציגער וועג צו פאַרהיטן זיך פון קינסטלער־רישן טויט, דאָס איז דער איינציגער וועג דורך וועלכן דער טעאַ־טער־קינסטלער קען קומען צו „אומשטערבלאַכקייט".

און נאָך עפּעס:

די טעאַטער־קונסט איז לאָקאַל, זי איז צוגעבונדן, צוגעשמידט צו איין אָרט.

דאָס בילד, דאָס בוך, די מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע צעשפּרייט זיך איבער דער גאַנצער וועלט.

דער שוישפּילער, וואָס שפּילט, למשל, אין פּאַריז, איז ער אין לאָנדאָן ניטאָ, לאָנדאָן האָט אים ניט. לאָנדאָן זעט אים ניט.

און ווי ער איז געבונדן לאָקאַל אַזוי איז באַשריינקט אין צייט; זיין קונסט לעבט כל זמן ער לעבט, נאָכמער — זיין קינסטלערישע שאַפונג איז אַ מאָמענטאַלע:

אָט שפּילט דער גרויסער שוישפּילער היינט אין אָוונט.

ער האָט אָפּגעשפּילט די פּאָר שעה און פאַרפאַלן, זיין מאָרגנ־דיג שפּילן איז גאָר אַן אַנדערש, אַנדערע טענער, אַנדערע פאַרבן, אַנדערע ניואַנסן, אַנדערע שאַטירונגען.

דאָס זיינען אפשר גאָר צוויי באַזונדערע שאַפונגען.

און ביידע לעבן בלויז אַ פּאָר שעה ביידע באַווייזן זיך אויף אַ באַשטימטן אָרט און פאַר אַ באַשטימטער צאָל מענטשן.

פאַר אַן אַנדער צייט, פאַר אַן אַנדער אָרט און פאַר אַנדערע מענטשן עקזיסטירן זיי ניט, זיי זיינען גאָרניט געווען.

דאָס איז די גרויסע טראַגעדיע פון אַ קונסט, וואָס איז פאַר־בונדן מיט'ן לייב פון קינסטלער, פון אַ קונסט, וואָס דער גוף איז איר אינסטרומענט.

איר דאַרפט האָבן פאַר זיך דעם גוף, כדי איר זאָלט דערשפּירן דעם גייסט.

קומען זכרונות און ווילן עפּעס ראַטעווען פאַר דער אייביגקייט,

ווילן גובר זיין די לאָקאַלע צוגעבונדנקייט און ווילן דעם גייסט אָפּ־טיילן פון דעם גוף.

דער כח פון זכרונות איז אָבער זייער קליין.

זיי זיינען בלויז מצבות אויף די טויטע קינסטלער, זיי זיינען לחלוטין ניט קיין תחית־המתים־ מאַכער.

מער ניט ווי מצבות.

אַמאָל שענערע, קליגערע, עפּעס זאַגנדיגע ווענן בר־מינן און אַמאָל מליצה'דיגע גוזמאות און בלומענדיגע הספדים.

אָבער די דאָזיגע מצבות זיינען די איינציגע, וואָס פאַרבינדן די טויטע טעאַטער־קינסטלער מיט די לעבעדיגע.

דאָס איז דער איינציגער „חסד של אמת". וואָס מען קאָן טאָן מיט'ן טראַגישן קינסטלער, מיט דעם טעאַטער־קינסטלער.

* * *

און אָט האָט לעאָן קאָברין געטאָן אַ גרויסן „חסד של אמת" מיט אַ גאַנצן טעאַטער־דור.

ער האָט אים געשטעלט אַ שיינע און מאָנומענטאַלע מצבה.

אויף מצבות שרייבט מען שבחים.

דאָס איז דער חסד פון די לעבעדיגע צו די טויטע.

און אפשר דאַרף אַזוי זיין...

דאָס שלעכטע, דאָס אַלטעגלאַכע, דאָס גרויע איז געשטאָרבן מיט'ן גוף, געשטאָרבן און פאַרגעסן. דאָס גוטע און דאָס שיינע דאַרף בלייבן, מוז בלייבן אייביג פאַר די קומנדיגע דורות.

מיר טוען עס דאָך כסדר אין לעבן, פון אַלץ נעמען מיר אַרויס די גוטע זאַפּטן און דאָס שלעכטע, די שאָלאַכץ, וואַרפן מיר אַוועק.

דערציילט מען אויף מצבות נאָר די מעלות פון די נפטרים.

פון די מעלות קאָן מען עפּעס לערנען, אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל, די חסרונות פאַרשווייגט מען, פון זיי קאָן מען גאָרניט לער־נען, פון זיי קאָן מען קיין מוסר השכל ניט אַראָפּנעמען.

אין הספד באַווייזט מען דאָס גוטע און דאָס שיינע אין דעם מענטשן, וואָס איז אַוועק פון דער וועלט.

דאָס שלעכטע דאַרף מען ניט באַגלייטן מיט אַ הספד.

האָט לעאָן קאָברין אַזוי געטאָן —

ער דערציילט אונז ווענן דאָס שיינע, ווענן דאָס שטאַרקע,

וועגן דאָס געזונטע און וועגן דאָס פּרוכטבאַרע אין דעם פאַרגאַנגע־נעם טעאַטער־דור.

פון דעם קאָן מען עפּעס לערנען, פון דעם קאָן מען זיך אָראָפּ־נעמען אַ מוסר השכל.

דאָס קאָן צוניץ קומען דעם קינפטיגן טעאַטער־דור.

און דאָס הייסט לחלוטין ניט צופאַרבן געשיכטע, דאָס הייסט לחלוטין ניט צופוצן און אויסגרייזלען געשיכטע, דאָס הייסט — אַרויסזויגן פון אַן עפּאָכע דאָס וויכטיגסטע, דאָס בעסטע און דאָס שענסטע און באַווייזן עס פאַר מענטשן, דאָס הייסט דערציילן פאַר דער וועלט דאָס, וואָס איז דעם מחבר ליב און טייער געווען אין דעם פריערדיגן טעאַטער, דאָס וואָס איז אים נאָענט און אינטים, און דאָס וואָס איז אים געווען צום האַרצן.

און מען דאַרף ניט שליסן פון דעם, אַז דער פאַרפאַסער האָט געזען אין דעם פאַרגאַנגענעם טעאַטער־דור לויטער גוטעס און שיינעס.

ניין, ער האָט אויך געזען מסתמא דאָס קליינלאַכע, דאָס גרויע, דאָס פלאַכע און דאָס שלעכטע.

אָבער ער וויל דערציילן נאָר וועגן דאָס גוטע און דאָס שיינע, וואָס יענער טעאַטער־דור האָט פאַרמאָגט.

איז מיר צום האַרצן דער דאָזיגער צוגאַנג פון לעאָן קאָברין.

מיר איז דווקא אינטערעסאַנט צו וויסן גראָד וועגן די חן־פינ־טעלאַך פון יענעם דור און ניט וועגן זיינע שלעכטע העוויות.

איך בין נייגעריג צו וויסן מיט וואָס האָט זיך יענער דור אויסגעצייכנט און איך בין גאָרניט נייגעריג צו וויסן מיט וואָס ער האָט זיך ניט אויסגעצייכנט. איך בין נייגעריג צו וויסן אין וואָס איז באַשטאַנען זיין שטאַרקייט און מיך אַרט ניט אויב איך וועל ניט וויסן אין וואָס איז באַשטאַנען זיין שוואַכקייט.

און דאָס איז ניט קיין איינזייטיגקייט.

ניין, דאָס איז די באַטראַכטונג פון אַ דור בלויז פון איין זייט, פון דער גוטער זייט.

וועט קומען אַן אַנדערער און וועט באַטראַכטן פון אַן אַנדער זייט, פון דער טונקעלער, פון דער שוואַכער און פון דער שלעכטער, וועל איך אפשר אויך לייענען, אָבער ניט מיט אַזאַ פאַרגעניגן, ניט

מיט אזא אינטערעס ווי איך האָב געלייענט לעאָן קאָברינס צוויי שיינע ביכער.

דער טעאַטער־דור, וועלכן לעאָן קאָברין באַשרייבט, איז באמת רייך מיט קינסטלערישע ניסים, ער איז באמת רייך מיט קינסטלערישע איבעראַשונגען. ער איז באמת רייך מיט אומערוואַרטעטע טעאַטראַלע אויפבראָזן, און איז באמת געבענטשט מיט שטאַרקע, קערנדיגע און אָריגינעלע סצענישע טאַלאַנטן.

פון כאָאָס, פון טאָפּעניש אין דער פינסטער, פון נאַאיווע און אומבאַהאָלפענע סצענישע פּרוּווּנגען און קריכענישן, וואַקסן מיט אַמאָל אויס גרויסע אַקטיאָרן, עס באַווייזט זיך פּלוצלונג אַ יעקב אַדלער, אַ דוד קעסלער, אַ זיגמונד מאָגולעסקאָ, אַ ליפּצין, אַ בערטאַ קאַליש, אַ רעגינאַ פּראַגער און פילע אַנדערע.

ווי אַפראָדיטאַ פון דעם ים־שוים זיינען זיי ארויסגעשפּרונגען.

פון תוהו ובוהו זיינען ארויסגעשפּרונגען גרויסע טאַלאַנטן.

ווער האָט זיי ערצויגן, ווער האָט זיי אויסגעהאָדעוועט ?

עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ שפע פון טעאַטראַלע ענערגיע באַ די אַרויסגעוואָרצלטע פון טעאַטראַלן אידישן לעבן און זי האָט אַרויסגעפּלאַצט.

יאָרן האָט זיך עס געקליבן.

נאָך קליינע טראָפּנס פון דער דאָזיגער נייער טעאַטער ענער־גיע האָבן זיך וואו ניט וואו אַרויסגעוויזן אין די פּורים־שפּילער, אין דער בדחנות און אין אַנדערע פאַרשטיקטע ווינקעלאַך פון דעם פאָלקס־לעבן.

דאָ אין דעם דור, אין דער דאָזיגער טעאַטער־עפּאָכע, האָט עס אַרויסגעפּלאַצט מיט גרויסער און ברוּיזענדיגער קראַפט.

מיט אַמאָל, פּעקלאַכווייז, האָבן זיך באַוויזן אַזעלכע קרעפטיגע, אַזעלכע אייגנאַרטיגע, אַזעלכע דערפאַרענע טאַלאַנטן.

פון וואַנען האָט זיך גענומען מיט אַמאָל די גרויסע אַקטיאָרי־שע דערפאַרונג באַ די דאָזיגע פאָלקס־מענטשן ?

הינטער זיי איז קיין טראַדיציע ניט געווען, פאַר זיי בלאָנ־דזשעניש און קינדישע אומדערפאַרנקייט.

איז עס באמת אַ וואונדער.

דער זעלביגער נס איז געשען אין דער אידישער ליטעראַטור.

מיט אַמאָל, כמעט באַ די ערשטע טריט אירע, באַווייזן זיך מענדעלע מוכר ספרים, פּרץ, שלום עליכם און אַנדערע.

פאַרטיגע ריזן.

ווידער ווי אַפּראָדיטאַ פון ים־שוים זיינען ארויסגעשפּרונגען.

לאַנגע טעאַטער־דורות האָבן אויסגעהאָדעוועט באַ אַנדערע אַזאַ דוד קעסלער, הונדערט־יעריגע טעאַטער־קולטור האָט ערצויגן באַ אַנדערע אַזאַ זיגמונד מאָגולעסקאַ, אַזאַ יעקב אַדלער.

באַ אונז האָבן זיי זיך באַוויזן פּלוצלונג.

שטייט לעאָן קאָברין און וואונדערט זיך.

ער האָט אַ נס געזען, מיט זיינע אויגן האָט ער עס געזען און מיט אַלע זיינע חושים האָט ער עס איבערגעלעבט.

פאַר זיינע אויגן איז עס פאָרגעקומען.

פון אַ גרויען און וויסטן טעאַטער מצב וואַקסט פּלוצלונג אויס אַ טעאַטער, אַ טעאַטער מיט גיגאַנטישע אַקטיאָרן, אַ טעאַטער מיט אַ גרויסער שאַפונגס־פרייד, אַ טעאַטער מיט ברויזנדיגער קינסטלע־רישער ענערגיע.

ער האָט געזען אומבאַהאָלפענע קרימענישן, ער האָט געזען וויסטע טאַלאַנטלאָזיגקייט און טעאַטער־חושך און מיט אַמאָל האָט ער דערזען העל־ליכט און וואונדערלאַבן רייץ.

פאַרשטיי איך זיינע התפעלות, פאַרשטיי איך זיין פּאַטאָס, פאַרשטיי איך זיין באַגייסטערונג.

און עס איז ניט זיין פּערזענלאַכע באַגייסטערונג, עס איז אויך די באַגייסטערונג פון דעם דאַמאָלסטדיגן אידישן טעאַטער־באַזוכער, עס איז די התפעלות פון דעם דאַמאָלסטדיגן טעאַטער־עולם.

מען דאַרף באַ די מעמואַרן־שרייבער ניט זוכן קיין שטריינגע אָביעקטיוויטעט, בפרט ווען דער שרייבער פון די מעמואַרן איז אַ קינסטלער, און בפרט ווען דער שרייבער פון די מעמואַרן איז אַליין געווען פאַרבונדן און פאַרקניפּט מיט דער עפּאָכע, ווען ער איז אַליין געווען איינער פון די וויכטיגסטע שאַפונגס־כחות אין דער עפּאָכע, וועלכע ער באַשרייבט.

אָבער קיין צד, קיין טוען, קיין צד פאַר דער פאַרגאַנגענער

עפּאַכע און קיין טוען געגען דער איצטיגער טעאַטער־עפּאָכע, דאַרף דער מעמוּאַרן־שרייבער בשום אופן ניט ווערן.

דאָס האָט שוין דעם בייגעשמאַק פון פּאָלעמיק, דאָ קומט אויך ניט ווילנדיג, א חשד, אַז די פאַרגאַנגענע עפּאָכע ווערט מיט א כּוונה העל באַלויכטן און פעט צוגעפּאַרבט, כּדי די איצטיגע עפּאָכע זאָל אַרויסקומען קליין און נישטיג.

און לעאָן קאָברין באַהאַלט גאָרניט, ער פאַרשלייערט גאָרניט זיין באַציאונג צום איצטיגן טעאַטער.

ער איז אָפן ניט צופרידן מיט דעם נייעם טעאַטער אונזערן, ער זעט אין אים א גרויסע ירידה, ער זעט אין אים פּשוט'ע פאַר־שווענדונג פון די אמת'ע און עכטע קינסטלערישע טעאַטער־פּרינ־ציפּן.

ער גייט אַזוי ווייט, אַז ער רופט אונז צוריק צו יעקב גאָרדין'ען. יעקב גאָרדין איז פאַר אים דער אידישער שעקספּיר און ער רופט מיט דער גאַנצער נייער טעאַטער־וועלט:

צוריק צו שעקספּירן, צוריק צו דער ברייטער און שטורמישער טעאַטראַלישקייט, צוריק צו דעם גרויסן זשעסט, צוריק צו דער אַקטיאָרישער ברוזיגקייט, צוריק צו דער הייסער סצענישער פאַנ־טאַזיע.

אין יעקב גאָרדין'ס דראַמעס איז דאָס אַלץ פאַראַן.

דאָ ווערט דער באַגריף פון טעאַטראַלישקייט פאַרטונקלט, דאָ ווערט אַנייע און א לעבעדיגע שטח אָנגעטאָן אין תכריכים.

יעקב גאָרדין איז סוף כּל סוף א פּובליציסט, ער האָט דראַ־מאַטיזירט די אידישע ראַדיקאַלע פּובליציסטיק פון זיין צייט.

ער האָט דעם פּובליציסטישן אַרטיקל פון דער דאַמאָלסטדיגער צייטונג אַריבערגעטראָגן אויף דער סצענע ווי ער גייט און ווי ער שטייט.

ער האָט אפילו די שפּראַך ניט געענדערט עס איז די טרוקענע, שטרייננגע שפּראַך פון פּובליציסטיק, ער האָט אפילו דעם פּובליציס־טישן נוסח געלאָזן גאַנץ און אומבאַרירט, ער האָט דעם פּועל יוצא, דעם מוסר השכּל אויף א מינוט פון אויג ניט אָפּלאָזן, ער האָט אפילו די פּאָפּולערישקייט פון דעם אַגיטאַטאָר אָפּגעהיט.

בא אים איז דאָס שפּיל, דאָס שפּיל פון דעם מענטשלאַכן קער־

פער, דאָס שפּיל פון די מענטשלאַכע לײדנשאַפטן, דאָס שפּיל פון פאַרבן, דאָס שפּיל אַלס קונסט, לחלוטין ניט געווען דער עיקר.

זײנע מענטשן שפּילן מיט ווערטער און ווערטלאַך, זײנע מענטשן שפּילן אַ סאָציאַלע פּראָבלעם, זײנע מענטשן שפּילן אַן אַנגעווײטאָגטע פּראַגע.

זײנע מענטשן שפּילן ניט קײן שפּיל.

לעאָן קאָברין טענה'ט :

יעקב גאָרדין האָט געגעבן אַקטיאָרן ראָליען, ער האָט זײ געגעבן קלאָרע און גאַנצע מענטשן צום שפּילן, ער האָט זײ געגעבן מענטשן מיט בלוט און פלײש, מענטשן מיט אַ לשון, מענטשן מיט שטאַרקע לײדן און פרײדן.

מיט אַנדערע ווערטער : יעקב גאָרדין איז געווען אַ רעאַליסט, ער האָט דאָס לעבן גענומען פאַר די הערנער און האָט עס אַרויפגעבראַכט אויף דער סצענע.

אָבער דאָס דאָזיגע לעבן איז אָפן פאַר אַלעמען.

דער קינסטלער דראַמאַטורג דאַרף אַנטפּלעקן דאָס, וואָס איז גראָד ניט אָפן פאַר אַלעמען, דאָס וואָס דאָס געוויינלאַך מענטשלאַך אויג זעט ניט און באַמערקט ניט און דער קינסטלער אַקטיאָר דאַרף אונז באַווײזן אַזעלכע באַוועגונגען, אַזעלכע זשעסטן, וועלכע זײנען גאָר באַהאַלטן און ווײל זײ זײנען באַהאַלטן זאָגן זײ מער און דריקן אויס מער.

דער דראַמאַטורג, וואָס קאָפּירט דאָס לעבן און דער אַקטיאָר, וואָס קאָפּירט זײנע באַוועגונגען און זשעסטן זײנען העכסטנס גוטע נאָכאַמער, פלינקע אימיטאַטאָרן, אָבער בשום אופן ניט קײן שאַפנדיגע קינסטלער.

עס איז מיר פאַרשטענדלאַך פאַרוואָס די אַקטיאָרן פון יענעם דור האָבן זיך מיט אַזאַ אימפּעט אַרויפגעוואָרפן אויף גאָרדינ'ס דראַמעס : זײ האָבן זיך געלאָזן שפּילן אָן אָנשטרענגונג, פּשוט נעם מענטשן און קאָפּיר זײ, נעם מאַך זײ נאָך, נעם רײד מיט זײער שפּראַך, נעם טו זיך אָן אין זײערע קלײדער.

אַלץ צו דער האַנט.

און זאָל עס ניט קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס —

אין דער אַלטער, נאַרישער און טעמפּער אידישע אָפּערעטע

האָב איך אָפט געזען מער אַקטיאָרישע אינטואיציע, מער שאַפונג ווי אין דער קלאָר רעאַליסטישער דראַמע פון יעקב גאָרדין און זיין גלייכן.

אין גאָלדפאַדענס פּרעכטיג ווערק „שולמית" האָבן זיך די אַלטע אידישע אַקטיאָרן באַוויזן מער אַלס טעאַטער־קינסטלער ווי אין „מירעלע אפרת".

דער לעפּישער ציגניטאָן איז גאָרניט דער ערך מער טעאַטראַליש פאַר דער נודנעם נחומ׳צע חנה דבורה׳ס אין „מירעלע אפרת".

ציגניטאָן שפּילט מיט אַלע חושים און נחומ׳צע חנה דבורה׳ס שפּילט בלויז מיט די עטלאַכע ווערטע : „מחיכי תיתי, וואָס איז די נפקה מינה".

לעאָן קאָברין איז אָבער אַ צד אין דעם דאָזיגן וכוח.

דאָ איז ער ניט קיין אָביעקטיווער מעמואַרן־שרייבער, דאָ איז ער אַ קעמפער פאַר אַ געוויסער טעאַטער־שטה.

זיינען עס ניט קיין זכרונות פון איינעם, וואָס האָט דורכגעלעבט זיין וועלט און פירט אונטער אַ סך־הכל, נאָר פון איינעם, וואָס האָט געזונטע עלנבויגנס און וויל מיט זיי מאַכן אַ וועג פאַר זיינע אָנשויאונגען.

דאָס מאַכט אפשר זיינע זכרונות אַקטועלער, לעבעדיגער און אינטערעסאַנטער.

און מהאי טעמא דאַרף מען אים מוחל זיין, וואָס ער לאָזט זיין אייגענע פּערזאָן פיגורירן מיט דער זעלביגער שאַרפקייט און סובּיעקטיוויטעט ווי ער לאָזט פיגורירן זיינע „ליבלינגע".

ער אַליין געהערט אויך צו זיינע ליבלינגע.

ווייל ער איז מיט זיי, ווייל ער איז פאַר זיי.

און ער איז ניט אַוועק, האָט זיך ניט פאַררוקט אין אַ זייט, רעזיגנירט, ער מאָנט, ער האָט טענות און תביעות.

גערעכטע צי ניט גערעכטע, דאָס איז אַן אַנדער פראַגע.

דער לעבעדיגער מענטש מוז האָבן טענות און תביעת צום לעבן !

לעאָן קאָברין איז אָבער אַ קינסטלער, און ער מאָלט זיין דור מיט ליכט און שאָטן.

דעם שפּיל פון ליכט און שאָטן קאָן דער קינסטלער ניט פאַר־בייגיין; אַמאָל דאַרף ער דעם שאָטן כדי צו מאַכן בולט'ער דאָס ליכט, אַמאָל דאַרף ער דאָס ליכט, כדי דער שאָטן זאָל זיין ניכר־דיגער.

זעט איר דעם טונקעלן שאָטן, וואָס ליגט אויף יענעם טעאַטער־דור. און אפשר דערפאַר וואַרפט זיך דאָס ליכט אַזוי שטאַרק אין די אויגן.

אפשר איז דוד קעסלער אַרוים באַם פּאַרפּאַסער מיט אַזעלכע העלע און שניידיגע ליכט־פלעקן, ווייל דאָס ליכט שיינט אַרוים פון אַ געדיכטן שאָטן...

אָט זעט איר פאַר זיך אַ מענטשן ניט קיין געהובעלטן, ניט קיין פּאָלירטן. אַ שטיק רויער מאַטעריאַל, אַ קינסטלער מיט דעם פּרימיטיוויסטן פאַרשטאַנד, מיט ווילדע, האַלב חיה'שע אינסטינקטן און מיט קלאָציגע, בערישע באַוועגונגען.

און מיט דעם דאָזיגן מענטשן פּאַסירט אַלעמאָל אַ נס, ווען ער איז אויף דער סצענע, עס פאַלט אַראָפּ פון אים דער גראָבער שאָ־לאַכץ און עס ווערט אַ צאַרטער קינסטלער.

און אַמאָל קאָן ער פון זיך זיין גראָבע שאָלאַכץ ניט אַראָפּ־וואַרפן אפילו אויף דער בינע.

איז ער ווילד, איז ער אַ גאַסן־מענטש, איז ער פּרימיטיוו, און פאַרוואַנדלט די סצענע אין אַ שענק, אין אַ חזיר־שטאַל.

דער היינטיגער טעאַטער וויל מיט אַזעלכע ניסים ניט לעבן.

דער היינטיגער טעאַטער וויל, אַז דער אַקטיאָר זאָל זיין אַ ראַפינירטער מענטש, אַ מענטש מיט אַ גרויסן קינסטלערישן טאַקט, מיט טיפער פיינפיליקייט, און מיט אַכטונג צו זיין קונסט.

דער היינטיגער טעאַטער וויל האָבן אַ גאַנצן אינסטרומענט מיט אַלע סטרונעס; ער וויל ניט, אַז מען זאָל שפּילן אויף איין סטרונע...

אַזוי האָט קאַברין זיין גרעסטן ליבלינג, זיין אַקטיאָרישן אי־דעאַל, ניט־ווילנדיג אַרויסגעגעבן.

דאָ איז געקומען די קינסטלערישע אָביעקטיוויטעט און האָט צום ליכט צוגעגעבן שאָטן.

און אַזוי, ניט־ווילנדיג, רוקן זיך צונויף שאָטנס אַרום דער

„פאַרגעטערטער" פערזענלאַכקייט פון י. גאָרדין, און אַזוי איז מיט דער שילדערונג פון די אַנדערע גיגאַנטן פון יענעם דור.

איר זעט ווי פון חושך רייסט זיך ליכט, ווי פון כאַאָס קנוילן זיך אַרוים העלע ליכט־פלעקן.

זעט איר קאַפּריזן, צופעליגע בליצן, זעט איר אפשר מעשה בראשית פון טעאַטער, אָבער ניט קיין אָרגאַניזירטע, ציל־באַוואוס־טע קינסטלערישע וועלט.

קאָן מען זיך וואונדערן, קאָן מען שטיין פאַרגאַפּט, אָבער מען קאָן פון דעם קיין טעאַטער־קולטור ניט בויען.

מעשה בראשית איז זייער שיין, מעשה בראשית איז דער אָנ־הויב, דער אָנהויב פון אַלע אָנהויבן.

נאָך מעשה בראשית ווערט דער כאַאָס נעלם, עס הויבט זיך אָן רואיגע און לאָגישע אַנטוויקלונג.

לעאָן קאָברין שטייט נאָך אַלץ פאַרגאַפּט פאַר דער וואונדער־לאַכער מעשה בראשית עפּאָכע פון אידישן טעאַטער.

ניט דורך ניסים זיינען מיר געקומען צו מאָרים שוואַרץ'ס קונסט טעאַטער, צו דעם מאָסקווער אידישן קאַמער־טעאַטער, צו דער „הבימה", צו דעם געוועזענעם וואַרשאַווער קונסט־טעאַטער און צו אַנדערע טעאַטערס.

דורך באַוואוסטזיניגע קולטורעלע אָנשטריינגונגען, דורך שווע־רער דערפאַרונג, דורך אַ לאַנגזאַמען, אָבער געזונטן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, זיינען מיר צו זיי געקומען.

יענסמאָלט האָבן מיר געהאַט אַ נס מן השמים, און איצט האָבן מיר דעם גרויסן רעזולטאַט פון אַ גרויסער קולטורעלער אַרבייט, וואָס מיר האָבן פאַר די לעצטע פאַר צענדליג יאָר אָפּגעטאָן.

דער נס, אַז ער וויל קומט ער און אַז ער וויל ניט קומט ער ניט, אָבער דאָס פאַרהאָרעוועטע, דאָס כשר־פאַרדינטע איז אונזערס, זי־כער אונזערס, פעסט אונזערס, קיינער קאָן עס בא אונז ניט צונעמען.

דאָס איז געזאָגט בלויז וועגן דער „פּאָלעמיק" און וועגן די טעאַטער־פּרינציפּן, וועלכע לעאָן קאָברין פאַרטיידיגט.

אָבער מיט צוויי פּרעכטיגע ביכער איז אונזער אָרימע טע־אַטער־ליטעראַטור באַרייכערט געוואָרן.

איר האט פאר זיך א שטיק טעאטער־געשיכטע געשריבן פון א קינסטלער. זעט איר דעם דור פון טעאטער־מענטשן ניט בלויז אין זייערע יום־טוב'דיגע קונסט־מלבושים, איר זעט זיי אלס קינ־סטלער, אלס מענטשן, אויף דער סצענע, הינטער די קוליסן, בא זיך אין הויז, אין קאפע.

איר זעט אפילו דאס פובליקום, מיט זיינע טעאטער־פאטריאטן.

איר לייענט אלץ מיט א פארכאפטן אטעם, עס איז אינטערע־סאנט און טשיקאווע.

לעאן קאברין ווייסט אויסגעבונדן דעם דאזיגן טעאטער־דור, ער ווייסט אים מיט אלע זיינע קנייטשן, מיט אלע זיינע קלענסטע העויות'לאך און מיט אלע זיינע קלענסטע קאפריזן.

ער געהערט מיט לייב און לעבן צו דעם דאזיגן דור.

און דער, וואס ווייסט אזוי גענוי אלץ, דער קאן דערציילן, דער, וואס האט אלץ אזוי טיף איבערגעלעבט, דערציילט עס שיין, קערנדיג און פארביג.

און קענען א גאנצע טעאטער־עפאכע, ווי לעאן קאברין קען זי, דארף מען זיין אליין בלוט און פלייש פון דער עפאכע. מען דארף זיין איינער, וואס איז אן אייגענער און א נאענטער.

טעאטער אויף דער סצענע איז בלויז א טייל פון טעאטער־לעבן, אמת דער בעסטער טייל, דער וויכטיגסטער טייל.

אבער מיר ווילן אלעמאל וויסן, וואס עס טוט זיך אין קיך, אין קיך וואו די קונסט־מאכלים ווערן צוגעגרייט.

און ווי באקאנט, קאכט מען א מאכל עטלאכע שעה און עסן עסט מען אים סך־הכל א פאר מינוט.

די פארשטעלונג גופא געדויערט א פאר שעה, פאר דער פאר־שטעלונג שרייבט מען א פיעסע, מען לייענט זי, מען רעפעטירט, הכלל — דאס גאנצע טעאטער־לעבן שפילט זיך אפ אין באהעלטע־ניש.

דער עיקר איז באהאלטן.

און דאס איז אזוי וויכטיג ; פון די לאנגע צוגרייטונגען קומט ארויס דער קונסט־מאכל.

האט לעאן קאברין געעפנט פאר אונז די קיך פון יענער טע־

אַטער־עפּאָכע, ער איז דאָרט געווען, ער האָט דאָרט מער איבערגע־לעבט ווי אין די קורצע פּאָר שעה פון אַן אויפפירונג.

און ווען מיר זען די קיך, וואונדערן מיר זיך נאָך מער ווי אַזוי עס זיינען אַרויס פון דאָרט אַזעלכע אַפּעטיטנע קונסט־מאכלים...

מיר וואונדערן זיך און באַוואונדערן עם מיט לעאָן קאָברין'ען צוזאַמען.

דער קרומער שפּיגל

די פּרעמדע, ניט אידישע סצענע, איז פאַר אידן אַ קרומער שפּיגל.

אָדער מיר זעען דאָרט אוים משונה'דיג פייערלאַך, איבער־טריבן אַנגעבלאָזן, גוזמא'דיג מאַיעסטעטיש, אָדער מיר זיינען דאָרט שרעקלאַכע פאַרזעעניש, שלים־מזל'דיג, קליינלאַך געלדגייציג, האָזען־שרעקענדיג, עקלדיג, טריף און אויסטערליש קאָמיש.

אָדער מיר זיינען אימפּאָזאַנטע ביבלישע געשטאַלטן, וואָס ריידן מיט פּסוקים און שטייען אין אַ גוואַלדיג ריטערלאַכער פּאָזע געגן דער צוויי טויזנט יעריגער אומגערעכטיגקייט, אָדער מיר זיינען נאַרישע אויסוואורפן, קאָמישע רשעים און גלאַט ברואים פון אַ נידעריגן סאָרט.

די פרעמדע פריינט אונזערע זיינען מגזם אונזערע מעלות, אונזער וועלט־שמערץ און אונזער עלנד אין דער וועלט, די שונאים אונזערע זיינען מגזם אונזערע חסרונות, אונזער ביסל אייגנאַרטיג־קייט און אונזער כלומר'שטן סעמיטישן אויסזעען.

און אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט דורות צוריק.

און די גרויסע, די ליבן פון דער וועלט־ליטעראַטור, זיינען ווי די מיטעלע און ווי די גאָר קליינע און טאַלענטלאָזע שמירער.

שעקספּירס שיילאָק און לעסינגס נתן החכם זיינען די קלאַ־סישע ביישפּילן.

און נאָך זיי קומען הונדערטער קלייניגקע שיילאָקלאַך און קלייניגקע נתן החכם'לאַך.

און עס האָט זיך אַזוי איינגעשטעלט אין דער וועלט־ליטעראַ־טור: אידן זיינען אָדער שיילאָקס אָדער נתן החכם'ס.

און די דאָזיגע טראַדיציע האָט אָנגענומען דער אַקטיאָר אויף דער וועלט־בינע; אָדער ער שפּילט אַ שיילאָק אָדער ער שפּילט אַ נתן החכם.

אָדער אידן גוואַלדיג מיסטישע, אידן פון אַנ—סקי׳ס „דבוק״, אָדער אידן פון „אייבי׳ס איריש ראָוז״.

די דאָזיגע טראַדיציע האָט זיך אזוי איינגעגעסן אין טעאַטער, אַז ווען מען שפּילט אפילו אַ טעאַטער שטיק פון אַ אידישן פּאַרפאַסער האלט מען זיך שטרענג ביי דער אומגליקלאַכער טראַדיציע.

איך האָב אַמאָל געזען יעקב גאָרדין׳ס אַ שטיק אויפגעפירט אין אַ רוסישן טעאַטער האָב איך געזען פאַר זיך שיילאָקס און נתן החכמ׳ס.

דער טעאַטער האָט בכלל ליב אייביגע כאַראַקטערן, שטענדיגע מאַסקעס.

אין טעאַטער וועט איר זיך נאָך היינט אָנשטויסן אויף כאַראַקטערן, וועלכע האָבן געלעבט מיט עטלאַכע הונדערט יאָר צוריק, אין טעאַטער בלאָנדזשען נאָך היינט ארום שאָטנס פון מאַסקעס, וועלכע זיינען שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ.

אין די וואָדעוויל־הייזער פון דער גאַנצער וועלט וועט איר זען אידן, וואָס זיינען שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ.

דער טעאַטער האָט זיך זיינע טראַדיציאָנעלע אידן.

דאָ ניט לאַנג האָט זיך אַן ענגלישער אַקטיאָר ארומגעזען, אַז דער טעאַטער אידל מיט׳ן הארטן קאַפּעליוש, מיט׳ן ציגן בערדל, מיט די קדחת׳דיגע באַוועגונגען און מיט׳ן האסטיגן דבור׳ל איז שוין לאַנג אַ בר־מינן, מען זעט און מען הערט אים שוין ניט פון צענדליגער יאָרן, עס איז אַ אידל פון טעאַטער ארכיוו, אַ שאָטן, וואָס איז פאַרבליבן הינטער די קוליסן פון טעאַטער, וואָס דער דזשו־קאָמידיען האָט אים פּאַטענטירט אויף דורות.

אין דעם ערגסטן און אין דעם שלים־מזל׳דיגן אידישן טעאַטער ווערן אידן געשפּילט גאָר ניט דער ערך בעסער, ריכטיגער, אמת׳דיגער און קינסטלעריש ערלאַכער ווי אין די בעסטע און גרעסטע טעאַטערס.

איך האָב אין סטאַניסלאַווסקי׳ס קונסט טעאַטער אין מאָסקווע געזען ס. יושקעוויטשעס אַ שטיק מיט׳ן נאָמען „מיזירערע״, עס איז געשפּילט געוואָרן מיט׳ן גוואַלדיגן ערנסט און מיט דער גוואַלדיגער דבקות אויף וועלכע נאָר די דאָזיגע מאָסקווער קינסטלער

זיינען פייאיג, אָבער עס זיינען פאַרט אַרויס טראַדיציאָנעלע טע־אַטער מאַסקעס.

דערנאָך האָב איך געזען דאָס דאָזיגע שטיק געשפּילט פון אַ שלים־מזל'דיגער אידישער טרופּע און די אידן זיינען געווען לעבע־דיגע, אידן מיט בלוט און פלייש.

און אַ רוסישער אַקטיאָר, וואָס איז מיט מיר געווען אין טע־אַטער, האָט געזאָגט:

אידן קען מען ניט איבערזעצן אויף אַנדערע שפּראַכן, אַזוי ווי מען קען ניט איבערזעצן רוסן אויף פראַנצויזיש; איך האָב גע־זען אין פּאַריז אַ רוסישע פּיעסע בין איך אַנטלאָפן פון טעאַטער.

אַ פּנים, אַז די שפּראַך האָט זייער פיל צו זאָגן.

די שפּראַך איז אַ שטיק עכטקייט, די שפּראַך איז דער ריכטי־גער קאָליר און דער לייבלאַכער לבוש פון דעם געשילדערטן מענטשן.

און מיט דער שפּראַך פראַגע פלאָגן זיך כסדר די פרעמדע טע־אַטערס, ווען זיי שפּילן אַ שטיק פון דעם אידישן לעבן.

אין דער פרעמדער טעאַטער וועלט איז דאָס אַן אַנגעווייטאָגטע פראַגע, וואָס פאַרשאַפט שמערצן ערלאַכע שוישפּילער, ווען זיי גייען שפּילן אַ שטיק פון אידישן לעבן.

זאָל אַ איד ריידן, למשל, רוסיש מיט אַ גוטן, ריכטיגן און זאַפטיגן אַקצענט ווי אַ רוסישער רעדט, וועט דער איד ניט זיין קיין איד, ווייל צו דער עכטער רוסישער שפּראַך מוזן קומען עכטע רו־סישע באַוועגונגען, ווייל אַ גרויסער טייל פון דער מימיק איז פאַר־בונדן, ממש איינגעפלייסט אין דער שפּראַך. זאָל אַ איד ריידן רו־סיש מיט אַ אידישן אַקצענט און מיט אידישע באַוועגונגען, וועט ער ווערן קאָמיש, ער וועט זיין קאָמיש, אפילו אין די סאַמע דראַ־מאַטישע מאָמענטן.

דאָס אידישע וואָרט האָט זיין מימיק, דאָס פרעמדע וואָרט האָט אַן אַנדער מימיק. גיט מען דעם פרעמדן וואָרט די אידישע מימיק מערקט מען באַלד דעם אומנאַטירלאַכן זיווג. און דאָס, וואָס עס איז אומנאַטירלאַך איז קאָמיש. דאָס נעמלאַכע וועט אַרויסקומען ווען איר וועט געבן דעם אידישן וואָרט אַ פרעמדע מימיק.

און דאָס, וואָס פאַרשאַפט דעם ערלאַכן שוישפּילער עגמת־נפש

איז ממש אַ גליק פאַר'ן ביליגן קאָמעדיאַנט, ער פאָרט בסדר אויף דעם דאָזיגן אומגליקלאַכן פערדל, דאָס איז זיין באַשערט גליק.

ער רעדט ענגליש, רוסיש, דייטש און פראַנצויזיש מיט דער אידישער מימיק און דער עולם לאַכט.

דאָס איז דער אויבערפלאַכלאַכער קאָמיזם, מיט וועלכן דער דזשו־קאָמידיען לעבט אָפּ זיין קינסטלעריש לעבן.

אין דער גאַנצער וועלט איז ער דער זעלביגער.

דער האַרטער קאַפּעליושל, וואָס דער דזשו־קאָמידיען טראָגט בסדר, איז אויך פון דעם זעלביגן מין קאָמיזם.

דער האַרטער קאַפּעליוש איז אַן אַריסטאָקראַטיש היטל, „דוירבי" הייסט עס, צו איהם געהערט אַ געוויסע מימיק, ווען אָבער מען צע'העויה'ט דאָס פּנים אידישלאַך האָט דער דערבי ניט זיין מימיק און דער איד ווערט קאָמיש אומזיסט און אומנישט, בלויז צוליב אַ פאַרגרייזטער מימיק.

דאָס איז דער ביליגסטער קאָמיזם, דאָס איז דער פּלאַכסטער קאָמיזם.

שפּראַך קאָמיזם און היטל קאָמיזם זיינען עס.

זיי פאַרשרייען דעם אמת'ן קאָמיזם, דעם קאָמיזם, וואָס וויר־בלט אַרויס פון כאַראַקטער, פון מענטשלאַכע שוואַכקייטן און פון מיספאַרשטענדנישן.

דער מענטש מיט'ן קאָמישן „דוירבי" און מיט'ן קאָמישן דבור'ל וועט קיינמאָל זיך ניט דערקלייבן צו אייער האַרץ און צו אייער מח, ווען ער זאָל זיין רירנד אפילו ווי ירמיהו הנביא און קלוג ווי שלמה המלך.

אין אייראָפּע האָט זיך דער דאָזיגער ביליגער טעאַטער נוסח אויסגעהאָדעוועט אין די אַנטיסעמיטישע טעאַטערס און אין די גע־מיינע וואָדעוויל־הייזער.

אין אַמעריקא האָט זיך דער דאָזיגער גראָבער נוסח פאַר־קליבן אין ענגלישן טעאַטער און האָט זיך דאָרט צעלייגט רחבת'דיג; מיט סטאַרס, מיט שיינע טעאַטערס, מיט טייערע דעקאָראַציעס און מיט ברייטער פּובליסיטי.

צענדליגער פּיעסן פון „אידישן לעבן" גייען אויף בראָדוויי.

און אין אַלע איז די שפּראַך און היטל קאַמיזם דער עיקר, נאָר אויף דעם דאָזיגן עלנדן קאַמיזם פאַרט מען ארוים.

אידן ריידן ענגליש מיט דער אידישער מימיק, אידן טראָגן נאַריש זייערע קאַפּעליושן.

עפּעס טוען זיי נאָך עפּעס, זיי קריגן זיך, זיי האָבן עפּעס עגמת־נפש, זיי ליידן מסתמא אויך, אָבער דאָס דערגייט צו אייך ניט, אַלץ ווערט פאַרקאַמישט און פאַרשטעלט דורך דעם אויסערלאַכן גראָבן קאַמיזם.

פּאַטאַש און פּערלמוטער, למשל, דאַרפן זיין גאַנץ בראַווע מענטשן, זיי טוען קיינעם קיין שום שלעכטס ניט, זיי טוען — פּאַרקערט גאַנץ שיינע זאַכן, זיי זיינען לחלוטין ניט קיין נאַראָנים, זיי זיינען אויף זייער שטייגער ערלאַך, אָבער זייער גוטסקייט איז קאַמיש, זייער ערלאַכקייט איז קאַמיש און זייער קלוגשאַפט איז נאַריש.

און אַלץ, ווייל דער לבוש, די שפּראַך און די קליידונג זיינען קאַמיש, זייער אויסערלאַכקייט שטימט ניט מיט זייער אינערלאַקייט.

און אויף דעם זעלביגן שניט זיינען די אַלע איבעריגע פּיעסן פון אידישן לעבן, וואָס גייען אויף בראָדוויי.

עפּעס זיינען אידישע טרערן דאָרט זייער קאַמיש, עפּעס איז דאָרט אידישער עגמת־נפש זייער לעכערלאַך, עפּעס זיינען דאָרט אפילו אידישע חסרונות קאַמיש.

א ווילדע תשוקה צו לאַכן האָט ארומגעכאַפּט אמעריקע.

אמעריקע וויל לאַכן.

און ווען מען איז פאַרכאַפּט פון א תשוקה, פון א ליידנשאַפט קען מען זיך ניט פונאַנדערקלייבן, וואָס איז ווערט אויסגעלאַכט צו ווערן און וואָס איז באמת לעכערלאַך.

קינדער צעלאַכן זיך אמאָל ניט ווייסנדיג פון וואָס, אַט זיצנדיג באַם טיש צעלאַכן זיי זיך און מען קאָן זיי ניט אָפּשטעלן, פאַרקערט — וואָס מער דו ווילסט זיי אָפּשטעלן אַלץ שטאַרקער, אַלץ היסטערישער לאַכן זיי.

די איינציגע עצה איז — לאָזן זיי זיך אויסלאַכן.

מען דאַרף לאָזן אמעריקע זיך אויסלאַכן...

לאַכן איז אַנשטעקענד אזוי ווי געניצן. איז געווען א צייט, ווען

מיר האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט רוסישן גנייץ און איצט האָבן מיר זיך אָנגעשטעקט מיט דעם אַמעריקאַנישן לאַכן.

אָבער עס מוז דאָך געזאָגט ווערן, אַז די אַמעריקאַנער לאַכן קליגער און שענער.

מיר האָבן אין דער ברענענדיגער תשוקה צו לאַכן זיך אַליין אויסגעשמירט די פּנים׳ער, מיר אַליין האָבן איבערגענומען די מע־טאָדן מיט וועלכע אַנטיסעמיטן לאַכן אונז אויס, מיר אַליין האָבן דעם וואָדעוויל פאַר טעאַטער געמאַכט.

איך בין זיכער, אַז עס איז אַן איבערגאַנג, עס איז דער לעצ־טער געלעכטער פון דעם דזשו־קאָמידיען, דאָס גיט ער אונז זיינע לעצטע פאָרשטעלונגען איידער ער ווערט פאַרשוואונדן.

נאָר דאָ ניט לאַנג, די לעצטע יאָרן, האָבן מיר געמיינט, אַז מיר זיינען שוין פּטור געוואָרן פון אים; דער ערפאָלג פון „דבוק" אויף ענגליש, דער ערפאָלג פון דעם „דזשעז זינגער" האָבן אונז געגעבן דאָס רעכט צו מיינען, אַז דער אידישער קאָמעדיאַנט, וואָס קרימט נאָך אידן, גייט אַוועק פון דער ענגלישער סצענע.

מיר האָבן געזען אויף די אויפפירונגען פון די דערמאָנטע פּיעסן די נייע אַמעריקאַנישע יוגנד, אַ יוגנד, וואָס איז אמת, אַסימי־לירט, אָבער וואָס איז שטאָלץ, ערלאַך און וויל זען דענקענדע, פי־לנדע און נאָך עטוואָס בענקענדיגע אידן.

אמת, שלעכט, זייער שלעכט ווערט דער איד אויסגעדריקט אין אַן אַנדער שפּראַך, אָבער די דאָזיגע יוגנד איז אָפּגעריסן גע־וואָרן פון דעם בעסטן קוואַל, פון דער אידישער שפּראַך, אָדער ריכטיגער — שפּראַכן, און זי האָט קיין אַנדער ברירה ניט.

איך האָב געזען די דאָזיגע יוגנד אויף די דערמאָנטע אויפפי־רונגען און איך האָב מיר געקלערט: די דאָזיגע יוגנד וועט פאַר־טרייבן דעם דזשו־קאָמידיען פון דער סצענע, איר יונגער שטאָלץ וועט ניט קאָנען אַריבערטראָגן די אומזיניגע ביכיקעניש.

און איך בין איצט אויך זיכער, אַז זי וועט עס טאָן.

דער מבול פון ווייסטע קאָמעדיעס פון דעם אידישן לעבן, וואָס האָט זיך איצט אַ גאָס געטאָן אויף בראָדוויי, שרעקט מיך ניט אָפּ.

א גרויסער רעגן דויערט ניט לאַנג, לאַנג דויערט דאָס קליין און זלידנע רעגנדל.

עס איז אַ גרויסער רעגן פון אידישער נאָכקרימעריי אויף בראָדוויי און ער וועט ניט לאַנג דויערן.

עס איז אַ שטיקל בהלה: דער דזשו־קאָמידיען מיט זיינע נאָרישע בעביכעס קלייבט זיך אריין אין דער פארגעסנהייט.

דער סוף איז אַלעמאָל בהלה'דיג.

דאַרף אונז אויך ניט אָפּשרעקן דאָס, וואָס פיל אידישע שוישפילער זיינען אין דער בהלה אַריבער צום ענגלישן טעאַטער שפּילן דאָרט דאָס, וואָס דער אידישער טעאַטער האָט שוין לאַנג אויסגעשפּיט.

זיי האָבן די בהלה אָנגענומען פאַר אַ נייער ערא.

ווי נאַאיוו זיי זיינען.

דער אַמעריקאַנער איד וויל שוין זיך ניט זען אין אַ קרומען שפּיגל.

דער אידישער קאָמעדיאַנטישער טומל אויף בראָדוויי איז אַ צייטווייליגע בהלה, — ניט מער...

דר. א. מוקדוני

(געמאָלן פון בארימטן מאַלער אברהם מאַניעוויטש, 1926)

פּאָרטרעטן

א. ר. קאַמינסקי

(די זאָגערין)

הויך געוואַקסן, ניט שלאַנק, קנאָכיק, ביינערדיק איז זי געווען. אַזוי זעען אויס אידישע פרויען, וועלכע אַרבעטן, האָרעווען שווער פיזיש, אַזוי זעען אויס פרויען, וועלכע וואַשן וועש, קנעטן ברויט און טוען אונטערטעניק אַלע עבודת־פרך.

ערנסטער זאָרג, מידקייט און עפּעס מענערשע האַרטקייט זיינען געלעגן אויף איר געזיכט.

און גערעדט האָט זי מעשה־מאַנסביל: יאָדערדיג, זאַכלאַך און עפּעס קלוג, עקרת־הבית'דיג, האַלב וואָוילעריש און האַלב אַפּאַטיש.

זי איז די אידישע אשת־חיל.

אַ אידישע שוישפּילערין.

דער קערפּער שפּילט ניט, ער חן'דלט זיך ניט, ער מאַכט ניט קיין רייצענדיגע העויות'לאַך, ער איז ניט בייגיק שלאַנגיש און ער איז ניט קעציש עלאַסטיש.

זי איז נאָך פון יענעם דור, פון יענער צייט, ווען די אידישע פרוי איז געקומען אויף דער וועלט אַ פאַרזאָרגטע מאַמע.

קליינע, יונגינקע מיידלאַך זיינען מאַמעלאַך, זיי האָדעווען אינגערע ברידערלאַך און שוועסטערלאַך און אַרבעטן ערנסט און פאַרזאָרגט גלייך מיט די מאַמעס.

קיין געליבטע זיינען זיי קיינמאָל ניט געווען, זיי זיינען געווען כשר'ע כלות'לאַך, שטילינקע און פרומינקע ווייבעלאַך און זיפצענדיקע מאַמעלאַך.

אויף דער וועלטבינע איז די שוישפּילערין אַ פרוי, אַ פרוי וואָס שפּילט מיט איר קערפּער, אַ פרוי, וואָס בלענדט מיט איר

ווייבערשען רייץ, א פרוי וואָס שפּילט ליבעס, וואָס צאַצקעט זיך מיט עראָטישע תנועות'לאַך און מיט ווייבערשע חן'דלאַך.

די אידישע שוישפּילערין איז אַ מאַמע, כסדר אַ מאַמע.

די סאַמע יונגע אידישע שוישפּילערין, שפּלט זייער גוט מאַמעס.

אסתר רחל קאַמינסקי איז געווען אַ מאַמע אין אַלע אירע ראָלן, זי איז געווען א מאַמע, ווען זי האָט אפילו געשפּילט א יונג מיידל, ווען זי האָט אפילו געשטיפט קינדיש.

איר האָט כסדר געהערט די ברייטע, וואַרימע מאַמע־שטימע, איר האָט כסדר געהערט אַ זיפצעלע, ווען זי האָט אפילו „אויסגע־לאַסן" געלאַכט.

זי האָט געשפּילט איבסענס „נאָראַ", זודערמאַנס „מאַגדאַ" און איר האָט געהערט כסדר דעם עקרת־הבית'דיקן טאָן פון מירעלע אפרת, דעם טרערענדיקן קול פון דער אייביק פאַרדאגה'־טער אידישער מאַמע.

עס איז איר אייביג געלעגן אַ גוטער און קלוגער מאַמעשער שמייכעל אויף די ליפּן און אַ היימלאַכער אידישער מאַמע־טרויער האָט ארויסגעשטראַלט פון אירע אויגען. האָט זי די ליאַלקע נאָראַ אידישלאַך פאַרמאַמעט, האָט זי די וועלט אַקטריסע מאַגדאַ פאַר־מוטערט אויפן אידישן שטייגער.

זי האָט די דאָזיקע וועלט־ווייבער עפּעס פאַרפרומט און געכשר'ט.

זי האָט די טאַראַנטעלע אין „נאָראַ" געטאַנצט ווי אַ כשר־טאַנץ.

זי איז געווען א אידישע פרוי, א אידישע מאַמע, און האָט די וועלט געזען מיט די גוטע, פרומע אויגן פון אַ מוטער.

צו פערציק יאָר, ווען שוישפּילערינס אויף אַנדערע בינעס זיינען נאָך יונג, איז איר בעסטע ראָלע געווען די מוטער און באָבע מירעלע אפרת.

אַ יונגע פרוי, איז איר אויף די ליפּן געלעגן דער הבל־הבלים־דיגער שמייכל פון דער פּקחות מירעלע.

וועט מירעלע פאַרוואָרפן פאַרשייט אַ פוס אויף אַ פוס און באַווייזן אַ שיין באַזאָקטן פוס? וועט מירעלע באַווייזן אירע נאַ־

קעטע אָרעמס, אירע אַנטבלויזטע פּלייצעס? וועט מירעלע בליצן תּאווה'דיק מיט די אויגן? וועט מירעלע פּארציען מיט די ליפּע־לאַך קאָקעטיש? וועט מירעלע לאַכן הילכיק און אויסגעלאַסן?

זאָג איך מיר:

צו גוט שפּילן אונזערע שוישפּילערינס מירעלע אפרת, צו גוט שפּילט מען בא אונז מאַמעס. אויף קיין סצענע אין דער וועלט שפּילט מען ניט אַזוי גוט מאַמעס ווי מען שפּילט זיי אויף דער אידישער סצענע.

סאַראַ בערנאַרד האָט צו זיבעציק יאָר געשפּילט מיט שאַר־פען פרויען רייץ די פאַרליבטע קאָקעטע, די קאַמעליען־דאַמע.

זי האָט קיינמאָל קיין מאַמעס ניט געשפּילט, זי האָט זיי ניט געקאָנט שפּילן. זי איז ביזן טויט געווען אַ פרוי און ניט קיין מאַמע.

אונזער טעאַטער איז אַ מאַמע און טאַטע־טעאַטער.

אונזער ליטעראַטור איז אַ טאַטע און מאַמע־ליטעראַטור.

ניט זאַרגלאָז־בחוריש און ניט שטיפעריש־מיידלש זיינען אונזער טעאַטער און אונזער ליטעראַטור.

יעקב גאָרדינס דראַמעס זיינען געווען אסתר רחל'ס וועלט, און אין דער וועלט פון טאַטעס און מאַמעס איז זי געווען היימיש, אין די דאָזיקע היימישע, פלאַכע וואַסערן איז זי געשוואומען בריה'ש.

פון דאָרט, פון אַ פינסטער און אָרים שטיבעלע איז זי גע־קומען צו דער סצענע.

ניט הייסער און הפקר'דיקער טעמפּעראַמענט, ניט אוואַנ־טיוריסטישע פאַנטאַזיע און ניט ברענענדיקע לוסט צום פרייען באַהעמישן לעבן האָבן זי געטריבן צו דער סצענע.

מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אַ פאַרשעמטע און אַ נידערשלאָ־גענע איז זי געקומען זינגען אין אַ כאָר אין דעם דאַמאָלסט זייער אָרימען און פינסטערן טעאַטער.

אַ דאָרפיש מיידל, אַן אָרימען חזנס אַ טאָכטער האָט געזוכט אַרבעט אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע. זי האָט געאַרבעט בא

אַ שניידער און דערנאָך האָט זי גאַנץ צופעליק אָנגעהויבן אַרבעטן אין טעאַטער.

ניט דער שטורם האָט זי פאַרוואָרפן אין טעאַטער, נאָר די קאַלטע נויט און דער בלינדער צופאַל.

זי איז אויסגעוואַקסן און האָט אַ גרויסן נאָמען באַקומען, זי האָט געהאַט גרויסע קינסטלערישע ערפאָלגן אין פעטערבורג, אפילו און זי איז געבליבן אַ דאָרפיש מיידל, אַ חזנס אַ טאָכטער.

עס איז אונזער קללה: אונזערע פאָלקס מענטשן ווען זייער טאַלאַנט בליצט אויף, בלייבן זיי באַ זייער אָרימען קולטורעלן צושטאַנד. דער פאַרביקער טאַלאַנט בלייבט אין אַן אָרימער גרויער ראַם.

אַזוי זיינען דאָך אַלע אונזערע גרויסע אידישע קינסטלער; טאַלאַנט און מורא'דיגע קולטור־אָרימקייט.

דאָס רוסישע פאָלק האָט פאַר די לעצטע עטלאַכע צענדליק יאָר אַרויסגעשטויסן פון זיינע אָרימע כאַלופּקעס גרויסע טאַלאַנטן ווי, למשל, גאָרקי און שאַליאַפּין און אַנדערע, זיינען זיי אָבער געוואָרן גרויסע קולטור־מענטשן, גרויסע פּערזענליכקייטן און פעסטע קולטור־זיילן.

זיי האָבן געאַרבעט אויף זיך, זיי האָבן געלערנט, זיי האָבן זיך באַהעפט מיט דער העכסטער קולטור פון זייער פאָלק און זייער גרויסער טאַלאַנט האָט כסדר געהאַט זאַפטן, ער האָט באַקומען נאַרונג און ער איז געוואַקסן, געוואַקסן.

באַ אונז אַז עס בליט אויף אַ טאַלאַנט האָט ער ניט קיין קולטור־זון, וואָס זאָל אים וואַרימען, ער האָט ניט קיין קולטור־זאַפטן, וואָס זאָלן אים שפּייזן און נערן.

אסתר רחל קאַמינסקי איז געבליבן באַ איר קולטורעלער אביונות ווען איר טאַלאַנט האָט רייך אויפגעבליט. זי איז געבליבן אַ פּשוט'ע, אומגעבילדעטע אידישע מאַמע, אַ מאַמע — אַ האַל־בער טאַטע.

איז זי געווען פּרימיטיוו, איז זי געווען אומבאַהאָלפן, איז זי געווען קליינשטעטעלדיק.

ארום איר איז א טעאטער־וועלט געוואקסן, רוסיש טעאטער, פויליש־טעאטער און זי איז געבליבן בא גאַרדינען, בא א טויט מוטער־ראָלן.

און זי וואָלט געקאָנט אויפבויען א אידיש טעאטער אין רוסלאַנד, ווען זי וואָלט געוואוסט ווי מען מאכט עס.

עס איז געווען א צייט, ווען אַלע האָבן געמיינט, אז אָט־אָט שאַפט זי א טעאטער אין רוסלאַנד, זי, די פשוטע, פארזאָרגטע אידישע פרוי האָט אָבער ניט פארשטאַנען, וואָס מען וויל פון איר.

טאַלאַנט און מענטש האָבן זיך ניט געפּאָרט, דער מענטש האָט ניט געקאָנט אָניאָגן זיין טאַלאַנט, דער מענטש איז בסדר אָפּגעשטאַנען, כסדר געווען הינטערשטעליק.

דאָס איז די טראַגעדיע פון אונזער טעאטער ביז היינטיקן טאָג, דאָס איז אויך די טראַגעדיע פון אונזער ליטעראַטור.

טאַלאַנט אָן קולטור, ברייטער טאַלאַנט אויף אָרימע, איינגעדאַרטע פּלייצעס.

א פאָלקס־פרוי איז געווען אסתר רחל קאַמינסקי, א אידישע פאָלקס־פרוי.

איז איר מירעלע אפרת ניט געווען קיין אריסטאָקראַטין, ניט קיין אַנטקרוינטע קיניגין; זי איז געווען א טיכטיקע, קלוגע באַלעבאָסטע, א יוסטע באַלעבאָסטע מיט א בינטל שליסלען און א גוטע, הארציקע מאַמע.

זי איז געווען בעצם די אַלטע, גוטע און ליבע זאָגערין.

פון דער זאָגערין, וואָס פלעגט וויינען איבער די תחינות און נאָך איר אַלע ווייבער, וואָס קאָנען ניט לייענען, איז ארויסגעקומען די אידישע דראַמאַטישע ארטיסטין.

די זאָגערין פלעגט מאַכן וויינענדיק די עדה ווייבער אין דער ווייבערשער שול און די אידישע דראַמאַטישע ארטיסטין האָט אויך געוואוסט, אז זי דאַרף מאַכן וויינענדיק דעם עולם.

די זאָגערין האָט ניט געשפּילט, זי האָט ראשית כל אליין זיך גוט אויסגעוויינט, האָט אליין אויסגעגאָסן איר ביטער הארץ.

אסתר רחל קאמינסקי איז געווען א שוישפילערין זאגערין, זי האט זיך אליין גוט אויסגעווייינט אין אירע מוטער־ראלן און אגב געמאכט וויינענדיק אנדערע.

זי האט געהאט אלע „חנדלאך“ פון דער אלטער, גאטס־פארכטיקער זאגערין.

די זאגערין האט ניט געקוקט אין שפיגל צי וויינט זי שיין, צי ווערט איר געזיכט ניט צעקרימט באם וויינען, צי שפילט איר פנים ווען זי וויינט.

עס האט איר פארכאפט באם הארצן און זי האט געוויינט, מעג דער פנים צעלייגט ווערען אין קנייטשן, מעגן די אויגן און דער נאז רויט ווערן — וויינען איז ניט קיין שפיל.

א שפיל איז מחויב צו זיין שיין, די זאגערין שפילט אבער ניט. . .

אמת די זאגערין איז זייער אויפריכטיק, זי „זאגט“ מיט הארץ, אבער אזא אויפריכטיקייט האט ניט דעם רייץ פון שפיל, אזא אויפריכטיגקייט איז איינטאניג און איינפארביג.

פילע פון די אידישע שוישפילערינס זיינען זאגערינס.

פילע פון אונזערע שוישפילער זיינען שטיקלאך מגידים און שטיקלאך חזנים.

צום אמת'ן, עכטן טעאטער־שפיל זיינען מיר נאך ניט דערגאנגען, מיר גייען ערשט צו אים.

דאס זאגערשע איז געווען דאס שטארקסטע, דאס בולטסטע אין אסתר רחל קאמינסקים שפילן.

מירעלע אפרת איז געווען איר שענסטע און שטארקסטע ראלע, ווייל מירעלע אפרת איז דורך און דורך א זאגערין, זי זאגט מוסר, זי זאגט תהילים, הכלל זי תחינה'ט.

זאגעריי איז בלויז א קליינער טייל פון שוישפילער־קונסט, די הויפטזאך איז דאך פארט דער שפיל פון קערפער.

עס איז אבער לעכערלאך צו פאדערן פון מירעלע אפרת, אז זי זאל שפילן מיט איר קערפער. מירעלע אפרת'עס קערפער איז באהאלטן און פארבארגן פון מענטשלאכע אויגן.

ביי מירעלע אפרת איז איין כח בולט און דאָס איז דער כח־הדיבור.

און געלעבט האָט די טאַלאַנטפולע שוישפּילערין ניט שטורמיש ווי אַ קינסטלערין; ניט שטיפעריש־לייכטזיניק, ניט זאָרגלאָז־הפקר׳דיק, ניט פּיקאַנט־פריי, זי האָט געלעבט ווי אַ מאַמע, ווי אַ גוטע, קלוגע מאַמע.

קיין שפּור פון קינסטלערישער סביבה ארום זיך — ווי אַלע אידישע שוישפּילער לעבן.

עס זיינען געווען אידישע שריפטשטעלער אין ווארשע, געווען אידישע מאַלער, געווען אַ אידישע ליבע באַהעמע און אַלץ האָט געקאָכט און געברויזט ארום דעם גרויסן י. ל. פּרץ, זי, אסתר רחל קאַמינסקי איז געווען פרעמד דעם דאָזיקן לעבעדיקן און שאַפענדיקן קרייז.

איך בין אַ פּאָר מאָל געווען בא איר אין הויז און פלעג אוועקגיין אַ צעקלעמטער: אַ קליינבירגערלאַך הויז, גרוי, עלנד און וויסט...

און איך פלעג זיך דערמאָנען די באַשיידענע וואוינונג פון י. ל. פּרץ, דאָרט האָט ממש די קינסטלערישע שכינה גערוט אויף אַלץ, איר זייט אַריין אין די שטילע פיר ווינקעלאַך און עס האָט אויף אייך אַ בלאָז געטאָן מיט קינסטלערישער ראפינירטקייט, מיט לויטערקייט און הייסן קינסטלערישן אָטעם.

און פון אזא גרויער אַלטעגליכקייט און אזא הויז פלעגט זי קומען שפּילן אויף דער סצענע.

עס זיינען געווען מאָמענטן ווען זי פלעגט ארויסוואַקסן פון איר סביבה, דאָס זיינען געווען ליכטיקע מאָמענטן ווען דער דער־שטיקטער, קינסטלערישער געמיט פלעגט זיך ארויסרייסן פון די פּענטעס.

עס זיינען געווען אזעלכע ליכטיקע מאָמענטן.

זי האָט געקאָנט זיין אַ סך אַ גרעסערע שוישפּילערין, זי וואָלט געקאָנט מער אויפטאָן, איר האָט געפעלט די קינסטלערישע אומרו...

אברהם פישזאָן

ער האָט פּרעטענדירט אויף דער פּאַטערשאַפט פון אידישן טעאַטער, ער האָט באַ א. גאָלדפאַדען די בכורה געוואָלט אָפּנעמען.

קאָן געמאַכט ווערן אזא פשרה: א. גאָלדפאַדען איז דער פּאָטער פון גאַנצן אדישן טעאטער און ער בלויז דער פּאָטער פון דעם אידישן אַקטיאָר.

און ער איז באמת דער ערשטער אידישער אַקטיאָר, דער ערשטער וואָס איז אַקטיאָר דורך און דורך, אַקטיאָר מיט זיין אויסזען, אַקטיאָר מיט זיין פילן און דיינקן, אַקטיאָר מיט זיין באַנעמונג און מיט זיין באַציאונג צו דער וועלט און מענטשן.

אַלס אַ אינגל האָט ער אָנגעהויבן שפּילן און איז ביז זיין טויט ניט אַראָפּ פון דער בינע.

און זיין אַקטיאָריש לעבן האָט ער אין זכרונות פאראייביגט. זיינען זיינע זכרונות די געשיכטע פון דעם אידישן טעאַטער, זכרונות פון פופציג יאָר אידישן טעאטער.

מיט די זכרונות פון אברהם פישזאָן האָבן זיך מיט יאָרן צוריק פאַרינטערעסירט אין רוסלאַנד די רוסישע פּרעסע און די אידישע.

אברהם פישזאָן קאָן דערציילן און האָט וואָס צו דערציילן.

אָסקאַר ווייַלד האָט אַמאָל געזאָגט, אַז די מייסטע זכרונות־שרייבער האָבן אַ שלעכטן זכרון. זיי געדיינקן גאָרניט, אָדער ווען זיי האָבן שוין יע זכרון, געדיינקן זיי גראָד דאָס, וואָס עס לוינט ניט צו געדיינקן.

אברהם פישזאָן, דער דאָזיגער פשוט'ער מענטש, האָט פאַרמאָגט אַ וואונדערלאַכן זכרון און זיין זכרון האָט איינגעהאַלטן גראָד דאָס היסטאָריש וויכטיגע, דאָס היסטאָריש אמת'ע און היסטאָריש עיקר'דיגע.

אין אונזער ליטעראטור איז געווען נאָך איינער אזא וואונדערלאַכער זכרונות דערציילער, און דאָס איז געווען יחזקאל קאָטיק. יחזקיאל קאָטיק איז שוין אָבער געווען אביסל פאַרכאַפּט מיט „ליטעראַטור", ער האָט אַמאָל צוליב בילדלאַכקייט און צוליב אַ שיין וואָרט געזינדיגט געגן דעם היסטאָרישן אמת.

אויף אברהם פישזאָן האָט דער יצר הרע פון „ליטעראַריש־קייט“ קיין שליטה ניט געהאַט.

און ער דערציילט אַלץ מיט דער ריינסטער תמימות. ער איז ווייט פון ליטעראַטור.

דערפאַר איז ער אָבער געווען אַן אַקטיאָר און ער האָט אַק־יאָריש רעאַליסטיש געשילדערט מענטשן. ער האָט זיי פּלאַסטיש געשילדערט.

רעדן זיינע מענטשן ווייניג, זיי באַוועגן זיך אָבער און אַלץ אַרום זיי באַוועגט זיך.

און אין דער באַוועגונג איז דאָ אמת און רוישיגע לעבעדיגע ווירקלאַכקייט.

ער באַשרייבט ניט קיין מענטשן, ער גרימירט זיי.

אָט האָט איר סצעניש דאָס בילד פון דעם ערשטן אידישן אַקטיאָר ישראל גראָדנער:

דער ישראל'יק איז געווען אַ שיינער, געפּוצטער בחור, קורץ געקליידעט, שטיוועלאַך אויף סקריפּעס און דאָס היטעלע נאַבאָק.

דער ערשטער אידישער אַקטיאָר קומט איינהאַנדלען „רע־פּערטואר“ באַם אינגל אברהם פישזאָן. אַלס האָנאָראַר גיט ער אים אַ זשמעניע טאַבאַק...

דער ערשטער אידישער אַקטיאָר איז געווען אַ טיטון־שניידער.

האָט איר פאַר זיך אַ לעבעדיגן דעם טאַטן פון דעם ערשטן אידישן אַקטיאָרן־דור.

אברהם פישזאָן איז געווען 50 יאָר אַן אַקטיאָר.

פאַר אברהם גאָלדפאַדען, „דעם פאָטער פון אידישן טעאַטער“ האָט ער שוין געשפּילט.

פופציג יאָר טעאַטער אין רוסלאַנד.

עס קומען פאַרשידענע גזירות, עס קומט דער פאַרבאָט פון דעם 82טען יאָר, אברהם פישזאָן שפּילט כסדר טעאַטער. פישזאָנ'ס טרופּע איז די איינציגע אויף וועלכע עס זיינען עפּעס ניט חל אַלע גזירות און רדיפות.

אברהם פישזאָן איז אַ גרויסער בריה, ער קאָן דורכקומען מיט

די צאַרישע ביוראָקראַטן. ער מאַכט מיט זיי פּשרות, ער נאַרט זיי אָפּ, הכלל ער געפינט זיך אין יעדער עת צרה.

פופציג יאָר וואַנדערט ער מיט זיין טעאַטער איבער אַלע שטעט און שטעטלאַך פון רוסלאַנד.

ער הויבט אָן מיט בדחנ'ישע לידלאַך, וואַרפט זיך דערנאָך אויף גאָלדפאַדענ'ס רעפּערטואַר, פון גאָלדפאַדענ'ס אָפּערעטעס גייט זיין טעאַטער איבער צו לאַטיינער'ס אָפּערעטעס, דערנאָך צו יעקב גאָרדינ'ס דראַמעס, פון יעקב גאָרדין צו ל. קאָברינ'ען, צו דוד פּינ־סקי, הירשביין און אַזוי ווייטער.

די גאַנצע געשיכטע און אַנטוויקלונג פון אידישן טעאַטער מאַכט דורך די טרופּע פון אברהם פישזאָן.

פישזאָן איז דער גרויסער סטראַטעג אין דער אידישער טע־אַטער וועלט אין רוסלאַנד.

ער איז באַקאַנט געוועז ווי איינער וואָס קאָן „נעמען שטעט".

„נעמען שטעט" , דאָס הייסט — ארויסבאַקומען אַן ערלויי־בעניש און קריגן אַ טעאַטער אין אַ וועלכער ס'איז רוסישער שטאָט, און דאָס איז געווען שווערער ווי איינצונעמען די פעסטונג פון פּאָרט־אַרטור.

אברהם פישזאָן פלעגט נעמען די סאַמע באַפעסטיגסטע שטעט, די שטעט, וואָס האָבן געהאַט די שטרייענגסטע גובערנאַטאָרן און די סאַמע פינסטערע און פאַרביסענע צארישע ביוראָקראַטן.

אברהם פישזאָן האָט געקאָנט דורכברעכן די אייזערנע ווענט פון שנאה און רשעות.

און ניט ווי אַ שתדלן, ניט ווי אַן אַדוואָקאַט האָט ער געוויזן זיינע בריה'שקייטן, נאָר ווי אַן אַקטיאָר. מיט סצענישע, מעלאָ־דראַמאַטישע און אָפּערעטישע טריקס פלעגט ער גובר זיין אַלע מכשולים.

אַ מענטש מיט אַ געזונטן פאָלקסטימלאַכן הומאָר, אַ מענטש מיט'ן אייביגן פאָלקסטימלאַכן אָפּטימיזם און זיכערקייט, דער־ציילט ער וועגן די גרויסע ענויים פון דעם אידישן טעאַטער אין רוסלאַנד אָן טרערן, אָן ליריק, אָן מאַרטירערישער פּאָזע.

ער דערציילט וועגן די גרעסטע צרות פון טעאַטער מיט אַן

אקטיאָרישן ברייטן געלעכטער און מיט אַ טעאַטראַלישער לעבע־דיגקייט און באַוועגלאַכקייט.

אברהם פישזאָן איז געווען אַ פאַרביגע אַקטיאָרישע פיגור. ער איז געווען דורך און דורך אַקטיאָר.

איך געדענק ווען איך האָב זיך מיט אים דעם ערשטן מאָל באַגעגנט,האָט מיך איבערראַשט אַ מערקווערדיגע ערשיינונג.

ער זיצט און רעדט ברייט אויף אַ הויכן קול און עפּעס קלינגט שטיל ארום אים.

ער רעדט און עס קלינגט פון אים, ארום אים. עס קלינגען עפּעס קליינע גאָלדענע גלעקלאַך.

אזוי קלינגען די גלעקלאַך פון אַ קרוין אויף אַ ספר תורה...

איך האָב אָנגעהויבן זוכן פאַרוואונדערט, וואָס אַזוינס קלינגט עס אויף דעם אַלטן פישזאָן.

און איך האָב אַנטדעקט, אַז ער איז באַהאַנגען מיט גאָלדענע טאָוועלאַך, מיט קייטעלאַך, מיט ברעלאָקן און מיט נאָך אַזעלכע גאָלדענע צאַצקעלאַך.

אויף זיין קייט פון זייגער איז געהאַנגען אַ גאַנצע ביבליאָטעק פון גאָלדענע טאָוועלאַך, אויפ'ן האַנט אַ בראַסלעט מיט גאָלדענע קייקעלאַך און וויטער טאָוועלאַך.

דאָס איז געווען די געשיכטע פון אידישן טעאַטער אויף טאָ־וועלאַך און ברעלאָקן.

דאָס זיינען מתנות פון צענדליגע בענעפיסן, דאָס זיינען אָנ־דיינקונגען פון צענדליגער שטעט, וואָס מען האָט אונטערגעטראָגן דעם אַקטיאָר און דעם טעאַטער־דירעקטאָר אברהם פישזאָן.

און זיי האָבן געקלונגן אויף דעם אַלטן אַקטיאָר.

ווען איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט האָט ער שוין ניט גע־שפּילט, ער איז געווען בלויז דירעקטאָר, ער האָט שוין אויסגע־האָדעוועט אַן אייגענע משפּחה פון אקטיאָרן און ער ,דער טאַטע, דער שווער, איז געווען דער בעל הבית.

דער קערן פון דער טרופּע איז געווען זיין אייגענע פאַמיליע: מישא פישזאָן, דראַגינסקאַ, זיין פרוי, זאסלאַווסקאַ, מישא פיש־זאָנ'ס פרוי, און ארקאַ דער איידעם.

די מיטגלידער פון דער פאַמיליע זיינען געבוירן געוואָרן הינ־

טער די קוליסן און ווי נאָר זיי האָבן געקאָנט שטעלן אַ פוס, זיינען זיי אַרוים אויף דער סצענע.

עס איז געווען אַ פאַמיליע, וואָס האָט קיינמאָל קיין היים ניט געהאַט. מען האָט כסדר געוואַנדערט, מען האָט געלעבט אין האָטעלן און אויף דער סצענע.

עס איז געווען אַ טרופּע וואָס איז געווען ענלאַך אויף די טרופּעס פון די אַמאָליגע פראַנצויזישע און איטאַליענישע וואַנדערענדע קאָמעדיאַנטן־טרופּן.

דאָס זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן קיין אַנדער זאַך אויף דער וועלט, אויסער טעאַטער, ניט געזען און פון קיין אַנדער לעבן אויסער דעם אַקטיאָרישן, ניט געוואוסט.

קאָמעדיאַנטן, פריילאַכע זאָרגלאָזע קאָמעדיאַנטן.

אַמאָל פלעגט אַ צוף טאָן דעם אַלטן פישזאָן דער אַקטיאָרישער יצר הרע און ער פלעגט אַ שפּיל טאָן אין גאָלדפאַדען׳ס כשוף־מאַכערין, די באָבע יאַכנע.

דאָס איז געווען זיין נחת אויף די אַלטע יאָרן.

און זיכער איז ער געווען, אַז קיינער אויף דער וועלט קאָן ניט שפּילן ווי ער די באָבע יאַכנע. אַז מיט אים גייט אַוועק פון דער וועלט די גאַנצע כשוף־מאַכערין.

ער ווייסט דעם סוד, ער האָט דעם אַקטיאָרישן שם־המפורש פאַר איר...

און אַ דערציילער איז ער געווען אַ זעלטענער.

האָט ער אייך דערציילט וועגן אַ מענטשן, איז דער מענטש געשטאַנען פאַר אייך מיט אַלע זיינע העויות, מיט אַלע זיינע תנועות און דער מענטש האָט גערעדט פאַר זיך.

און אַ זכרון האָט ער געהאַט אַ וואונדערלאַכן, ער האָט געהאַט דעם טיפּישן זכרון פון אַ מעמואַריסט. אַלץ איז בא אים געווען אויפ׳ן ריכטיגן אָרט. אין דער ריכטיגער צייט און בא דער פאַסענדער סיטואַציע.

און דער עיקר — ער האָט געהאַט וואָס צו דערציילן.

פופציג יאָר טעאַטער אויף זיינע פּלייצעס.

און זיין זכרון האָט זיך ניט צעברעקלט, האָט זיך ניט צעשטויבט אויף פאַרשידענע געביטן פון לעבן.

ער האָט געלעבט בלויז מיט'ן טעאַטער און זיין זכרון האָט זיך קאָנצענטרירט אויף זיין טעאַטער־לעבן.

ער איז געווען אַן אַקטיאָר, מער ניט ווי אַן אַקטיאָר, ער האָט געשפּילט די פופציג יאָר טעאַטער־געשיכטע.

דאָס איז געווען זיין ראָלע.

און דאָס איז אפשר געווען די איינציגע ראָלע, וואָס ער האָט געדיינקט אויסענווייניג און האָט זי געקאָנט שפּילן אַן א סופלאָר.

און עפּעס א חוש פון אַ היסטאָריקער האָט געהאַט דער דאָזיגער וואַנדערענדער אַקטיאָר.

אַלץ וואָס איז נוגע טעאַטער האָט ער אָפּגעהיט.

ער האָט אָפּגעהיט די ערשטע אפישע (פּאוסטער) פון 1875, דעם ערשטן דאָקומענט פון אידיש טעאַטער אין רוסלאַנד.

אין אייביגן וואַנדערן האָט ער געוואוסט וואָס אָפּצוהיטן.

קיינער פון די אַלטע אַקטיאָרן האָט עס ניט פאַרשטאַנען.

ער האָט זיין זכרון ניט באַלעסטיגט מיט אַנדערע זאַכן; ער האָט איינגעקריצט אין זיין זכרון נאָר דאָס, וואָס האָט אַ שייכות צום טעאַטער.

זיינען זיינע זכרונות לעבעדיגע, פרישע און פאַרביגע זכרונות.

זיינען זיינע זכרונות דער בעסטער מאַטעריאַל פאַר טעאַטער געשיכטע.

זיינען זיינע זכרונות אינטערעסאַנט און פאַרכאַפּענדיג, ווייל זיי זיינען שטיקער לעבן, ווייל זיי זיינען עכט, ווייל זיי חכמה'ן זיך ניט, ווייל זיי פילאָזאָפירן ניט, ווייל זיי זיינען ניט אויפגעבלאָזן.

בינא אבראַמאָוויטש

אין קיין טעאַטער אין דער וועלט פאַרנעמט ניט די מאַמע אַזאַ וויכטיג און גרויס אָרט ווי אין דעם אידישן טעאַטער.

עס איז ניט קיין בלינדער צופאַל, עס איז ניט קיין קאַפּריז פון די אידישע דראַמאַטורגן.

די אידישע מאַמע איז די ליבסטע און שענסטע געשטאַלט אין דעם אידישן לעבן.

זי איז עס געווען ביז די לעצטע צענדליג יאָרן.
זי איז געוון די גרויסע מאַרטירערין.

זי האָט גענומען אויף זיך מיט דער פרומסטער אונטערטע־ניגקייט דעם שווערן עול פון גדול בנים, זי האָט זיך פאַרמויערט אין די ד׳ אמות פון איר היים, זי האָט זיך פאַררינגלט אין דער קלייִנינקער וועלטל — אין דער פאַמיליע.

און מיט אַן אייביגען שרעק אין די אויגן און מיט אַן איי־ביגער אומרו אין הארצן האָט זי געציטערט און געפלאַטערט איבער איר נעסט מיט אירע עופ׳עלאך.

דאָרט אין דער גרויסער וועלט קריצט די שנאה מיט אירע ציין, דאָרט זיינען פאַרזייט שטרויכלונגן, באַהאַלטענע נעצן זיינען אויסגעשפּרייט אויף טריט און שריט, דאָרט איז מסוכן׳דיג; מען כאַפּט אידישע קינדער, טויזענטער הענט זיינען אויסגעשטרעקט.

די אידישע מאַמע איז לחלוטין ניט ענליך אויף די מאַמעס פון אנדערע פעלקער.

די אידישע מאַמע איז מער מאַמע ווי פרוי, זי איז אפילו אַ מאַמע צו איר מאַן.

און אַ אידיש הויז איז אַמאָל געווען באַשטראַלט מיט דעם ליכטיגן צער און פרייד פון דער אידישער מאַמען.

און דער אידישער טעאַטער, דער פאַרשייטער חוזק־מאַכער, דער הפקר׳דיגער שטיפער, וואָס וועט פאַר אַ וויץ, פאַר אַ שמד׳־ישע העויה׳לע, פאַר אַ קונדס׳שען ווערטל און פאַר אַ טריפ׳ע גרימאַסע קיינעם ניט שאַנעווען, שטייט מיט׳ן גרעסטן דרך ארץ און מיט דעם טיפסטן יראת הכבוד פאַר דער אידישער מאַמע.

די מאַמע איז אין דעם אידישן פאָלקס־שאַפן, אין פאָלקס־לידער, אין פאָלקס מעשה׳לאך פארהייליגט געוואָרן.

איר צער, איר פרייד, איר גרויסע ליבע און איר גרויסער שרעק זיינען עפּעס מיסטיש פארשלייערט געוואָרן.

האָט יעדע אידישע דראַמע און יעדע אידישע מעלאָדראַמע א מאַמען.

און ווען זיי האָבן ניט קיין מאַמעס, איז דאָס גופא דער שטאַרקסטער דראַמאַטישער מאָמענט; איז דאָרט געווים דאָ א יתום׳ל, אָדער א יתומה׳לע.

און אמת׳ע יתומים אין דער אידישער דראַמע און מעלאָ־דראַמע זיינען קינדער, וועלכע האָבן ניט קיין מאַמע.

איז באַשאַפן געוואָרן א מין מאַמע־קולט אין אידישן טעאַ־טער, א קולט מיט איבעריגע סענטימענטאַליטעטן, מיט געדיכטע זיסיגקייטן און מיט א לאַקרעצדיגן לעקסיקאָן.

אָבער דער קערן איז א געזונטער, אַן עכטער און א פול־בלוטיגער.

די אידישע פאַמיליע איז געווען און איז נאָך היינט דער פעסטער און שטאַרקסטער קעמערל אין אונזער לעבן.

און אין דער פאַמיליע איז די אידישע מאַמע דער זייל, דער פעסטער זייל אויף וועלכן זי האַלט זיך.

איז דער מאַמע־קולט ניט קיין אויסגעטראַכטער.

און עס איז באַשערט געווען דעם דאָזיגן קולט צו האָבן די שענסטע באַזינגערן, די עכטעסטע קינסטלערין, וועלכע האָט אים באַ׳חנ׳ט און באַשיינט.

בינע אבראַמאָוויטש איז די דיכטערין, די גרויסע דיכטערין, וואָס באַזינגט די אידישע מאַמע.

די אידישע מאַמע איז מער מאַמע ווי פרוי.

אין איר ווערט די ליבע געריייניגט פון אלע פּסלות׳ן, זי ווערט ריינע, לויטערע מוטער־ליבע.

דעם דאָזיגן שיינעם אמת שפירט איר אין יעדער מוטער־

ראָלע, וואָס בינע אבראַמאָוויטש שאַפט, איר שפּירט עס אין יעדן קלאַנג פון איר שטימע, אין יעדן וואָרט און יעדער באַוועגונג.
איר שטימע איז די כשר'סטע, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט.
זי איז געלייטערט, זי איז פרום, זי האָט אין זיך קיין רמז אויף גשמיות.
זי פאַרמאָגט די ריינסטע קאָלירן.
עס איז די שטימע פון דער מאַמע:
ווייכקייט, האַרציגקייט, וואַרימקייט און כשר'קייט שטראַלן ארויס פון איר.
מען קאָן קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווי די גרויסע מאַמע פון דער אידישער סצענע זאָגט „גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב" אין שלום עליכם'ס „טוביה דער מילכיגער".
איר הערט דעם קול פון „רחל מבכה על בניה", די מאַמע פון פאָלק ישראל גיסט אויס איר האַרץ פאַר'ן גאָט ברוך הוא.
צער פון דורות שרייט ארויס מיט טיפן גלויבן און מיט אונטערטעניגקייט.
עס איז צער פון א גרויס האַרץ פול מיט דער לויטערסטער ליבע.
טוביה האָט בעס, אין אים פלאַקערט אויף צאָרן, ביי אים רייסט זיך ארויס אַ שווערע קללה פון מויל, די ציינער גיבן ניט ווילענדיג אַ קריץ פון ווייטאָג.
גאָלדע האָט קיין כעס ניט, גאָלדע טענה'ט בלויז:
„גאָטעניו, גאָטעניו! אָדער גיב מיר אָפּ מיין קינד, אָדער נעם מיך צו"...
גאָלדע וויינט, הערט איר ניט קיין געשריי, וואָס פּסל'ט דעם שטילן, הייליגן צער, איר הערט די ריינע שטימע פון הייליגן צער.
און דער צער איז אירער, אין איר האַרצן טראָגט זי אים.
זי האָט מורא אים באַווייזן פאַר אירע ליבסטע און טייערסטע, זיי וועלן האָבן עגמת נפש, זיי, די קינדער אירע דאַרף זי טרייסטען.
זי איז אַ מאַמע, זי איז טוביה'ס מאַמע אויך...
זי איז געקומען אויף דער וועלט נאָר צו ליבן, נאָר צו האַלובען אירע ליבסטע.

איך האָב אין קיין טעאַטער אין דער וועלט ניט געזען אַזאַ הייליגע מאַמע.

הייליגע, דאָס איז אַן אָבגעדראָשן וואָרט, אָבער איך קאָן זיך גאָרניט העלפן. אויף בינע אַבראַמאָוויטשעס מאַמע ליגט פאָרט קדושה.

אָט אַזוי איז זי אַ מאַמע אין לייוויק׳ס „שמאַטעס“.

איז זי דער סימבאָל פון שלום אין דעם צערודערטן הויז.

זי פלאַטערט, זי ציטערט די גרויסע מאַמע איבער דעם שלום בית, וואָס ווערט פאַרצויגן מיט אומהיימלאַכע וואָלקענס.

זי וויל מיט איר ליבע אַלץ פאַרדעקן, אַלץ פאַרגלעטן און אַלץ באַשיינען.

זי קאָן זיך גאָר ניט העלפן; זי האָט אַלעמען ליב, די שיינע מאַמע, זי האָט ליב דעם טעמפּען באַי אירען, זי האָט ליב די נאַרישע טאָכטער אירע און זי האָט ליב דעם בייזן צערודערטען מאַן אירען.

זי איז אַלעמענס מאַמע, איר ליבע דאַרף אויף אַלץ מכפר זיין.

און אָט צעבייזערט זי זיך אויף איר מאַן.

דוכט זיך זי שרייט, דוכט זיך זי בייזערט זיך...

ניין, דאָס פאַרשטעלט זיך די הייסע ליבע, איר פילט עס, איר זעט עס קלאָר און דייטלאַך.

איך ווייס ניט נאָך אַן ארטיסטין, וואָס זאָל קאָנען צאַרט דורכוועבן גאָלדענע פעדים פון ליבע, וואָס זאָל זיך בייזערן און פון בייזערן זיך זאָל שטראָמען הייסע געטרייקייט.

איך ווייס ניט נאָך איינע, וואָס זאָל זיין בכוח צוויי סותר׳דיגע געפילן אַזוי דין און אַזוי פיין צענויפשמעלצן, אַז איר זאָלט זיי ביידן בולט זען, ביידע קלאָר פילען און ביידע צוזאַמען עכט איבערלעבן.

און ביידע סותר׳דיגע געפילן זיינען עכט.

עס באַקומט זיך אַ פּאַראַדאָקס — ליבע־בייזקייט.

באַ בינע אַבראַמאָוויטש איז עס ניט קיין פּאַראַדאָקס.

זי ווייס דעם גרויסן סוד, זי ווייס ווי אַ מאַמע בייזערט זיך, ווי אַ מאַמע שלאָגט איר קינד און קושט עס.

אלע סודות פון אונזער מאמעס נשמה זייענען פאר איר אנטפלעקט.

רעדט זי צו איר קינד, הערט איר ממש דאס פלאטערן פון איר הארץ, לאכט זי, איז ליכטיגער נחת אויף איר געזיכט, וויינט זי, איז הייליגער טרויער אין אירע אויגן, קוקט זי אויף מענטשן, שפיגעלט זיך צניעות אויף איר פנים.

איך האב עטלאכע מאל געזען ווי די גוטע, ליבע מאמע בינע, לאזט אירע נארישע קינדער זיין קלוג...

די מאמע ווייס נעבאך, אז אירע קינדער זיינען ניט קלוג. זי ווייסט און וויל עס ניט וויסן. זי ווייסט און וויל ניט די קינדער מצער זיין...

איז די מאמע גליקלאך פון די נארישקייטן. זי איז גליקלאך און אומגליקלאך אוןביידע געפילן שפילן אויף איר וואונדערלאך אקטיארישן געזיכט.

מינען זיך ליכט און שאטן אויפ'ן געזיכט, צער און פרייד בייטן זיך מיט זייערע קאלירן, ווייטאג און נחת שפילן זיך.

א ים פון מוטערלאכע געפילן טראגט די וואונדערלאכע שוישפילערין אין איר הארץ און געבענשט איז זי מיט דעם פיינסטן חוש פאר גאנצקייט און אויסגעהאלטנקייט.

פאר יעדער מאמע האט זי די ריכטיגסטע, די עכטעסטע מלבושים.

קיין ברעקל שעטנז וועט ניט אריינפאלן אין די מלבושים, קיין פרעמדער פאדים וועט זיך ניט אריינ'גנב'ענען אין זיי.

און אין די מלבושים באזעצט זיך דער גוף, וואס איז געבוירן פאר זיי.

עס קומט דער ריכטיגער עלטער, דער ריכטיגער הלוך, די עכטע באוועגונגען, דער צוגעפאסטער בליק און די ריכטיגע פארבן פארן ווארט.

דאס איז גרויסער קינסטלערישער חוש, טיפע אינטואיציע, וואס שאפט אן קאפ־ברעכעניש גאנצע וועלטן מיט טויזנטער איינצעלהייטן, וועלכע פאסן זיך אריין איינע אין די אנדערע, צע־נויפגעקייטלט פון א פארבארגן האנט.

בינה אבראמאָוויטש האָט די ווייכע, ווארימע און הארציגע שטימע פון א מוטער. עס איז די שטימע, וואָס גלעט אייך, וואָס רירט אייך ביז די סאַמע טיפעניש פון אייער נשמה.

איר פארגעסט אַז איר האָט שוין גרויע האָר אויפ'ן קאָפּ, איר פארגעסט, אַז איר זייט קלוג, איר פארגעסט אַז איר זייט אַ וועלט־שטורמער, איר פארגעסט, אז איר זייט אַ גרויסער בעל דעה אין לעבן, איר פארגעסט, אַז איר זייט אַליין אַ פאָטער; איר ווערט אַ קינד, איבער וועלכן עס שטייט מיט ליבע און צער אַ מאַמע.

אַ קינד, וואָס דארף האָבן אַ מאַמען און האָט זי, ווערט איר.

עס איז אַזוי גוט מיט איר, מיט דער מאַמען און עס איז אַזוי פינסטער אָן איר, אָן דער מאַמען...

בינה אבראמאָוויטש האָט עפּעס אַ וואונדערלאַכן ציטער אין איר שטימע, אַזאַ שטילן, אַזאַ באַהאַלטענעם, אַזאַ כשופ'דיגן און אַזאַ יימלאַכן, אַז אַ זיסע צערודערטקייט צעגיסט זיך בּאַ אייך אין הארצן, אז אַ מחיה'דיגער אומעט דרינגט אריין אין אייך און צערטלט אייך.

און אַמאָל ווערט דער דאָזיגער געטלאַכער ציטער דורכגע־דריזעלט מיט אַ טרער, אויך אַזאַ שטילע, אויך אַזאַ ציטערדיגע און אויך אַזאַ מחיה'דיגע.

און אַמאָל גיט זי אייך דעם געמיש פון פרייד און שרעק, אַזאַ פיינער געמיש; פרייד דרינגט אריין אין שרעק, שרעק רייסט זיך אריין אין פרייד, וויקלען זיך איינע אין די אַנדערע, קנוילן זיך איינע אין די אַנדערע.

דאָס איז פרייד פון אַ מוטער, דאָס איז פרייד, וואָס איז פאַר־וואָלקנט מיט אַ ביסעלע פּחד.

אידישע מאַמעס אין די מינוטן פון זייער גרעסטן נחת און פון גרעסטן גליק דערשרעקן זיך פאַר אַן עין הרע; אַ אידישע מאַמע ציטערט איבער איר גליק.

בינה אבראמאָוויטש האָט זיך דערקליבן צו די השגות פון דעם גרויסן שעקספּיר: זי שפּילט די אייביגע, מוטערלאַכע ליידנ־שאַפטן און געפילן. זי שפּילט ניט קיין מוטערס, זי שפּילט מו־טערלאַכקייט.

דאָס דאָזיגע גרויסע מענטשלאַכע געפיל שפּילט זי כסדר.

מוטערלאַכקייט מיט אירע טויזנטער קאָלירן, מוטערלאַכקייט מיט אירע טויזנטער געשטאַלטן און טויזנטער אַנטפּלעקונגן, שפּילט זי.

מעג זי זיין אין שמאַטעס, מעג זי זיין אין אָפּגעריסענעם דלות, די גרויסע פיל־פאַרביגע מוטערלאַכקייט שטראַלט ארויס ווי די זון פון צעריסענע און צעשמאַטעטע וואָלקענס.

אין ה. לייוויק'ס „בעטלער" שפּילט זי אַ בעטלערין, אַן עלנדע בעטלערין אָן קינדער אויף דער וועלט, אַן אייביגע עקרה, אַ מאַמע, וואָס האָט ניט קיין קינדער און האָט זיי אפשר ניט געהאַט.

האָט די דאָזיגע בעטלערין אַ קאַנאַריקל, איז זי די מאַמע פון דעם דאָזיגן קאַנאַריקל. זי איז אַ גרויסע מאַמע פון אַ קליין און אָרים פויגעלע.

שטראַלט ליכטיג ארויס אַ גרויס און ברענענדיג מוטער־געפיל, וואָס האָט געזוכט אַ קינד אויף דער וועלט און האָט געפונען אַ פויגעלע.

ווערט ליבע פאַר מיליאָנען קינדער אויסגעגאָסן אויף דאָס קליינע קעפּעלע פון אַ קליין פויגעלע.

דאָס גרויסע מוטערלאַכע געפיל האָט געפונען זיין תקון, אַ פאַלשן תקון...

עס קאָן ניט און עס טאָר ניט בלאָנדזשען אויף דער וועלט אַ מוטער אָן ליבע!

בינה אבראַמאָוויטש'עס בעטלערין איז איינע פון די שאַרפּסטע און טיפסטע שאַפונגען; עפּעס שלענגעלט זיך דורך אַ דינער סאַרקאַזם אין דער מוטערלאַכער ליבע צו אַ קאַנאַריקל, עפּעס שווימט ארויס אביסל יאוש, עפּעס איז דאָ פאַראַן אַ שטילער צו־להכעיס־שפּיל מיט זיך אַליין און מיט אומגערעכטיגקייט אויף דער וועלט. עפּעס איז דאָ אַ באַהאַלטענע פאַרביסענקייט און אַ הייליגער ציניזם.

אַ מענטשלאַכע מוטער איז אַ פאַרשאָלטענע עקרה, אָבער זי וויל ניט זיין קיין עקרה — איז אַ קאַנאַריקל איר קינד, האָט זי

דאָס קאָנאַריקל ליב, נאָך שטאַרקער, נאָך הייסער ווי אַ מוטער קאָן ליבן איר קינד.

זי איז אויף צו־להכעיס אַלעמען אַ מאַמע!

און פון דער דאָזיגער געפעלשטער מוטערלאַכער ליבע, פון דער דאָזיגער אומגליקלאַכער מוטערלאַכער ליבע קאָן זי לייכט אַריבערגיין צו פאַרטיפטער, מיסטישער מוטער־ליבע.

אָט וואַקסט פאַר אייך אויס אין ה. סעקלער׳ס „יזכור" די סגי־נהור׳טע, די דאָזיגע אַלטע בלינדע פרוי מיט איר מיסטיש־געהיימ־ניספולער מוטערלאַכער ליבע. דאָס איז שוין די ריינסטע, די געליי־טערטסטע מוטער־ליבע, עס איז שוין די מוטער־ליבע, וואָס איז שוין אין גאַנצן אויסגעטאָן פון גשמיות, וואָס האָט שוין ניט קיין רמז אויף קערפּערלאַכקייט, דאָס איז שוין עפּעס רעליגיעזע מוטער־ליבע, דאָס איז שוין מוטער־ליבע מט געטלאַכע שטריכן.

און אָט איז זי די שרה בת־טובים אין פּרץ הירשביינ׳ס „שדים וויסן וואָס", אַ מאַמע וואָס פירט אַלע אָרימע אידישע טעכטער צו דער חופּה, זי דערשפּירט ערגיץ אַ שמחה בײַ אידישע קינדער, בײַ אָרימע אידישע קינדער, בײַ קינדער יתומים, בײַ קינדער פאַרוואָרפענע אין וועלדער, קומט זי זיין אַ מאַמע.

און זי איז אַ מאַמע...

שטיל, באַהאַלטן, פאַרשטעלט איז זי אַ מאַמע...

זי איז די ברכה פון אונזער סצענע, די שיינע ברכה, וואָס פאַרדעקט אַלע אירע קללות; זי בענטשט איטלאַכעס שטיק אין וועלכן זי שפּילט, מעג עס זיין אַ ליטעראַרישער ממזר, מעג עס זיין אַן אונטערגעוואָרפן טעאַטראַליש קינד, מעג עס זיין אַ שלעכט און אויסגעלאָסן סצעניש נפש׳ל, מעג עס זיין אַ ביהנען־הויקערל און אַ שונד־פאַרזעהעניש, זי בענטשט עס מיט איר פרומען מויל, זי טוליעט עס צו מוטערלאַך, זי חיה׳ט עס אָב מיט איר קינסטלערישן טאַלאַנט און זי געפינט פאַר דעם אַ תקון.

די גרויסע אידישע מאַמע, פאַר אַלעמען האָט זי אַ הייסע ברכה.

איר וואָרט איז אזוי ריין און זאַפטיג, איר שטימע איז ווייך

און גלעטענדיג, איר באוועגונג איז אזוי צניעות'דיג, איר זשעסט איז אזוי שלום'דיג.

אירע אלטע אויגן קאָנען אזוי שטראַלן מיט מוטער ליבע, איר אַלטער קערפּער קאָן אזוי בליען פון מוטער גליק.

ערגיץ אין סאראטאָוו, אין א רוסישער שטאָדט, צווישן רו־סישן פאָלק, וואו שכור'ע מענער שלאָגן זייערע פרויען די מאַמעס פון זייערע קינדער, איז זי געבוירן געוואָרן, ערגיץ אין דער פרעמד איז געקומען אויף דער וועלט אונזער מוטער בינה.

אזוי ווי עס פּאַסירט אין אלע וואונדערלאַכע מעשה'לאך.

דער גרויסער טאַלאַנט איז דאָך א נס, מען ווייס דאָך קיינ־מאָל ניט פון וואנען ער קומט און ווי אזוי ער קומט.

אָט איז זי געקומען צו אונזער טעאטער ווי א נס.

אננא אפּעל

אין אלטן גריכישן טעאטער פּלעגט דער אקטיאָר שפּילן אונטער א מאַסקע.

די מאַסקע פּלעגט זיין א טראַגישע, א קאָמישע — לויט די ראָלן.

שניידיגן, שטאַרקן, בולט'ן און איבערטריבענעם טראַגיזם פּלעגט געבן די טראַגישע מאַסקע ; ברייטן, שרייענדיגן און שטאַרק גוזמא'דיגן קאָמיזם פּלעגט געבן די קאָמישע מאַסקע.

דאָס לעבעדיגע מענטשלאַכע פּנים קאָן ניט געבן אזעלכע שאַר־פע, אזעלכע ברייט־גראָטעסקע און אזעלכע קאָנצענטרירט־סימבאָ־לישע ליניען.

עס קאָן זיך ניט צעקרימען מיט אזעלכע סקולפּטור־ממשות'־דיגע טראַגישע שטריכן, עס קאָן ניט צעפּאַסעווען זיך מיט אזעלכע ברייטע, פּעטע און נכר'דיגע ליניען.

דאָס לעבעדיגע פּנים קאָן ניט אויפרייסן דעם מויל אזוי ברייט די אויגן קאָנען ניט פאַרגליווערט ווערען אין גרויסן ברייטן טרויער, דער שטערן קאָן ניט אזוי טיף צעאַקערט ווערן מיט קנייטשן און די נאָז קאָן ניט בייטן אזוי משונה'דיג אירע נאַטירלאַכע ליניען.

היינט באַמאָלט מען דאָס לעבעדיגע פּנים.

מען צייכנט, מען מאָלט אויף אים ווי אויף אַ לייוונט.

אָבער זעלטן גיט זיך עס איין צו איבערמאָלן און צו איבער־צייכענען דאָס פּנים מיט אַזאַ סימבאָלישע קאָנצענטרירטקייט און מיט אַזאַ אומפאַרענדערלאַכער שאַרפקייט ווי די גריכישע מאַסקעס.

דאָס פּנים פון דעם אַקטיאָר רייסט זיך בסדר צו זיין נאַטיר־לאַכן צושטאַנד און די ליניען און די פאַרבן, וועלכע מען האָט אויף אים אַרויפגעלייגט, הענגען, באַמבלען זיך און שפּרינגען אָפּ פון פּנים.

זעט איר אָפט סתירות אויף דער לעבעדיגער מאַסקע, זעט איר לעבעדיג פלייש, וואָס וויל זיך ניט אונטערגעבן די אָנגעמאָלטע שטריכן פון שמינקע־שטיפט.

ניט פיל זיינען דאָ אַזעלכע גליקלאַכע אַקטיאָרישע פּנים'ער, וועלכע קאָנען זיך פאַרגליווערן, פאַרשטיינערן אין אַ שניידיגע מאַסקע.

אַננאַ אַפּעל איז איינע פון די דאָזיגע גליקלאַכע שוישפּילערינס מיט'ן וואונדערלאַכן פּנים, וואָס קאָן פאַרגליווערט ווערן אין אַ ברייטער גרימאַסע און וואָס קאָן פאַרשטיינערט ווערן אין אַ האַרטן טרויער און אין אַ סקולפּטאָרישן קאָמיזם.

זי קאָן איבערקנעטן איר פּנים, זי קאָן עס איבערפאָרמירן, זי קאָן עס צעברעכן אין קרומע, צעשויבערטע ליניען, זי קאָן עס צע־קנייטשן מיט אַן אומהיימלאַכן עלענד, זי קאָן עס אויסברייטן אין אַן אומענדלאַכן קאָמיזם.

איר מימיק איז געבענשט מיט שאַרפקייט, מיט קלאָרקייט און מיט אַ וואונדערלאַכער בולט'קייט.

זי ווייס ניט פון קיינע דראָבנע ליניען און שטריכן, זי ווייס ניט פון קיינע קורצע העויות'לאַך, זי ווייס ניט פון קיינע פּיטשינקע חנ'דלאַך, זי ווייס ניט פון קיין פאַרעווע פאַרבן, פון קיין לעבלאַכע גרימאַסן און פון קיין קורץ־אָטעמדיגע זשעסטן.

יעדע ליניע, איטלאַכער שטריך איז פעט און ברייט, יעדע גרימאַסע שטורמט, יעדע מינע בייסט מיט איר שאַרפקייט, יעדע באַוועגונג איז סקולפּטאָריש אויסגעהאַמערט.

א שפע פון רחבות, שאַרפקייט, קלאָרקייט און ממשות׳דיגקייט שטראָמט ארויס פון איר.

זי איז אפשר די איינציגע ביי אונז, וואָס פאַרמאָגט דעם ריב־טיגן חוש פאַר גראָטעסקע ליניען און שטריכן.

זי איז אפשר די איינציגע, וואָס קאָן דערפירען א שטריך און א ליניע צו גראָטעסקען אַבסורד.

און דער אַבסורד ווערט ניט אָבגעהאַקט, ער ווערט ניט צע־גויפגעקנייטשט אין א וואָדעווילסטישע אָדער בורלעסק קרומע העויה, ער איז אזוי פול־בלוטיג, ער איז אזוי אמת׳דיג, ער איז אזוי קינסטלעריש און אזוי גראַציעז, אז דער גראָטעסקער אבסורד ווערט טיף סימבאָליש.

אין פּרץ הירשביין׳ס שטיק „שדים ווייסן וואָס“, באַווייזט זיך אננא אפּעל ווי א דאָרפישע, קליינשטעטלדיגע מומע אויף דער סצענע.

זי שניידט זיך דורך ווי א טשיקאַווע באשעפעניש און ווערט נעלם. עפּעס עטלאַכע געציילטע ווערטער האָט זי, שניידן זיי זיך אויך דורך מיט גראָטעסקער גראַציע און ווערן פאַרשוואונדן, פאַרשטומט.

א פּאָר סעקונדן . . .

ניט מער.

און א שאַרף בילד, א פאַרביגער סימבאָל, א גראָטעסק מיט הונדערטער קאַפּריזן איז געבליבן לעבעדיג אויף אייביג פאַר אייערע אויגן.

נאָר מאַרק שאַגאַל קאָן ארויסלאָזן פון זיינע געבענשטע הענט אַזא פּערל פון גראָטעסק.

אין מאָסקווער אידישן הומאָר־טעאַטער איז אויף איינער פון די ווענט, וואָס זיינען באַמאָלט מיט מאַרק שאַגאַל׳ס וואונדערלאַכע קאַפּריזן, פאַראַן א מומע.

א מומע וואָס טאַנצט ברייט אויף א חתונה.

ווייס איך ניט וועמעס מומע איז שאַרפער, ווייס איך ניט וועלכע מומע איז מער אידיש־מומיש, מער מומיש־פאַרביגער און מער מומיש־סימבאָלישער: צי מאַרק שאַגאַל׳ס צי אננא אַפּעל׳ס?

די מומע אין איר קליינשטעטלדיגן יום־טוב אויף א חתונה.

זי איז די אטמאָספערע, זי איז די פארב, זי איז די באַוועגונג, זי איז דער גאַנצער שטייגער און זי איז די הויפּט פיגור אין דער קאָמפּאָזיציע פון דער אידישער חתונה־בילד.

דאָס איז איינע פון אננא אַפּעל׳ס אומבאַדייטענדסטע ראָלן.

דאָס זיינען אזוי צו זאָגן, אירע קינסטלערישע שטיפעריייען.

און אין אירע שטיפערייען איז די גראָטעסקע ליניע פרייער, היימישער און באַוועגלאַכער.

ווייל איך אמאָל זען מימיק, אבסטראַקטע מימיק, מימיק וואָס דאַרף ניט ארויסהעלפן אַן אומגליקלאַכן דראַמאַטורג און אָפּלעבן זיינע דראַמאַטישע בר׳מינג׳ס, ווייל איך זען קלאָר און דייטלאַך ווי ס׳ליגט זיך אויס אויף׳ן מענטשלאַך פנים האס, ליבע, טרויער, הומאָר, איראָניע, שטעכעדיגע סאַטירע און צענדליגער אנדערע מענטשלאַכע געפילן, קוק איך געשפּאַנט אויף אננא אפּעל׳ס גע־זיכט ווען זי שפּילט.

איז עס א באַזונדער גענוס.

איר דאַרפט די דראַמע ניט, עס זיינען אייך איבריג די ווער־טער, וואָס קריכן פון דעם סופלאָר־ביידל, עס גייט אייך ניט אָן די אינטריגע און איר פארגעסט די אנדערע בעבעכעס, וואָס רינגלען ארום דעם אַקטיאָר.

איר זעט ווי אויף דעם קליינעם שטח, וואָס הייסט פנים לעגן זיך אויס גאַנצע וועלטן.

איר זעט ווי: וואונדערלאַך דאָס מענטשלאַכע לייב איז, ווי דאָס שפּילט, ווי עס ווארפט ארויס פון זיך טויזענטער שטריכן ווי עס שפּעט מיט פארבן, ווי עס שטראַמט פון אים ליכט און שאָטן, ווי עס איז פלינק, ווי סודות׳דיג פלינק עס בייט, ענדערט זיינע פארבן, זיינע ליניען און שטריכן.

מיליאָנען פארבאַרגענע סטרונעס שפּילן אויף׳ן פנים.

אננא אַפּעל שפּילט א שטיף־מאַמע אין דער „כשוף־מאַכערן“.

וועט איר זי מיט ווערטער, מיט די רייכסטע, מיט די פאר־ביגסטע ווערטער אזוי קלאָר און בולט ניט שפּילן ווי אננא אפּעל שפּילט זי מיט איר פנים.

די שטיף־מאַמע האָט דעם באַוועגלאַכסטן מויל.

פאַלשע ליבע און אמת'ע שנאה שפּילן זיך ווי קאַץ און מויז אויף די ליפּן.

אָט גיט אַ שטראַל אויף די ליפּן כלומרשט ליבע און באַלד סם־המות'ט אי זדי ווינקלען פון מויל גיהנם'דיגע שנאה. דאָ פאַר־זעט אַ פאַלשער שמייכעלע און דאָ שפּיזלט מיט שלאַנגען גיפט. דאָ צעלייגט זיך אַ צביעות'דיגער רחמנות און דאָ פאַרטרייבט זי אַ מכשפה'דיגע אכזריות.

אין די צוויי קליינע ווינקעלאַך פון מויל און אין רגע'ס שפּילט זיך עס אָפּ.

עס שפּילט זיך אַזוי ברייט, אַזוי אָפן און אַזוי שאַרף ווי אויף דעם גרעסטן שטח און ווי אין לאַנגע, לאַנגע שעה'ן.

אַזוי פאַרשאַרפן, אַזוי פאַרגרעסערן, אַזוי פאַר'בולט'ן און אַזוי פאַרשפּיצן די מימיק קאָן נאָר חנה אַפּעל.

אַלץ ווערט אויסגעדריקט קנאַליג, ברייט און פּיקאַנט.

און דאָס וואָרט בויגט זיך פאַר איר מימיק, דאָס וואָרט מי־מירט באַ איר אויך.

מאַכט זי אַ זויערע מינע, זיינען די ווערטער באַ איר זויער, ממש זויער, מימירט זי גרימצאָרן, איראָניע, בייזקייט, צביעות, חניפה באַקומען די ווערטער מוסקולען און מאַכן דיזעלבע העוויות, דיזעלביגע גרימאַסן.

זי איז אַמאָל צופיל אַקטיאָר פאַר די איידעלע, שפּין־וועביגע דראַמעס, זי איז אַמאָל צופיל שווישפּילערין פאַר דיניקע, נוטה־למות'דיגע געדאַנקעלאַך.

אננאַ אַפּעל נעמט אויף אַלץ קודם כל מימיש.

אָבער סוף כל סוף לאָזט זיך אַלץ ניט אויסמימירן מיט'ן לייב, עס איז פאַראַן נאָך אַ מימיק, אַ מימיק פון האַרץ.

דאָס האַרץ קאָן זיך ניט אַלע מאָל אויסלייגן אינגאַנצן אויפ'ן פּנים, עפּעס בלייבט אַזוינס, וואָס איז ניט קערפּערליך, לחלוטין ניט ממשות'דיג, און דאָס דאַרף גאָר מיט אַנדערע מיטלען אַרויס־געבראַכט ווערן.

דאָ וואַקלט חנה אַביסל.

זי וויל עס גובר זיין מיט קערפערלאבער מימיק.

זי איז עס גובר.

אָבער דאָס שאַרפע אויג פון טעאַטראַל וועט באַמערקן די אָנ־שטריינגונג.

אין י. ד. בערקאָוויטש'עס דראַמע „מאַשקע חזיר" שפּילט אננא א ברייטע, יאָדערדיגע מאַטראָנע.

איז אוודאָטיא געדיכט־פאַרביג, מיט א פעסטער, זיכערער האַנט איז פון שטיין אויסגעהאַקט געוואָרן די רוסישע פאָלקס־פרוי. אויסערלאַך ברייט, געזונט, עפּעס גייט זי אויף דער וואַקלדיגער ערד מיט פעסטע, שווערע טריט.

די ערד טראָגט מיט נחת אויף זיך איר געזונט פלייש און בלוט.

אין דער דאָזיגער געזונטער פרוי גנב'עט זיך אָבער אַמאָל אריין א רעליגיעזער פּחד.

אפשר גאָר ניט קיין פּחד, פּחד איז צו ממשות'דיג, עס איז ערגעץ דאָ א קליינער ריס.

אינערלאַך, טיף אינערלאַך איז ער.

מיט דער קליגסטער מימיק וועסטו אים ניט אָנטאַפּן.

דאָס איז דינער פאַר באַוועגונג, דאָס איז אומקערפּערלאַך.

אננא אפעל שרייט עס אַרויס, דריקט עס אויס מיט'ן לייב.

אפשר זיינען טאַקע אַזוינע שיטערע איידלקייטן ניט פאַר דער סצענע. אויף דער סצענע איז דאָך אַלץ גוף.

אפשר.

די אַקטיאָרישע בריה'שקייט פון דער דאָזיגער שוישפּילערין פאַרדעקט איר פערזענלאַכקייט.

איך האָב זי, די פערזענלאַכקייט, ניט געזען אין קיין איינע פון אירע ראָלן.

און די פערזענלאַכקייט פון שוישפּילער איז דאָך דער געווירץ, וואָס גיט דעם אייגנאַרטיגן טעם, דאָס איז די פאַרב, וואָס גיט דעם גרונט־טאָן.

פאַראַן אַקטיאָרן, וועלכע זיינען גרויס בלויז מיט זייער פער־זענלאַכקייט.

אזא, למשל, איז געווען די גרויסע לעאַנאַרא דוזע.

זי האָט געשפילט זיך.

קיין אנדערער...

דאָס איז אַ וואונדער, אַ נס.

אָבער בײַ יעדן אַקטיאָר איז דאָ עפּעס אייגנס, עפּעס לייבלאַכעס, וואָס וועבט זיך אַריין אין דער פרעמדער פּערזאָן, וועלכע ער שפּילט.

בײַ אננאַ אַפּעל זעט איר בלויז דעם אַקטיאָר.

דער אַקטיאָר איז שאַרף.

ער דעקט די פּערזענלאַכקייט.

פעלט אַמאָל דאָס, וואָס מען רופט באַציאונג, פּערזענלאַכע באַציאונג צו דער וועלט און צו מענטשן.

זי שפּילט אַלץ און אַלעמען מיט דער גלייכער אַקטיאָרישער אומפּאַרטייאישקייט, מיט דער גלייכער אָביעקטיוויטעט.

פעלט אַמאָל אייגענער צער, אייגענער שמערץ, אייגענער פּראָטעסט, אייגענער צאָרן, אייגענער האַס און טיפע, וואַרימע אייגן־ליבע.

דאָס איז דער אידעאַל פון אַ אַוואונדערלאַכער מאַריאָנעט.

וועגן אַזאַ שוישפּילערין חלומ'ען פיל נייע טעאַטראַלען.

וועגן אַזאַ לעבעדיגן סצעניש אינסטרומענט חלומ'ט דער שאַרפער און קאַפּריזנער ענגלישער רעזשיסאָר און טעאַטראַל גאָרדאָן קרעג.

ער וויל בלויז אַקטיאָרישע השלמה.

אַזאַ השלמה, וואָס זאָל זיך לחלוטין ניט נויטיגן אין דער הילף פון דער פּערזענלאַכקייט.

איז דאָס, וואָס איינע וואָלטן געהאַלטן פאַר אַ קליינע פּגימה אין אננאַ אַפּעל'ס קערנדיגן טאַלאַנט, וואָלטן אַנדערע האַלטן פאַר דער גרעסטער מעלה.

לאָזן מיר עס אָפן:

זאָל יעדער אַליין באַשטימען, צי ער זאָל האַלטן מיט גאָרדאָן קרעג, צי ער זאָל האַלטן מיט די אַנדערע.

מאָלי פּיקאָן

קליין, צאַרט ווי אַ קינד איז זי, אַ פּאָר כשר'ע אויגן און אַ פרום מיילכל פאַרמאָגט זי.

און זי שפּילט אין דער שווערלײדיגער אידישער אָפּערעטע!

אין אַמעריקאַ געבוירן און אויסגעוואַקסן, רעדט זי דעם קאָליר־רייכסטן אידיש, אַלע ליבע חן'דלאַך, אַלע פאַרביגע קאַפּריזן, אַלע גראַציעזע קלאַנגען און אַלע שפּילענדיגע סודות פון דער אידישער שפּראַך זיינען דאָ אין איר אידיש.

הינטער די קוליסן פון אַ פּראָווינציעלן ענגלישן וואָדעוויל־טעאַטער האָט זיך איר אַרטיסטישע קאַריערע אָנגעהויבן און איז געקומען אויף דער אידישער בינע אַ געאיידעלטע. דער שטויב פון הינטער־קוליסן איז אויף איר ניט געפאַלן און די גראָבקייט, וויגקלדיגקייט און די שוישפּילערשע הפקרות פון וואָדעוויל האָבן זיך צו איר ניט צוגעקלעפּט.

זי איז אַרויס פון דאָרט אַ שפּילענדיג קינד.

קינדער זיינען גרויסע שפּילער.

אַ קינד איז מאָלי פּיקאָן, אָבער זי איז שוישפּילעריש אַזוי קלוג. אַ קינד אַז זי, אָבער די שוישפּילערישע בריה'שקייט אירע איז אַזוי גרויס. אַ קינד און זי פילט אויס די סצענע מיט איר קינדישן קערפּער.

ווערט די אידישע אָפּערעטע עפּעס גע'כשר'ט דורך איר, זי ווערט אַ ליבע שטיפעריי, אַ האַרציג שפּיל און אַ ריינע שמחה'לע.

דער סאַמע צווײדײטיגסטער וויץ גייט אַרויס פאַרפרומט פון איר מויל, די סאַמע דרייסטע באַוועגונג איז באַהויכט מיט צניעות, דער סאַמע טרייפער פינטל מיט'ן אויג איז צניעות'דיג און די שניידיגסטע אָפּערעטן־מאַנירן זיינען ווייך, צאַרט און באַשטראַלט מיט קינדישע גראַציע.

איר פריילאַכקייט קאָן קיינמאָל ניט זיין אויסגעלאַסן. איר טרויער האָט ניט קיין קללה און איר דראַמאַטיזם קריצט ניט מיט די ציין.

אירע געשמאַקסטע ראָלן זיינען קינדער־ראָלן. איר יענקעלע

איז א ליד פון אינגלישקייט, פון עכטער, פול־בלוטיגער אידישער אינגלישקייט. אלע קאלירן האט איר פאר זיך, אנהויבענדיג פון דער סאמע ווילדער אינגלישער שטיפעריי און ענדיגענדיג מיט דער פיינסטער ליריק. אנהויבענדיג מיט די גרעסטע שגץ'ערייען און ענדיגענדיג מיט'ן טיפסטן אומעט, וואס פלאגט און נאגט דאס אינגלישע הערצל, אנהויבענדיג פון טייוווילשער אינגלישער פלינקייט און ענדיגענדיג מיט גרויסן אומשולדיגן טרויער.

אין דער אפערעטע „מאלי דאלי" שפילט זי א „קאזאק" א מיידל. די מיידלשע קאזאקן אין אונזער אפערעטע זיינען געווינלאך האמאטנער פאר די אמת'ע קאזאקן.

זעט איר ממש ווי מאלי פיקאן נעמט אראפ דעם חלב פון דעם „קאזאק", זי באהויכט אים מיט נאאיוויטעט און באזאלבט אים מיט אומשולדיגקייט.

מאלי פיקאן געטרויט איך צו שפילן דאס מיידל־קאזאק אין דער אידישער אפערעטע. זי וועט כשר'ן די פסולות'ן, זי וועט זיין א צאצקעלע א קאזאקל, א שפילאכל און א גראציעזע שטיפעריי.

און ווען דאס קאזאקל זינגט „וואס קאן איך העלפן, אז איך האב אים ליב" הערט איר דעם רירענדן געוויין פון א קינדיש הערצל.

קיין זכר פון א קאזאק...

דאס פרעכטיגסטע אין איר רעפערטואר איז איר ראלע אין דער אפערעטע „דאס מאמעלע".

„דאס מאמעלע" (פון מ. שווארץ) איז א קאמיש־ערנסטע מעשה'לע וואס פאסירט אפט אין אונזער פאלקס־לעבן.

אין אן ארבעטער פאמיליע שטארבט די מוטער. אלע קינדער, שוין דערוואקסענע, ארבעטן, ווערט דאס אינגסטע מיידעלע, א קינד פון א יאר פופצען די בעל־הבית־טעטשקע אין שטוב.

זי ווערט די בעל־הבית'טעטשקע און דאס מאמעלע. זי לעבט זיך איין אין איר ראלע פון א מאמעלע, אז זי הויבט אן צו רעדן, צו דיינקן און צו באציען זיך צו די עלטערע שוועסטער און ברידער ווי א מאמע.

א קינד, נעמט זי אויף זיך דעם שווערן יאָך אזוי ערנסט, אזוי קלוג און אזוי אונטערטעניג, ריכטיג ווי איר גוטע און טיכטיגע פארשטאָרבענע מאמע. זי קאָפּירט, זי מאַכט נאָך איר פארשטאָרבענער מוטער.

א קינד, טראָגט זי אויף אירע פּלייצעלאך ניט בלויז די שווערע און אָרימע בעל־הבית׳ישקייט פון הויז זי טראָגט אויף זיך אלע זאָרגן פון א מוטער, זי זאָרגט זיך פאר דער אנשטענדיגקייט פון אירע „קינדערלאך“, פאר זייער צוקונפט, פאר זייער מאָראַל און זייער גוטער אויפפירונג.

הכלל — א ליבע אידישע מאמע מיט איר פרומען קרעכצעלע מיט איר גאָטספאָרכטיגן זיפצעלע, מיט איר אייביגן שרעק פאר׳ן גורל פון אירע קינדער, מיט איר שטענדיגן פחד פאר זייער געזונט און מיט דעם כסדר׳דיגן אומרו פאר זייער וואוילזיין.

און ווי די כשר׳ע אידישע מאמע דאַרף דאָס קינד־מאמעלע פאר זיך אַליין גאָרניט; אַלץ פאַר אירע עופ׳אַלאַך, אַלץ פאר אירע קינדערלאך, פאר איר אַליין איז גענוג דאָס ביסעלע נחת, וואָס זי האָפט צו האָבן פון זיי.

טאָן מיט זיי לייטישע שדוכים און ארויסלאָזן זיי אויף דער וועלט געזונטע, ערלאַבע און פארשטענדיגע.

א קינד, א פּיצל קינד איז דאָס ערנסטע פארזאָרגטע מאַמעלע.

אין אידישן פאָלקס־לעבן שטויסט מען זיך אָפט אָן אויף אַזעלכע רירענדיגע פּאַסירונגן.

יעדע קליינע שוועסטערל איז אין אָרים הויז א מאמעלע צו אירע קליינע ברידערלאך און שוועסטערלאך.

און די קליינע מאמעלע איז אן אַלטיטשקע מיט טרויער און שרעק אין אירע יונגע, קינדישע אויגעלאך, מיט קנייטשעלאך פון זאָרג אויף איר פרייש און יונג פּנים׳ל.

אזא איז דאָס מאמעלע אין דער דאָזיגער אָפּערעטע.

און אלע, דער פאָטער, די עלטערע שוועסטער, דער עלטערער ברודער און דער קליינער ברודער׳ל האָבן זיך איינגעלעבט מיט דעם, אז דאָס קינד איז די בעל־הבית׳טע און די מאמע אין הויז.

אַלע מאָנען בסדר עפּעס בא דאָס מאמעלע, אַלעמען איז זי

עפּעס שולדיג, פאַר אַלעמען דאַרף עס אַלץ טאָן און פאַר אַלעמען דאַרף עס זאָרגן, אָבער קיינער איז ניט מחויב צו טאָן עפּעס פאַר איר, פאַר דער גרויסער מאַמע...

אָ, די עגאָאיסטען, די קינדער!

די מאַמע איז די לעצטע אַלע מאָל, די לעצטע אין עסען, די לעצטע צו קויפן פאַר זיך אַ מלבוש, די לעצטע צו האָבן אַביסל פאַרגעניגן...

די מאַמע איז די לעצטע און אין אָרימקייט בלייבט דאָך פאַר דער לעצטער גאָרנישט... דאָס ביסעלע, וואָס איז פאַראַן צעכאַפּן די קינדער.

שמייכלט אונטערטעניג דאָס גוטע מאַמעלע...

וואָס דאַרף די מאַמע האָבן... אַבי די קינדערלאַך זיינען זאַט, באַשוכט און באַקליידט...

אָט אַזאַ איז דאָס קינד, אויף וועלכן עס איז געפאַלן דער גורל צו ווערען אַ מאַמעלע.

און אָט וואַקסט אויף דאָס מאַמעלע, וואַקסט אויף און זעט ווי אירע קינדער ווערען וואָס ווייטער עגאָאיסטישער, זי וואַקסט אויף און ווערט אַ פרוי...

און זי צעבונטעוועט זיך.

זי וויל מער קיין מאַמעלע ניט זיין...

מאָלי פּיקאָן איז דאָס מאַמעלע.

דאָס איז איר באַשערטע ראָלע, עס איז איר ממש באַשערט דאָס שענסטע קינסטלערישע גליק. די ראָלע איז געבוירן פאַר איר און זי פאַר דער ראָלע. זיי האָבן זיך שוין לאַנג באַדאַרפט באַגע־גענען...

אַלע חן'דלאַך פון מאָלי פּיקאָן צעבליען זיך ממש אין דער דאָזיגער ראָלע, אַלע אירע שוישפּילערישע מעגלאַכקייטן צעשפּילן זיך מיט זייער גאַנצער פּראַכט און אַלע אירע איינגעבאָרענע אייגנ־שאַפטן באַקומען אַ שטראַלענדיגן תקון דאָ.

דער ליבער, קינדערשער הומאָר צעשטראַלט זיך דאָ.

קינד און מאַמעלע — קאָן מען עפּעס בעסערס און שענערעס אויסקלערן פאַר מאַלי פּיקאָן?

מען האָט אויפגעבויט פאַר איר דאָס אייגן וועלטל אירס, און זי לעבט מיט אַלע חושים, שטיפט מיט'ן גרעסטן קינדישן ברען, לאַכט, זינגט, טאַנצט און מאַמעוועט אין דעם דאָזיגן וועלטל.

יעדער קער און ווענד איז אָנגעזאַפּט מיט געשמאַקן קאָמיזם. יעדע מינעלע און איטלאַכס וואָרט איז באַשטראַלט מיט שיינענדיגן הומאָר.

א כשר'ער הילכיגער געלעכטער שטייט כסדר אין טעאַטער.

קיין איין פּסול'ע העויה'לע און קיין איין ביליגע גרימאַסע.

דאָס קינדישע פּנים'ל הויבט אָן מאַכן די ערנסטע העויות פון א מאַמען.

די מאַמע פאַרגעסט אויף א ווײַלע אַז זי איז א מאַמע און ווערט א קינד.

די מאַמע און דאָס קינד צעשפּילן זיך צוזאַמען און דער ליבסטער פלאַנטער פון מאַמע און קינד קנוילט זיך פאַר אייך... א געמיש פון צוויי ליבע מענטשן.

עס שנירלען זיך כסדר איינע נאָך די אַנדערע פּערל פון קאָמיזם, פּערל פון גוטן מענטשלאַכן הומאָר, עס בליצן אויך כסדר חכמה'דיגע איינפאַלן:

און אָט וויל דאָס קינד־מאַמעלע זאָגן מוסר איר אַלטער שוועסטער, א פאַרזעסענע מויד, און ווי בא א מאַמע אי זאָין איר מוסר דאָ צער, טיפער עגמת־נפש און גרויסער שרעק.

אַן אַלטע מויד זיצט איר אויפ'ן קאַרק. אַן אַלטע מויד, א פּחד פאַלט אָן אויף דער מאַמען וואָס איז א קינד.

אָט זעט זי, אַז איר עלטערע, צווייטע שוועסטער, איז לייכטזיניג, זי גייט אויס ניט מיט דעם ריכטיגן באָי, פאַלט איין דאָס האַרץ בא דער קינד־מאַמע.

שרייט, בייזערט זיך די מאַמע... דאָס האַרץ ציטערט און פלאַטערט . . .

באַלד אָבער פאַרגעסט זי איר מאַמעשקייט און איר פאַרווילט זיך שפּילן ווי איר קליין ברידערל.

דאָס קינד פּרובירט שפּילן... און פאַרשעמט זיך... זי איז דאָך א מאַמע.

פלעכט זיך אריין די מאַמע אין קינד און דאָס קינד אין דער מאַמע, שפּילן זיך צוויי נשמה׳לאך.

און דאָס ווערט געמאַכט אַזוי איידל, אַזוי פיין און אַזוי בריה׳ש, אַז איר זיצט און גאַפט.

דער קאָמישער שפּיל דערגרייכט זיין העכסטן פּונקט און ער גייט איבער אין דראַמאַטיזם.

דאָס קינד־מאַמעלע וואָס וויל פאַר זיך גאָרניט און דאַרף פאַר זיך גאָרניט, ווערט האַרט און בייז אויסגעלאַכט פון דער עגאָאיס־טישער און לייכטזיניגער שוועסטער.

די אייביגע אַנטוישונג פון מאַמעס, אפילו פון אמת׳ע מאַמעס.

ווערט מיט אַמאָל דאָס קינד־מאַמעלע אויס קינד און אויס מאַמע, עס ווערט א מענטש, עס ווערט א פרוי, עס הויבט אָן וועלן עפּעס פאַר זיך, עס ווערט אויך עגאָאיסטיש...

דער דאָזיגער איבערברוך איז דער פיינסטער דראַמאַטישער מאָמענט אין דער אָפּערעטע.

און מיט גאָר ראַפינירטן שוישפּילערישן טאַקט פירט אים דורך מאָלי פּיקאָן.

ווייך, עלאַסטיש פיקט זיך ארויס דער דראַמאַטישער מאָמענט, קיין איין איינציגער פאַלשער און רייסענדער טאָן, קיין בראָך און ריס, נאָר איבערברוך איבעררים.

דאָ באַווייזט זיך מאָלי פּיקאָן אויך ווי א זייער געניטע דראַ־מאַטישע שוישפּילערן.

מאָלי פּיקאָן איז די שענסטע מתנה פאַר דער אידישער אָפּע־רעטע. און ווי אַלע שיינע מתנות איז זי געקומען אומדערוואַרטעט ווי אַן איבערראַשונג.

אַזוי קומען מתנות.

ניט מיט אירע זאַפטען האָט די אידישע אָפּערעטע זי אויס־געהאָדעוועט, ניט מיט איר גייסטיגן שפּייז האָט זי זי גענערט.

א וואונדער־קינד.

אַלע אונזערע קינסטלער זיינען כמעט וואונדער־קינדער; אין

אַרימע, פֿינסטערע און קינסטלעריש־אביונישע הייזלאַך בליצט אויף פּלוצלונג אַ טאַלאַנט ווי אַ וואונדער.

אין אונזער אביון׳ישער אָפּערעטע האָט אויפֿגעבליצט אַ דימענטל.

מאָלי פּיקאָן!

מאָריס שוואַרץ

ער וואָלט געווען אַ גרעסערער אַקטיאָר, ווען ער וואָלט קיין דירעקטאָר ניט געווען. ער וואָלט אפשר געווען אַ בעסערער די־רעקטאָר, ווען ער וואָלט קיין אַקטיאָר ניט געווען און וואָלט מסתמא געווען אַ בעסערער רעזשיסאָר, ווען ער וואָלט אי קיין אַקטיאָר אי קיין דירעקטאָר ניט געווען.

אַזאַ דרייאיינעקייט איז אַ גרויסע זעלטנקייט.

די דאָזיגע דריי טאַלאַנטן קאָנען זיך זעלטן איינלעבן אין איין מענטשן הארמאָניש.

„דריי זעלן אין איין ברוסט“.

איז דאָרט אַ שרעקלאַכע ענגשאַפט, אַ שטויסעניש, אַ שטור־פעניש.

קיין איין „זעלע“ האָט ניט די נויטיגע רחבת, דעם נויטיגן שוואונג און די נויטיגע פרייהייט.

מיר ווייסן בלויז פון איין מענטשן אין אונזער צייט, בא וועלכן די דריי פאַרשידענע טאַלאַנטן זיינען צונויפגעגאָסן אין דער שענ־סטער און הארמאָנישסטער דריי־איינעקייט.

און דאָס איז סטאַניסלאַווסקי.

ער איז דער ריכטיגער אַקטיאָר פון זיין טעאַטער, ער איז דער מזל׳דיגער רעזשיסאָר פון זיין טעאַטער און ער איז דער פיינער, קלוגער און ראַפינירטער דירעקטאָר פון זיין טעאַטער.

און עס איז קיין שום סתירה ניטאָ צווישן זיי, עס איז קיין פגימות אויף קיין איינעם פון זיי ניטאָ, עס איז דאָרט אַ געבענטש־טע הארמאָניע.

דער דירעקטאָר איז אַזוי פיין און אַזוי ציכטיג ווי דער אַקטיאָר.

און דער רעזשיסאָר איז פלייש און בלוט פון דעם אַקטיאָר און פון דעם דירעקטאָר.

א הימלישער שלום בית.

מען שטייט געהאלזט און מען קוקט איינע די אנדערע אין די אויגן ווי פארליבטע.

עס שטייט איבער זיי אלעמען א גרויסע און קערנדיגע פערזענ־לאכקייט און פאראייניגט זיי און בענשט זיי מיט הארמאנישער אחדות.

איז דער טעאטער זיינער, זיינער אין א העכערן זין, ניט אין דעם האמעטנעם און גראבן אייגענטום־זין.

איז דער טעאטער א גאנצער, עפעס מעור אחד.

שוועבט די זעלבע קדושה, וואס איבער דער סצענע, אויך איבער דער קאסע.

הויכט שטאלץ און ציכטיגקייט אין אלע ווינקלען, איז דא עלית נשמה אומעטום.

דער אשער בא דער טיר שטייט מיט דער ווירדע פון קאטשא־לאוו'ן אויף דער סצענע...

מארים שווארץ וויל אויך זיין אזא איינער.

איז ער אבער צעדריטלט.

זעט איר אמאל דעם דירעקטאר אויף דער סצענע, דעם אק־טיאר בא דער קאסע און דעם רעזשיסאר, דעם קינסטלער, וואס איז א רואה ואינו נראה, זעט איר אין דער פובליסיטי...

און דאך מוזט איר אים נעמען ווי א דריי־איינציגקייט.

איר האט קיין אנדער ברירה ניט.

ער האט מיט דערדאזיגער דריי־איינציגקייט געשאפן דעם בע־סטן אידישן טעאטער, דעם „קונסט טעאטער“.

דער אקטיאר מארים שווארץ אליין וואלט עס ניט געשאפען, דער דירעקטאר מארים שווארץ אליין וואלט עס געוויס ניט גע־שאפן און דער רעזשיסאר מארים שווארץ אליין אודאי און אודאי ניט.

אלע צוזאמען האבן זיי עס געשאפן.

אלע צוזאמען מיט זייערע בולט'ע סתירות, מיט זייערע פגימות און מיט זייערע רייסנדיגע ווידערשפרוכן האבן באשאפן איין גאנצע זאך.

א גאַנצע זאַך — מיט פּגימות און מיט סתירות.

די שטורמישע ענערגיע פון אַן אַמעריקאַנישן דירעקטאָר, די ברענענדיגע אַמביציע פון אַן אַקטיאָר און די קינסטלערישע נייגירינקייט פון אַ רעזשיסאָר, זיי אַלע האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף איין פּונקט.

און עס איז געשאַפן געוואָרן דאָס קונסט טעאַטער.

שטייען מיר פאַר אַ רעטעניש, פאַר אַ וואונדער, וואָס הייסט פּאָלקס־מענטש.

אַ שטאַרקער, אַ קערנדיגער פּאָלקס־מענטש.

זיין גרעסטע מעלה איז אפשר, וואָס ער איז ניט קיין צעפּיעס־טשעטער אינטעליגענט, וואָס ער איז ניט קיין צעקראַכענער, נאָגנדיגער פיינשמעקער, וואָס ער איז ניט קיין זיידענער יונגערמאַנטשיק, וועלכער גייט אַרום אין לעבן און היט זיך כסדר, אַז קיין שטויבעלע זאָל אויף אים חלילה ניט פאַלן.

די אינטעליגענטן אונזערע האָבן שוין אַ פּאָר צענדליג מאָל פּרובירט צו בויען קונסט טעמפּלען און נאָר ווי זיי זיינען געקומען אין באַרירונג מיט דער קאַסע, מיט די אַלע טריפה און האַרטע חשבונות פון לעבן און מיט וואָכעדיגע פראַגן האָבן זיי זיך דערשראָקן אויף טויט . . .

דער געזונטער פּאָלקס־מענטש שטויסט זיך מיט זיינע געזונטע עלנבויגנס אין לעבן, ער שטייט ניט און וואַרט, אַז אימיצער זאָל קומען און באַשיטן פאַר אים דעם שווערן לעבנס־וועג מיט בלומען. מיט זיינע שווערע און פעסטע טריט טרעט ער אויס דעם וועג.

און איידעלע ספקות, שיטערער פּעסימיזם און דראַבנער יאוש קריכן ניט, פויזען ניט נאָך אים און פּענטען ניט זיינע פיס.

דער פּאָלקס־מענטש איז געקומען אויף דער וועלט מיט אַ פּאָר גרויסע שטיוול צו קריכן אין דער גרויסער בלאָטע פון לעבן.

אפילו צו גאָט גייט ער מיט זיינע גרויסע שטיוול און ער קומט צו אים, זיכערער און גיכער ווי די פאַרצערטלטע אינטעליגענטן אין זייערע זיידענע שיכלאַך...

פּאָלקס־מענטשן האָבן געשלעפּט ליים און ציגל פאַר׳ן אויפבוי פונ׳ם אידישן טעאַטער און פּאָלקס־מענטשן וועלן אים זיין עליה און זיין תקון געבן.

מאָרים שוואַרץ איז דאָס אייניקל פון די דאָזיגע וואונדער־לאַכע פאָלקס־מענטשן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן בויען דעם אי־דישן טעאַטער.

און צו וואָס דער אינטעליגענט, דער למדן, דער מופלג איז דערגאַנגען דורך באַנק קוועטשעניש איבער ספרים, דערגייט אַמאָל דער פאָלקס־מענטש דורך געזונטע אינטואיציע, דורך זיין געזונטן חוש און דורך זיינע עכטע איבערלעבונגען.

מאָרים שוואַרץ, דער פאָלקס־מענטש, דער פאָלקס־מענטש מיט זיינע גרויסע חסרונות און מיט זיינע גרויסע מעלות, האָט געשאַפן דעם בעסטן אידישן טעאַטער און ניט דער אידישער אינטעליגענט, בא וועלכן עס ליגט אייביג אויפ'ן פנים א זויערע מרה שחורה.

און מיר מוזן אָננעמען פאַר גוט די גרויסע חסרונות פון דעם פאָלקס־מענטש צוליב זיינע גרויסע מעלות.

מוזן מיר געדולדיג זען אין קונסט טעאַטער פייער מיט געדיכטן רויך.

דאַרפן מיר ניט איבערראַשט ווערן ווען אין די בשמים פאַלט אריין א טראָפּן דזשעגאַכץ.

פעלט דעם קונסט טעאַטער אויסערלאַכע עלעגאַנץ, פאַרמאָגט ער ניט קיין קינסטלערישע ראַפינירטקייט, הערט מען אים נאָך סאָפּעדיג און שטעלנדיג שווער די טריט באַם שאַפן...

רייסט ער זיך צום הימל מיט דעם שטויב פון דער ערד אויף זיינע פיס.

וואָרים דאָס איז מאָרים שוואַרץ און אַזוי איז זיין טעאַטער.

דער טעאַטער האָט זיין פרצוף.

און דאָ ווייזט זיך אַרויס כאַראַקטער פעסטקייט.

ער וועט ניט ערלויבן, אז זיין טעאַטער זאָל זיין פיל גרעסער, אָדער אַביסל קלענער פאַר אים.

אין זיין געשטאַלט האָט ער אים געשאַפן.

ניטאָ קיין שטריינגע אויסגעהאַלטענע שטה. ניטאָ קיין קלאָרע, דורכגעדאַכטע קונסט פרינציפּן, ניטאָ קיין טיפע ביינקעניש און ניטאָ קיין שטאַרקע פליגלען אויף וועלכע ער זאָל זיך אויפהויבן אין דעם נעפּל פון אַבסטראַקציע.

אזא שוישפּילער איז מאָרים שווארץ.

ער איז פּרעכטיג, ער איז פּאַרביג, ער איז שניידיג, ער איז שאַרף, ער איז וויציג, ווען ער פילט די פעסטע ערד אונטער זיינע פיס.

ער איז דער קינסטלער, וועלכער מוז האָבן אַ מאָדעל פאַר זיך.

האָט ער דעם מאָדעל, האָט ער שוין די ריכטונג, האָט ער שוין די ליניע און האָט שוין די בעסטע פאַרבן.

זיינע קינסטלערישע אויגן מוזן האָבן עפעס צום אָנטאַפּן, זיי מוזן האָבן אַ וועלכע עס איז אחיזה.

האָבן זיי עס, דאַן נעגלען זיי זיך אריין אין דעם ממשות׳דיגן, זויגן אַרויס פון אים אַלע זאַפטן, זיינע באַהאַלטענע חן׳דלאַך און אַלע פאַרדעקטע העוויות.

און גאַנץ השלמה׳דיג, און אויסגעהאַלטן ביז דער קלענסטער מימישער איינצלהייט איז ער.

אויף דעם וואַקלדיגן באָדן פון אַבסטראַקציע, וואו דער גע־דאַנק פאַרקליידט זיך אין אַ מענטשלאַכער געשטאַלט, אָדער ווען דער מענטש שיילט זיך אַרויס פון זיין שטייגער, פון זיינע אויסער־לאַכע סמנים און פון זיין אויסערלאַכן, קערפּערלאַכן אינדיווידואַ־ליזם און וויל ווערן בלויז אַ באַגריף, בלויז דער אויסדרוק פון אַן אידייע, דאָ בלאָנדזשעט ער, דאָ וואַקלט ער זיך, דאָ איז ער אומ־באַהאָלפן.

זיין נוליוס אין „אַנאַטעמאַ“ און זיין שאַפּיראָ אין „שווער צו זיין אַ איד“, זיין וואָלף אין „שדים ווייסן וואָס“ און זיין אידל אין דימאָוו׳ס „ברויט“ זיינען די פינגער, וואָס ווייזן ממש אָן וואו עס ליגט זיין שטאַרקייט.

נוליוס איז אַ אידייע, וואָס איז פאַרקליידט אין אַ מענטשן, שאַפּיראָ איז אַ מענטש מיט פליישיגן, אויסערלאַכן אינדיווידואַ־ליזם.

איז נוליוס אַ בלאַסער שאָטן און שאַפּיראָ איז אַ מענטש מיט בלוט און פלייש.

איז וואָלף אַ מטושטש׳דיגע באַשעפעניש און דער אידל אין דימאָוו׳ס „ברויט“ איז מייסטעריש געצייכנט און געמאָלן.

און אַזוי איז דער רעזשיסאָר שווארץ.

האָט ער אַ מאָדעל, האָט ער אָנגעטאָפּט דעם דופק פון ריזלענ־דיגן בלוט, באַוועגט זיך אַלץ מיט אַ זיכערהייט און מיט האַרמאָניע.
דעם דופק פון אַ אידייע קאָן ער ניט אָנטאַפּן און ער קאָן דאַריבער ניט געבן אַ אידייע פּלאַסטישע באַוועגונגען, ער קאָן זי ניט פעסט צייכענען, ער קאָן זי ניט קלאָר מאָלן.
זי האָט ניט קיין פאַרטיג פלייש אין וועלכן ער זאָל זיך קאָנען אַריינגעגלען.
פאַרקערט, — עס דאַרף ערשט אויף דעם שאָטנדיגן סקעלעט אַרויפגעצויגן ווערן פלייש.

מערקווירדיגע פשטות איז דאָ אין זיין שפּילן.
אמאָל צופיל פשטות.
אמאָל דאַכט זיך אייך, אַז ער איז גאָרניט מחדש, ער איז אַ פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט, וואָס נעמט אויף אַלץ מיט דער טויטער אָביעקטיוויטעט.
אמאָל דאַכט זיך אייך, אַז ער האָט ניט קיין באַציאונג צו דעם מענטשן, וועלכן ער „טיפּט“.
אָבער באַלד דערשפּירט איר אַ שאַרפן קוק פון אַ הומאָריסטיש־שאַרף אויג.
אויף דער פאָטאָגראַפיע צעגיסט און צעשטראַלט זיך אַ מחיה׳־דיגער, שטילער הומאָריסטישער חן, עס צעבליט זיך לויטערער קאָמיזם.
און דאָס חן־פינטעלע איז ניט שרייענדיג, ניט רייסנדיג, עפּעס קלוג פאַרהוילט איז דאָס, עפּעס ווי אַ מזוזה׳לע איז זי דאָס, וואָס קוקט אַרוים פון איר בלעכענעם שיידל מיט איר הייליגן שד״י.
דאָס איז מאָרים שוואַרץ׳ס שוישפּילערישער טאַלאַנט.
דאָס שפּילן און דאָס צערטלען זיך פון דעמדראָזיגן חן־פינטעלע זעט איר מיט אַנטציקונג אי ןדעם אידן, וואָס הייסט בערלינער, אין ב. גאָרינ׳ס „אין יעדן הויז“ און אין צענדליגער אַנדערע ראָלן.
מיט אַזאַ ליב־שטראַלנדן הומאָר ווערן באַרייפלט די מענטשן זיינע, זעט איר, פילט איר דעם מייסטער.
און דאָס זעלביגע חן־פינטעלע איז אַריבער אויף זיין טעאַטער.

אין פיל אויפפירונגען זעט איר עס:

עס גייט א פאַרשטעלונג מיט דעם געוויינלאַכן שאַבלאָן און מיט אַמאָל בליצט עפּעס אויף אַזוי שיין און אַזוי ריין... יעדע אויפ־פירונג האָט ערגעץ אַ חן־פינטעלע.

מאָריס שוואַרץ איז בײַ אונז אַ זוכער אין דער טעאַטער־קונסט.

ער ברענט אָבער פון קינסטלערישער נייגעריגקייט.

ער האָט אַ גרויסע תשוקה צו נייעס.

דאָס איז אפשר ניט קיין קינסטלערישע אומרואיגקייט, עס איז אפשר ניט קיין קינסטלערישע בענקעניש נאָך נייע פאָרמען, עס איז לחלוטין ניט קיין שווערע ענטווישונג אין די אַלטע פאָרמען און ס'איז לחלוטין ניט קיין אויפשטאַנד געגן דעם אָפּגעלעבטן.

עס איז נייגעריגקייט, געזונטע נייגעריגקייט מיט אירע גרויסע נאַאיווע אויגן.

און דידאָזיגע נייגעריגקייט טרייבט אים צו עקספּערימענטן, צו נייע וועגן און צו נייע שטרעמונגען.

די נייגעריגקייט וואָלט געקאָנט אויסוואַקסן צו ערנסטע זוכעניש.

די נייגעריגקייט פון קינסטלער מאָריס שוואַרץ ווערט אָבער אָפּגעגאָסן אַמאָל מיט קאַלט וואַסער פון דעם דירעקטאָר מאָריס שוואַרץ...

דער דירעקטאָר מאָריס שוואַרץ איז ניט אַלע מאָל צופרידן מיט'ן שוישפּילער מאָריס שוואַרץ און דער רעזשיסאָר מאָריס שוואַרץ איז מסתמא זייער זעלטן מיטביידן צופרידן.

דריי זעעלן אין איין ברוסט...

דריי זעעלן אין איין קונסט טעאַטער.

באַוואונדער איך דעמדאָזיגן קינסטלער און מענטשן.

איך באַוואונדער ווי ער האַלט זיך פעסט אויף דער משקולת־דיגער הוידע און פאַרלירט ניט דעם גלייכגעוויכט.

דער אַקטיאָר האָט ניט אויפגעגעסן דעם דירעקטאָר, דער די־רעקטאָר האָט ניט אויפגעגעסן דעם אַקטיאָר — און דער רעזשיסאָר האָט זיי ביידן ניט אויפגעגעסן.

יעדער פון זיי האָט דאָך באַזונדערע אַמביציעס.

און אַמביציעס זיינען מכשפות, וואָס קריצן מיט די ציין.

און דאָך איז פאַראַן אַ שטיקל שלום צווישן זיי, אַ שטיקל וואָפנשטילשטאַנד איז אַלע מאָל דאָ, ווען עס איז זייער נויטיג.

און דורך דעם דאָזיגן שלום איז אויסגעוואַקסן דער שענסטער און קולטורעלסטער טעאַטער בײַ אידן.

פאַרגעס איך אַמאָל, אַז מאָרים שוואַרץ איז אַ דריילינג און זע אים בלויז אַלס שוישפּילער אין צענדליגער ראָלן, וואַקסט מיין באַוואונדערונג פאַר אים.

ער איז דער קאָלירנרייכסטער שוישפּילער בײַ אונז, ער פאַר־מאָגט אַזאַ רייכע טעכניק, וואָס כמעט קיין אַקטיאָר פאַרמאָגט ניט, ער איז אַזוי דין, אַזוי פיין אין שילדערונג, ער איז אַזוי ציכטיג און אַזוי לויטער אין זיין באַנעמען מענטשן, ער איז דער מכשף אין פאַר־וואַנדלונג און דער בריה׳שסטער מאַסקן־שאַפער.

און אַ באַזונדער חן, עפּעס אַ שטילן, אַ האַרציגן און אַ פּערל־דיג־שימערירנדיגן חן גיסט ער אויס אויף אַלע זיינע מענטשן.

מאָרים שוואַרץ׳ס סצענישע געשטאַלטן מוזט איר ליב באַקו־מען; זיי גנב׳ענען זיך אריין צו אייך אין האַרצן און באַקן זיך דאָרט איין, זיי שאַרן זיך עפּעס צו צו אייך מיט סאַמעטענע באַ־וועגונגען און ווערן מיט אייך אַזוי היימיש.

ער איז דער מייסטער צו פאַר׳בולט׳ן שטריכן פון אַ מענטש־לאַכן כאַראַקטער אַזוי, אַז איר קאָנט זיי ניט אָנטאַפּן. פונדעסט־וועגן האָט עפּעס די בולט׳קייט נאָך אַ שלייערל, וואָס באַהאַלט עפּעס און דאָס באַהאַלטענע איז אַזוי רייצנדיג סודות׳דיג, אַזוי שפּילעווודיג רמז׳דיג...

דאָס איז די וואונדערלאַבע ברכה פון יעדן גרויסן קינסטלער; ער באַווייזט ניט דעם גאַנצן פּנים, ער דערזאָגט עפּעס ניט און אין דעם ניט־דערזאָגטן ליגט מער ווי אין דעם אַרויסגעזאָגטן.

אָבער דאָס ניט־דערזאָגטע אין מאָרים שוואַרץ׳ס שילדערונג איז ניט קיין טעכנישער טריק, בשום אופן ניט; עס איז די פולקייט, די שפע פון קינסטלערישער זעאונג וואָס מוז זיך אַליין אַמאָל באַגרעניצן.

אַ גרויסער שוישפּילער.

און ווער ווייסט ווי גרויס ער וואָלט נאָך געקאָנט זיין, ווען מען וואָלט פון אים די גרויסע און שווערע טאָג־טעגלאַכע זאָרגן פון א פּראַקטישן טעאַטער־בויער אָראָפּגענומען.

בא אונז צערטלט מען אָבער ניט קיין גרויסע קינסטלער; אַלע שווערע פּעקלאַך וואַרפט מען ארויף אויף זייערע פּלייצעס...

יעקב בן עמי

ער איז דער איינציגער טראַגיקער אויף דער אידישער ביהנע.

טראַגיזם איז בעצם פרעמד דעם אידן; אָבער ווייל דער איד האָט געהאַט טויזענטער יאָרן צו קעמפן מיט אַנדערע, מיט אויסער־לאַכע שונאים, האָט ער קיין קאַמף מיט זיך אַליין ניט געקאָנט פירן.

דאָס אידישע טעאַטער פאַרמאָגט ניט קיין שוישפּילער־טראַגיקער.

בן עמי איז דער איינציגער שוישפּילער טראַגיקער בא אונז.

ער האָט געדאַרפט שפּילן האמלעט, דעם אומגלויבלאַכן טראַגישן פּרינץ.

ער וואָלט געווען דער רירענדיגסטער, דער פיינסטער און דער אומגליקלאַכסטער האמלעט.

ער וואָלט געווען אזוי שיין, אזוי צאַרט, אזוי ליריש און אזוי אומבאַהאָלפן.

יעקב בן עמי האָט געזוכט א האמלעט ראָלע און ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף איר. עס איז די ראָלע פון דעם דיכטער פעטער אין שמשון און דלילה.

און דאָ איז ער האמלעט, דער טרויעריגער האמלעט.

אין דעם דאָזיגן שטיק האָט יעקב בן עמי זיין קרוין ראָלע.

ער האָט געהאַט דאָס גליק צו אָנשטויסן זיך אויף זיין ראָלע און אַנטפּלעקן זיך פאַר דער וועלט.

דאָס איז א גליקלאַכער צופאַל.

וואָרים זעלטן דערשלאָגט זיך אַן אַקטיאָר צו זיין ראָלע.

ער קאָן זיין גאַנצן לעבן שפּילן פרעמדע ראָלן, ער קאָן זיי

גוט שפּילן, פּיין שפּילן און ערלאַך שפּילן, אָבער די ראָלע, וואָס איז זיינע, די ראָלע, וואָס רירט אָן אַלע סטרונעס פון זיין געמיטה, די ראָלע וואָס איז צוגעפּאַסט צו זיין פּערזענלאַכקייט, די ראָלע וואָס ברענגט אין באַוועגונג אַלע שרייפלאַך און רעדלאַך פון זיין מענטשלאַכן מעכאַניזם קומט אים ניט אויס צו שפּילן.

דער אַקטיאָר גייט אַרום אַן אומצופרידענער און אַ בייַנקענדיגער נאָך זיין ראָלע.

אַמאָל קאָן ער זי אַליין ניט געפינען און אַמאָל לאָזט מען אים זי ניט געפינען.

און האָט איינער זיין מזל,דיגן מאָמענט און זיין ראָלע קומט און באַהעפט זיך מיט אים, איז ער דער גליקלאַכסטער.

אַזאַ גליק האָט געטראָפן אונזער יעקב בן עמי.

די ראָלע פון דעם דיכטער פעטער איז זיין ראָלע.

עס האָט געבלאָנדזשעט אין דער טעאַטער ליטעראַטור אַ נשמה פון אַן אומגליקלאַכן דיכטער און האָט געזוכט אַ תקון, געזוכט איינעם, וואָס זאָל זי דערשפּירן מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים ווי אַן אייגענע.

און אַ מינסקער יונגערמאַן האָט זי דערשפּירט...

יעקב בן עמי׳ס פעטער איז מער ווי געשפּילט.

עס איז מער ווי דורכגעלעבט.

עס איז שוין אויף יענער זייט פון שפּילן און איבערלעבן.

עס איז שוין טיפע אינטואיציע, עס איז שוין טראַנס, עס איז שוין אויפלייזונג פון דער אייגענער פּערזענלאַכקייט אין אַן אַנדערער.

דאָ שטייען מיר אין טעאַטער פּנים אל פּנים מיט מיסטיק.

איז פאַר מיר גאָר קיין חידוש ניט, וואָס בן עמי איז דורך דער דאָזיגער ראָלע אַזוי נתעלה געוואָרן, און עס איז פאַר מיר ווייטער קיין חידוש ניט פאַרוואָס מען איז אַביסל אַנטוישט געוואָרן זעענדיג אים אין אַנדערע ראָלן.

קיין אַקטיאָר, דער גרעסטער און בעסטער, קאָן ניט זיין אַזוי גרויס אין אַלע ראָלן ווי בן עמי אין זיין ראָלע פון דעם דיכטער פעטער, און בן עמי קאָן דאָס אויך ניט.

דער דיכטער פּעטער איז די אייביגע לעגענדע פון דעם אומ־גליקלאַכן שמשון הגבור.

שטאַרק איז שמשון, מעכטיג איז שמשון און קיינער ווייסט ניט דעם סוד פון זיין גבורה.

נאָרט באַ אים אויס אַ פרוי זיין גרויסן סוד און גיט אים איבער די פּלישתים, און פּלישתים האָבן ליב צוהלומען זיך איבער'ן גבור, פּלישתים שטעכן אויס זיינע אויגן און שטעלן אים אוועק אַ בלינדן באַ זשאַרנעס.

אויסגעלאַכט ווערט דער גרויסער סוד, דער גבור שטייט געשמידט אין קייטן... פּלישתים קומען זיך צוזאַמען חוזק'ן איבער פאַרשוואַכטע גבורה.

פּלישתים האָבן פיינט שמשון'ס. דלילה'ס נאַרן אויס באַ די שמשון'ס דעם סוד פון זייער גבורה און פאַרקויפן עס צו די פּלישתים פאַר גראָשענס...

אַן אייביגע שוידערלאַכע לעגענדע: זי חזרט זיך תּאיבער כסדר שוין טויזענטער יאָרן.

די שנאה און האַס צום שמשון וואַקסט, וואַקסט, אָבער די גבורה פון שמשון ווערט אַלץ קלענער; דער אַמאָליגער שמשון האָט כאָטש געקאָנט מיט זיין טויט אויך אומברענגען אַ גאַנצע מחנה צינישע פּלישתים, דער היינטיגער שמשון שטייט מיט אַ רעוואָל־ווער קעגן זיינע שונאים און קאָן זיי קיין שלעכטס ניט טאָן, ער קאָן זיי ניט אומברענגען, און ער דערשיסט זיך אַליין.

די פּלישתים זיינען געבליבן די זעלביגע, דלילה איז אויך גע־בליבן די זעלביגע, נאָר שמשון איז צו זיין אומגליק שענער גע־וואָרן...

שמשון ווערט כסדר שענער און אומגליקלאַכער...

פּלאָנטערט זיך אויף דער וועלט אַ דיכטער און קיינער פאַר־שטייט אים ניט און וייל מען פאַרשטייט אים ניט האָט מען אים פיינט; מען פאַרשטייט אים ניט, אָבער מען פילט בלינד, אַז ער איז שטאַרקער, העכער און בעסער, האָט מען אים נאָך מער פיינט.

בן עמי'ס מאָדערנער שמשון איז די גרויסע טראַגישע פיגור פון אונזער צייט, ער איז שמשון אין דעם 20טען יאָר־הונדערט.

זיין שטאַרקייט איז זיין גרעסטעס אומגליק, זיין קלוגשאַפט

מאַכט אים פאַר'ן גרעסטן שלים־מזל, זיין פיינקייט מאַכט אים פאַר'ן גרעסטן לאָ יוצלח און זיין ערלאַכקייט מאַכט אים פאַר אַ טויגעניכטס.

און וואונדערלאַך קנעט אויס בן עמי דעם מאָדערנעם שמשון.

אָט איז ער שטאַרק. — דלילה און די פלישתים אירע דערשרעקן זיך, און אָט ליגט ער אַ צעבראָכענער און אומבאַהאָלפענער צו די פיס פון דער טעמפּער דלילה, אָט איז ער קלוג, אָט איז ער שאַרף זעענדיג: דלילה און אירע פלישתים ווערן צעקנייטשט און צעמורשט אונטער זיינע שאַרפע בליקן, און אָט איז ער בלינד און ער שטייט אַ בלינדער באַ די זשאַרנעס, אָט איז ער שטורמיש און גיפטיגע פיילן זעצן זיך אריין אין די פלישתים און דאָ איז ער שוואַך ווי אַ לעמעלע און לאָזט זיך בינדן.

אַ תהום פון פאַרבן בלענדן אייך די אויגן, אַ שטורם פון ברענענדיגע ליידנשאַפטן שמייסט אייך, שטילער אומעט און זיסע פאַרצווייפלונג גלעטן אייך, אויפברויז און מידקייט מינען זיך פאַר אייך, מענטשלאַכע לויטערקייט און משוגעת צערודערן אייך.

אַלע מענטשלאַכע חושים זיינען אין באַוועגונג, די גאַנצע רייכקייט און אוצרות פון מענטשלאַכע געפילן אַנטפּלעקט בן עמי פאַר אייך.

נאָר איין ראָלע קאָן אַן ארטיסט אזוי שפּילן, בלויז דאָס ליד פון זיין „איך" קאָן אַן אקטיאָר אזוי אויסזינגען.

אין אַלע זיינע ראָלן איז ער טראַגיקער.

ער איז דער מאָדערנער אידישער אינטעליגענט, וואָס זיין גבורה ליגט אין טיפן פילן און זיין שוואַכקייט אין מעשים. מיט אַ פיינעם ציטער איז דורכגעדרונגען זיין פילן און מיט אָפהענטיקייט זיינע טאַטן. מיט אַ לויטערער טרער איז באַנעצט זיין וואָרט און ווייך בייגיג איז זיין ווילן.

אַ זיידענער איז ער ווען אפילו ער שפּילט דעם מגושם'דיגן מענטשן. צאַרט, ווייך איז ער ווען ער שפּילט אפילו דעם גראָבהויטיגן. אומעטיגע אויגן און אַ פיינעם גראַציעזן שטערן האָבן אַלע מענטשן, וועלכע ער שפּילט.

ביים אָנהויב פון זיין שוישפּילערישע קאַריערע האָב איך אים

געזען אין שלום עליכם׳ס מענטשן, ער שפּילט דאָרט אַ אידן, וואָס לעבט צווישן קיך און שטוב, באַ די קיך־מענטשן איז ער אַ הערשער און באַ די שטוב־מענטשן אַ דינער, און דאָ אין דער דאָזיגער ערשטער ראָלע איז ער שוין אַ האַמלעט.

עס איז געווען די ערשטע ראָלע אויף דער אידישער בינע, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן טראַגיש. דער „עקאָנאָם" איז ניט קיין פאַרדאָרבענער און דורכגעטריבענער איד, וואָס קאָן לעבן צווישן צוויי וועלטן; ער איז דער מענטש, וואָס ווערט געפּלאָגט און געפּייניגט פון זיין צוויי־פּנים׳דיגקייט. עס איז דאָ אַ טיפער ריס אין זיין נשמה, עס איז דאָ אַן אייביגער פּיין אין זיין הארצן — הכלל ער איז טראַגיש.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווען טראַגיזם האָט זיך באַוויזן אויף דער אידישער בינע.

און יעקב בן עמי איז ניט קיין צופאַל אויף דער אידישער בינע; מיט אים האָט זיך באַוויזן דער אידישער מענטש פון אַ קולטורעל־העכערן פאָלקס־שיכט אויף דער בינע. עס איז געקומען דער פאָרשטייער פון דעם אידישן מיטל־קלאַס צום אידישן טעאַטער. מיט פּרץ הירשביין בראש האָט זיך אריינגעריסן אין דעם אידישן טעאַטער אַ גאַנצע גרופּע פון דער מיטעלער אידישער אינטעליגענץ. צום ערשטן מאָל איז דער דראַמאַטורג ארויס מיט שוישפּילער זיין גלייכן, זיין חבר, זיין נאָענטן און זיין אייגענעם. צום ערשטן מאָל איז אַ קליינע גרופּע פון אידישע אינטעליגענץ געקומען מיט איר וואָרט אין טעאַטער.

דער אידיש־רוסישער אינטעליגענט מיט 20 יאָר צוריק האָט נאָך געלעבט אין אַ אידישער סביבה און די רוסישע קולטור, דאָס רוסישע טעאַטער און די רוסישע ליטעראַטור, האָבן אים ניט אַסימילירט, זיי האָבן בלויז פאַרטיפט און פאַרברייטערט זיין איד־דיש דענקן און פילן, זיי האָבן בלויז מאָדערניזירט דאָס אידישע, אָבער ניט דערשטיקט, ניט פאַרפלאַטשיגט און ניט פאַר׳עם־האַר״ץ׳־עוועט.

עס איז געווען אַ חיות צו קוקן אויף דער קליינער עדה פון מיטעלע אידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן צו שאַפן אַ מאָדערנעם אידישן טעאַטער; אַ ליבער ענטוזיאַזם, אַ

הארציגע נאאיוויטעט, א לויטערע דבקות האָבן זיי געבראכט אין טעאטער. און דאָס איז געווען אזוי פריש, אזוי ניי און אזוי פרעמדלאך פאר דעם דאמאָלסטיגן אידישען טעאטער.

אין דער עדה פון נייע אַקטיאָרן זיינען געווען יונגע, פריי־לאכע און חנ׳עוודיגע בעל־הבית׳ישע טעכטער אַקאָרשט פון גימנאזיע ארוים (נעמי אָרלאָוסקי), יונגע בחורים אַקאָרשט פון ביכל אוועק (יעקב בן עמי, פריד און אַנד.).

מאקסים גאָרקי און י. ל. פרץ, אנדרייעוו און שלום עליכם, זיינען דאָרט געווען עפּעס פארברידערט. אידישע און רוסישע קינסטלערישע און געזעלשאפטלאכע פּראָבלעמן צענויפגעפאָדט, אידיש און רוסיש פאר׳חבר׳ט.

פון דעם נייעם אידישן לעבן האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן א שפּלי־טער פארן אידישן טעאטער.

יעקב בן עמי איז געווען דער קאָנטינגסטער און דער טיפּיש־סטער אין דער דאָזיגער נייער עדה פון אקטיאָרן.

ער איז געווען דער ערשטער שוואלב וואָס האָט אָנגעזאָגט א נייע תקופה אין דעם אידישן טעאטער.

א פּיאָניר איז ער געווען, א פּיאָניר, וואָס איז געקומען א ביסל צו פרי, ער האָט זיך ניט געקאָנט דורכברעכן מיט זיין נייעם טעא־טער אין אידישן לעבן, זיין טעאטער׳ל, דאָס איין איינציגע שוואלבל האָט קיין זומער ניט געבראכט אין אידישן טעאטער.

ער מאכט דורך זייער פיל גלגולים. זיין ארטיסטישער מזל איז זייער קאפּריז, זיין שוישפּילערישע קאריערע מאכט אָפט א „סאל־טאָ מאָרטאלע”; פון א מיטעלן אַקטיאָר אין אידישן־אמעריקאנישן טעאטער ווערט ער אין א שיינעם פּרימאָרגן דער פּאָפּולערסטער שוישפּילער אויף דער אַמעריקאנישער בינע, און פון דער ענגלישער בינע קומט ער צוריק צום אידישן טעאטער.

ניט קיין צושעדיגטער קומט ער צוריק.

איצט ערשט איז זיין צייט געקומען אין אידישן טעאטער. איצט האָט ער זיין פעסטן און זיכערן אָרט אויף דער אידישער בינע.

אלע אידישע אינטעליגענטן פאר די לעצטע 20 יאָר האָבן דורכגעמאכט אזעלכע גלגולים.

מוני ווייזנפריינד

מוני ווייזענפריינד איז אַ שוישפּילערישער קריסטאַל, אַ שטיק אַקטיאָרישער גינגאָלד.

מיט אים באַווייזט זיך אויף דער אידישער סצענע די שוי־שפּיל־קונסט אין איר עכטער ריינסטער און קריסטאַליזירטעסטער פאָרם.

עס באַווייזט זיך די שוישפּיל־קונסט אָן אימיטאַטאָרישע פּסולת, אָן דעם אַלטן, אויסגעדראָשענעם אַקטיאָרישן נוסח און שאַב־לאָן און אָן אַלע גרויע און דראָבנע טראַדיציעס, וועלכע האָבן זיך צוגעקלעפּט צו איר פון דער היימישער און פרעמדער טעאַטער־וועלט.

ער איז אפשר דער איינציגער, וואָס קאָן זיך באַפרייען פון דער דאָזיגער הכבדה, וואָס דריקט און פענטעט דעם אַקטיאָר אין יעדן אויפטריט זיינעם.

פון זיין שוישפּילערישער שטאַרקייט און לויטערקייט שרעקט זיך אָפּ אפילו דער ליטעראַרישער חן'דל, דער ליטעראַרישער קליי־נער קאַפּריזל און דער ליטעראַרישער פּשט'ל, וואָס שוויבלען און גריבלען אין אונזערע ליטעראַרישע דראַמעס און קאָמעדיעס.

אומעטום זעט איר אים, אומעטום פילט איר אים, דעם שוי־שפּילער און זעלטן, זעלטן דעם דראַמאַטורג און נאָך זעלטענער די אַלט־פעטערלאַכע בעבעכעס, וואָס דער טעאַטער האָט באַקומען בירושה.

ער איז דער שוישפּילער גבור, וואָס באַווייזט שוישפּילערישע גבורות.

זיינע שוישפּילערישע מיטלען זיינען אַלע מאָל רייכער, אַלע מאָל שאַרפער, אַלע מאָל לויטערער פאַר די ליטעראַרישע קונסט מיטלען פון דעם דראַמאַטורג, און פאַר די טעאַטראַלע טראַדיציעס אונזערע.

יאָגט ער זיך ניט נאָכ'ן וואָרט, ער קלאַמערט זיך ניט אָן דער פּראָזע און לויפט ניט נאָך טעאַטראַלע זכות־אבות, אַז זיי זאָלן אים העלפן, אַז זיי זאָלן אים אונטערשטופּן.

פאַרקערט, וואָס אָרימער די ראָל זיינע איז אין ווערטער און

וואָס פרעמדער זי איז, אַלץ שטאַרקער און אַלץ מער שווישפּילעריש איז ער.

זיין קאַפּל אין „גרויסן געווינס", זיין איוואַנאָוו אין „שווער צו זיין אַ איד" האָבן אַזוי ווייניג ווערטער און זיינען שווישפּילעריש אַזוי רייך, אַזוי פיל־קאָלערדיק, אַזוי פּלאַסטיש און אַזוי וואונדער־לאַך מימיש.

דאָ ווירבלט עס פון מימישער שפע, פון שווישפּילערישער מזל־ברכה און פון אַקטיאָרישער רחבת.

איר קאָנט גאָר ניט נאָכיאָגן דעם שטורם פון מימישער שפע.

פּרעכטיגע ליניען, שטריכן און פאַרבן־פלעקן קנוילן זיך איינע אין די אַנדערע, פליסן זיך אין געשווינדקייט, אין בריה'שקייט, שווישפּילערישע איינפאַלן יאָגן זיך מיט אימפּעט איינער נאָך דעם אַנדערן.

איך ווייס ניט צי עס איז פאַראַן אַזאַ שאַרף טעאַטראַל אויג וואָס זאָל זיין ביכולת צו זען אַלץ, צו זען אַלע דינינקע שטריכעלאַך, אַלע מיקראָסקאָפּישע קנייטשעלאַך, אַלע זיידן־דינע איינפאַלן און אַלע מיניאַטורישע פאַרבן־פלעקן אין מוני ווייזענפריינד'ס שפּילן.

און אַמאָל טוט דיר שטאַרק וויי:

אַזוי פיל שווישפּילערישע פיינקייטן, אַזוי פיל אַקטיאָרישע ראַפינירטעט קומט ניט צום אויג און עס גייט לאיבוד.

עס דערמאָנט מיך די וואונדערלאַכע מעשה'לע מיט יענעם עושר, וואָס ניט ער און ניט אַנדערע האָבן געקאָנט איבערציילן זיין עשירות.

קיינער האָט מיט ציפער ניט געקאָנט איינשטעלן די גרעניצן פון זיין עשירות.

אַ תהום, ציפער קאָנען אים ניט דערגרונטעווען, ציפער קאָנען אים ניט אַרומנעמען.

האָט זיך אַרומגעוועבט אַ סוד אַרום די עשירות.

דער סוד קומט אַלע מאָל, ווען די מענטשלאַכע חושים קאָנען עפּעס ניט אַנטאַפּן...

אין מוני ווייזענפריינד'ס שפּילן איז אויך דאָ אַ סוד, ווייל

ניט אַלץ לאָזט זיך אַנטאַפּן מיט די חושים, ניט אַלץ לאָזט זיך אויס־צײַלן מיט די אויגן...

עס ליגט דאָך עפּעס פאַרהוילנס, עפּעס סודות׳דיגס אין מוני װײַזענפרײַנד׳ס פאַרװאַנדלונגס־קראַפט, מיט׳ן שכל װעט איר ניט באַנעמען דעם איבערגאַנג פון אַ רוסישן גוטן, געזונטן בחור׳עץ איװאַנאָװ, פון „שװער צו זײַן אַ איד" צו דעם ראַפינירטן אַריסטאָ־קראַט אין ראַלאַנ׳ס „װאָלף".

צװײ פאַרשידענע פיזישע און גײַסטיקע קאָמפּלעקסן, צװײ פאַרשידענע װעלטן, יעדער שטריך זײ׳ער האָט ניט די װײַטסטע ענלאַכקייט, פון דער קלענסטער באַװעגונג שטראַלט אַרויס אַ באַ־זונדערע מענטשלאַכע נשמה, אַ באַזונדער מענטשלאַך פילן, אַ באַ־זונדער מענטשלאַך דײַנקען. טויזנטער דינע חלוקים, טויזנטער פאַר־שידענע פּעדימלאַך, פאַרשידן געפאַרבט און פאַרשידן געװעבט האָבן געשאַפן די דאָזיגע צװײ אײַגנאַרטיגקייטן.

און הינטער זײ, אפשר אין זײ, ליגט באַהאַלטן אײנער, װאָס האָט קיין שייכות ניט צו ביידן, הינטער זײ שטייט מוני װײַזענ־פרײַנד.

יעדער אַקטיאָר מוז זיך פאַרװאַנדלען אין אַן אַנדערן בשעת ער שפּילט, אָבער מייסטנס איז די פאַרװאַנדלונג אַן אָפּנאַרערישע, זי איז מייסטנס אַן אויסערלאַכע, די אויסערלאַכע קאָפּאָטע האָט אָבער כסדר ריסן און איר מוזט זען דאָס לײַב פון דעם אַקטיאָר.

באַ מוני װײַזענפרײַנד איז זעלבסט־איבערשאַפונג.

מיט׳ן קאָפּ, מיט׳ן שכל קאָן עס ניט געמאַכט װערן, קיין זכרון װעט ניט אײַנהאַלטן אַזוי פיל דינע אײַנצלהייטן, אַזוי פיל פרעמדע שטריכן און אַזוי פיל פרעמדע העויות און באַװעגונגען און קיין קלוגער קאָפּ װעט ניט זײַן בכח צו קאָמבינירן זײ, צו צעשטעלן זײ אויפ׳ן ריכטיגן פּלאַץ און אין דעם ריכטיגן מאָמענט.

די מייסטע אַקטיאָרן נעמען איין גלייבע, פּעטע ליניע פון אַ כאַראַקטער און קלאַמערן זיך אָן איר, האַלטן זיך פעסט באַ איר.

װײַזענפרײַנד האָט הונדערטע ליניען, הונדערטער שטריכן, הונדערטער פאַרבן.

און קיין ריס, װאָס זאָל אײַך אַנטפּלעקן זײַן אייגענעם קערפּער װעט איר ניט זען, קיין שפּעלטלעך פון װעלכן ער אַליין זאָל אַרויס־קומען װעט איר ניט באַמערקן.

עס איז א פאַרוואַנדלונג ביז זעלבסט־פאַרגעסונג, ביז זעלבסט־פאַרלייקענונג און ביז זעלבסט־פאַרניכטונג.

און בליציגקייט איז דאַ אין זיין שאַפן, דער שטריך בליצט אויף און באַלייכט אייך, האַסטיג און שאַרף, אַ פינסטערן תהום׳ל אין מענטשלאַכן כאַראַקטער, און ווייטער אַ בליץ און עס שפּרינגט עפּעס אַרויס פון טיפער באַהעלטעניש אין דער מענטשלאַכער נאַטור, עס שפּרינגט אַרויס עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַסוד און באַלד וועט עס פאַרשווינדן און עפּעס אַנדערש אַנטפּלעקט זיך פאַר אייך.

ער האַלט אייך כסדר געשפּאַנט, ער רייצט זיך מיט אייער קינסטלערישער נייגעריגקייט.

מיט טויזנטער אויגן קוקט איר נאָך, מיט פאַרשפּיצטע אויערן הערט איר אַלץ.

און שטענדיג בלייבט עפּעס ניט דערזאָגטעס. ניט דערזאָגטעס, וואָס זאָגט פיל מער ווי דאָס פאַרענדיגטע, ווי דאָס ביז׳ן סוף אַרויסגעזאָגטע און ווי דאָס ביז׳ן לעצטן טראָפּן אַרויסגעקוועטשטע.

און באַ דעם ראַשיגן שאַפונגס-שפּיל פילט איר קיין פיזישע און גייסטיגע אָנשטריינגונג, אַלץ וואַקסט אַרויס ווי אונטער אַ צויבער־רעגן.

פון הונדערטער שטריכעלאַך, קנייטשלאַך און דינע מימישע בליצן וואַקסט אַרויס דאָס וועלטל און איר זעט ניט די פעדים מיט וועלכע עס איז גענייט, עפּעס מעור אחד איז אַלץ געמאַכט, פון איין שטיק שטיין איז אַלץ אויסגעהאַקט.

און אַ באַזונדער חן שטראַלט אַרויס פון ערגעץ און באַצירט אַלץ מיט אַ לויטערן קינסטלערישן אמת, אַ האַרציגקייט און מילדקייט שטראָמען אַרויס פון דעם יענעם־זייט פון זיין פּערזענלאַכקייט און מאַכן אַלץ אַזוי ליכטיג־אינטים, אַזוי נאָענט מענטשלאַך.

אַן אַמעריקאַנער באַי, וואָס האָט אין זיין לעבן רוסן, פראַנצויזן און אַפילו אידן פון דער אַלטער היים ניט געזען, שילדערט ער רוסישע, פראַנצויזישע און אידישע מענטשן מיט אַזאַ פרייער היימישקייט און מיט אַזוי פיל נאַציאָנאַלע פאַרביגקייט.

דער קינסטלער האָט אויסער די פּאָר אויגן פאַר׳ן טעגלאַכן געברויך, נאָך אַ פּאָר אויגן, וועלכע זען מער, זיי זען די וועלט פון איין עק ביז׳ן אַנדערן.

גרעניצן, בערג שטייען זיי ניט אין וועג.
און מיט די אויגן זעט ער אפשר ריכטיגער, עכטער און שאַר־פּער.

אַ וואונדערלאַכע קינסטלערישע לאָגיק קייטלט און קניפּט אַלץ, מעסט און וועגט אַלץ, צייכנט און פאַרבט אַלץ אַזוי קלאָר, אמת׳דיג, אַזוי בולט וואַרהאַפטיג.

און אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז די אויגן פון דעם טאָג־טעגלאַכן לעבן דאַרפן זיך ניט מישן אין דער קונסט־שאַפונג; זיי זען דאָך בלויז אַ קאַפּאָטע, זיי זען דאָך דאָס, וואָס איז ניט כדאי צו זען, זיי זיינען בלינד די טאָג־טעגלאַכע אויגן, זיי זיינען אָפּגעניצט פון שטענדיגן וואָכעדיגן געברויך, פון רייבן זיך כסדר אָן טויזנטער גאָרניט זאָגנדיגע זאַכן, אָן טויזנטער גאָרניטמיינענדיגע זאַכן.

מוני וייזענפריינד איז דער קלאָרסטער באַווייז פאַר דעם.

און אַ קינסטלער אָן קאָמפּראָמיסן און אָן פּשרות איז ער.

ער וועט פאַר׳ן עולם און צוליב׳ן עולם ניט פאַרבויגן דעם קלענסטן קינסטלערישן פּרינציפּ. ער וועט פאַר׳ן עולם און צוליב׳ן עולם זיין קינסטלערישע גדלות ניט מינערן.

ער קאָן ניט ווערן וואָכעדיג, ווייל שפּילענדיג איז ער כסדר שבת׳דיג.

דאָס איז ניט, חלילה, אויפגעשרויפטער קינסטלערישער אַס־קעטיזם, אָדער אָנגעבלאָזענע קינסטלערישע פּרישות, דאָס איז ניט קיין בייזע קינסטלערישע צדקות און אָנגעצויגענע קינסטלערישע קדושה.

דאָס איז די געבענטשטע קינסטלערישע עכטקייט, וואָס קאָן זיך ניט בויגן פאַר אַ פרעמדן ווילן, דאָס איז קינסטלערישע פּער־זענלאַכקייט, וואָס קאָן בשום אופן ניט ווערן וואולגאַר.

וועט ער אין שונד בלייבן דער שטאָלצער קינסטלער.

ניטאָ דער פינסטערער כח, וואָס זאָל אים פאַרפירן אין בלאָטע, ניטאָ דער יצר הרע, וואָס זאָל אים אריינשושקען אין אויער אריין טריפה סודות און זאָל פּסל׳נען זיינע קינסטלערישע כשרות.

איך בין זיכער מיט אים אומעטום.

ניט דאָס שטיק און ניט דער עולם וועלן אים אָפּ׳שמד׳ן.

ער וועט קיינמאָל ניט זיין דער ליבלינג פון ברייטן, טעמפּן עולם, טעאַטער־דירעקטאָרן וועלן צו זיינע פיס ניט לייגן קיין קאָנטראַקטן מיט משוגע'נע התחיבות'ן.

ער וועט בלייבן דער שאַרפער קינסטלער פאַר'ן בעסערן, געקליבענעם עולם.

מיט זיין קינסטלערישן זכות וועט וואַקסן, אויב ניט דאָס טעאַטער בכלל, איז די אידישע שוישפּיל־קונסט.

ווייזענפריינד איז ניט בלויז אַ גרויסער אַקטיאָר, ווייזענפריינד איז אַ תקופה אין דער אידישער שוישפּיל־קונסט.

מיט אים איז געקומען די עפּאָכע פון פיינער עכטקייט, פון לויטערער אויפריכטיגקייט, מיט אים איז די שוישפּיל־קונסט אויף דער אידישער בינע נתעלה געוואָרן און אַ תקון באַקומען.

זי איז פון אויסערלאָכע קנאַלעריי אַריבער צו חשבון הנפש, זי איז פון כאַאָס אַריבער צו סיסטעמאַטישקייט. זי איז פון הפקרות אַריבער צו פרישות'דיגער שטרייגנקייט, זי איז פון אַקטיאָרישער גרילצעריי אַריבער צו דער פאַרטיפטער און איידל געפאָרמטער באַוועגונג.

מיט ווייזענפריינד'ן קומט אויף דער אידישער סצענע די שוישפּילערישע וועלט־באַנעמונג.

און געקומען איז זי אַזוי שטיל, אַזוי באַשיידן, געקומען איז זי שעמעוודיג פון דער הינטער טיר.

געקומען איז ער עפּעס פאַרבייגייענדיג, כלאחר־יד, אָן די גלעקלאַך פון אַ סטאַר, וואָס וויל מיט זיין גוף די גאַנצע בינע פאַרנעמען און מיט זיין טאַלענט די גאַנצע קאַסע פאַרכאַפּן. געקומען איז ער ניט מיט גאולות און ניט מיט ישועות פאַר דער אידישער טעאַטער־קונסט. געקומען איז ער ניט מיט אַן אויפטועריש ער פּאָזע און מיט טענות און תביעות צום אידישן פאָלק.

ער איז געקומען ווי אַ שטילע ברכה, איר ווייסט ניט פון וועמענס געבענטשטע ליפּן איז זי אַראָפּגעפאַלן, געקומען איז ער ווי אַ מתן־בסתר, איר ווייסט ניט וועמענס גוטע האַנט האָט אים אונז געגעבן...

אַמעריקע האָט אונז אומדערוואַרטעט דיזאָזיגע מתנה געגעבן.

עס גלויבט זיך גאָרניט.

און ווער ווייסט וואָס אמעריקע וועט אונז נאָך אַמאָל געבן!
אפשר וועט דער שוים אוועק און דער נאָרמאַלער שטראָם פון לעבן וועט צו אונזער ברעג צוטראָגן שטיל נאָך אַזעלכע ליבע מתנות ווי ווייזענפריינד.

ווער ווייסט?

לודוויג זאַץ

אין לעבן, אָן אַ מאַסקע און אָן דעם טעאַטער קאָסטיום, האָט ער אַ קליין, צאַרט, מיידלש פנים, אין לעבן זעט ער בכלל אויס ווי אַ יונג מיידל אין מאַנסבלשע קליידער.

אין לעבן איז ער עפּעס אַ צאַצקעלע, גלאַט, ליאַלקעוואַטע, ניטאָ קיין שאַרפקייט ניט אין דער באַוועגונג, ניט אין אויסדרוק. פאַרקערט: בן־יחיד׳ישע ווייכקייט, האַלב־קינדישער עלעגאַנץ, צער־פּיעסטשעטקייט, פאַרצערטלטקייט אין באַוועגונג און אין אויסדרוק.

איך האָב אים אַמאָל געזען אין דער ראָל פון אַ צדיק, אַ יונ־גינקער צדיק׳ל איז ער געווען, אַ צדיק׳ל מיט אַ זיידן בערדל און מיט זיידענע פּאה׳קעלאַך, אַ צדיק׳ל מיט מיידלשער סאַמעטענער באַ־וועגלאַכקייט און מיט שפּילנדיגן קאַפּריז, אַ צדיק׳ל, עפּעס אַ מין יורש־עצר׳ל פון אַ גרויסן רבי׳אישן הויף, אַ צדיק׳ל, וואָס חן׳דלט זיך פאַר׳ן רבונו של עולם און פאַר זיין פאָלק־חסידים, אַ צדיק׳ל אַ פּרינצל, דער זון פון אַ חסיד׳ישן מלך׳ל.

האָב איך מיר געקלערט: דאָס וואָלט ער אפשר געווען אין לעבן, ווען ער וואָלט קיין אַקטיאָר ניט געווען, ווען ער וואָלט אין גאַליציען געבליבן און ווען ער וואָלט אַ רבי׳ס אַ זונדל געווען.

בא אונז צדיק׳ט מען זיך בעל־עגלה׳ש, בא אונז צדיק׳ט מען זיך אַזוי שווער־לייביג, בא אונז צדיק׳ט מען זיך מיט אַזאַ אָנ־שטריינגונג און ער, זאַץ, האָט עס געמאַכט אַזוי לייכט, אַזוי שפּי־לעוודיג, אַזוי גראַציעז און אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלאַך.

ער האָט געשפּילט אַ פאַלשן צדיק׳ל און אין אים איז געווען אַזוי פיל אמת, אַזוי פיל אויפריכטיגקייט און אַזוי פיל עכטע פייער־דיגע חסידות.

און דער וואונדערלאכער, ברוויזנדיגער און שארפער קאָמיקער איז דאָ גאָרניט געווען קאָמיש —

אפשר וואָלט ער עס געווען אין לעבן, ווען ער וואָלט קיין אַק־טיאָר ניט געווען.

אָבער סיי מיר און סיי ער דאַרפן דאַנקען דעם צופאַל, וואָס האָט אים פאַר אַן אַקטיאָר געמאַכט. ער וואָלט אַ קליין, צאַפּלדיג צדיק'ל ערגעץ געווען און איצט איז ער אַ גרויסער טעאַטער־קינ־סטלער.

אין לעבן, אין אַלטעגלאַכן לעבן דאַרף מען אין אַ טעאַטער־קינסטלער גאָרניט זוכן, ווייל דאָ לעבט ער כמעט ניט, זיין אמת לעבן לעבט ער אויף דער סצענע. אין אַלטעגלאַכן לעבן איז דער אַקטיאָר אַ נסתר, אַ רואה ואינו נראה, ער זעט אונז און מיר זעען אים ניט, אין אַלטעגלאַכן לעבן זוכט ער שטיל חיות פאַר זיין סצע־נישן לעבן, פאַר זיין שאַפנדיגן לעבן.

לודוויג זאַץ איז אפשר דער איינציגער קינסטלער בא אונז, וואָס לעבט, לעבט אין פשוט'ן זינען פון וואָרט, נאָר אויף דער סצע־נע. דאָס איז זיין גרעסטע מעלה און דאָס איז אַמאָל זיין חסרון —

ער איז אַמאָל צו היימיש אויף דער סצענע; די סצענע איז זיינע פיר ווינקעלאַך, די פיר ווינקעלאַך פון זיין גאַנץ לעבן, ער לעבט דאָ מיט אַלע זיינע חושים און ער פאַרגעסט אַמאָל צו פאַר־שלייערן קינסטלעריש, צו באַפאַרבן, צו באַפּוצן און צו פאַר'שבת'ן די וואָכעדיגע גרימאַסן פון לעבן —

אין זיינע פיר ווינקעלאַך פילט ער זיך פריי, אַמאָל צו פריי.

דאָס פּאַסירט מיט קינסטלער, וואָס זייער גאַנצער לעבן איז קאָנצענטרירט אין די ד' אמות פון זייער קונסט. דידאָזיגע שלעפּן אריין אין זייער קינסטלעריש לעבן אַלע רעשטלאַך, אַלע ברעקלאַך פון וואָכעדיגן לעבן.

און דידאָזיגע זיינען דאָס רוב די אמת'ע אָבער פאַרגרייזטע קינסטלער.

לודוויג זאַץ איז אָפן אויף דער סצענע, ער האָט גאָרניט צו באַהאַלטן, ווייל דאָס איז זיין גאַנץ לעבן —

און מען קאָן דאָך אין לעבן ניט ארומגיין כסדר אין אַ קינ־

סטלערישן שטריימל, ווארפט ער אראָפּ אמאָל דאָס שטריימל און גיט אַ שטופּ שקצ׳יש.

מילא, רייסט זיך אריין אין זיידן געוועב אַ גרוי פּעדימל...

בין איך מוחל זיינע קינסטלערישע חטאים׳לאך צוליב די וואונדערלאַכע קינסטלערישע מעשים טובים זיינע.

זיינע קינסטלערישע מעשים טובים זיינען גרויס.

ער איז דער ערשטער קאָמיקער באַ אידן, וואָס פאַר׳חוזק׳ט ניט קיין מענטשן, וואָס באַ׳עולה׳ט ניט גאָט׳ס באַשעפענישן און גלו־מעט זיך ניט איבער זיי.

אונזער אידישער הומאָר איז דאָך אַ שלעכטער, אַ בייזער, אַ בייסיגער און אַ בעליידיגנדער: מיר לאַכן ניט נאָר מיר לאַכן אויס. אין אונזער לאַכן איז שטענדיג דאָ גאַל און גיפט, אין אונזער וויצלען זיך איז דאָ שטענדיג אַ בייזע כונה.

זאַץ איז דער גוטמוטיגסטער און מענטשלאַכסטער קאָמיקער אויף אונזער בינע.

אַלץ ווערט באַ אים באַשטראַלט מיט אַ ליבן שמייכל, מיט אַ חנ׳עוודיגער אומבאַהאָלפנקייט און מיט אַ הארציגער קינדישער נאַאיוויטעט.

איר האָט ליב זיינע קאָמישע מענטשאַלאך; עפּעס קליינינקע און ליבינקע זיינען זיי, נעבאַכדיגע און הארציגע זיינען זיי, תמ״־עוואַטע און קלוגינקע זיינען זיי.

און הערט איר עס ניט פון די ווערטער זעט איר עס אין דעם גאַנצן מהות זייערן.

לודוויג זאַץ איז אַ געניאַלער קאַריקאַטוריסט: דעם קאָמישן שטריך, דאָס טשיקאַווע אין אַ מענטשן מאַכט ער בולט מיט פעטע און שאַרפע שטריכן, ער באַלייגט עס אַזוי געדיכט מיט פאַרבן, אַז דאָס טשיקאַווע ווערט דער עיקר אין דעם מענטשן, עס פאַרדעקט אין גאַנצן די זייטיגע, די ניט׳עיקר׳דיגע שטריכן, דער מענטש ווערט פון קאָפּ ביז די פיס טשיקאַווע.

זיין קאָמיזם, זיין הומאָר איז פּלאַסטיש, זיי שטראַלן אַרויס פון אַ גוף, זיי רעדן אַרויס פון אַ קערפּער

לודוויג זאַץ מאַלט אייך פריער אויס דאָס אויסערלאַכע פון

דעם מענטשן, ער שאַפט פריער אַ גוף און אין דעם גוף בלאָזט ער אַריין די פּאַסיגע, די עכט־צוגעפּאַסטע נשמה.

ווען איר קיינמאָל ניט באַמערקן די מינדעסטע סתירה, דעם קלענסטן ווידערשפּרוך צווישן וואָרט און באַוועגונג, צווישן דאָס אויסערלאַכע און דאָס אינערלאַכע.

כסדר געבענטשטע האַרמאָניע, כסדר פאָלשטענדיגע גאַנצקייט, כסדר שלום און ברידערלאַכקייט צווישן גייסט און מאַטעריע.

ער איז דער סצעניששטער קאָמיקער; בײַ אים איז די באַוועגונג קאָמיש, אין איר, אין דער באַוועגונג, ליגט ער אַריין דאָס קאָמישע און דאָס טשיקאַווע, דורך איר ווערט דאָס קאָמישע פּלאַסטיש, ממשות'דיג, בולט און ניכר'דיג, מיט איר גיט ער די פעטע גרונד־שטריכן פון דעם כאַראַקטער.

און דאָס איז דאָס נייע אין לודוויג זאַץ!

אונזער אידישער קאָמיזם איז געווען אַ ווערטער־קאָמיזם, דער וויץ, דער איינפאַל איז געווען דער עיקר, דער וואָרט־שפּיל איז געווען די הויפּטזאַך. אונזער הומאָר איז אַ פּלפּול'דיגער, אַ פּשט'ל־דיגער, הומאָר אָן גוף, אָן קערפּערלאַכן שפּיל און אָן פּלאַסטיק.

דער וויץ, זיין שאַרפקייט און זיין בליצנדיקייט איז געווען דער עיקר.

דאָס איז געווען גייסטיגע אַקראָבאַטיק, קאָפּ־קונסטשטיק, מוח'שע שטיפעריי.

איז געקומען זאַץ און האָט דעם אידישן הומאָר געגעבן אַ בויגיגן, אָן עלאַסטישן און אַ וואונדערלאַך רירעוודיגן קערפּער.

גייסטיגע אַקראַבאַטיק פאַרוואַנדלט אין קערפּערלאַכע אַקראַבאַטיק.

האָט דער אידישער הומאָר באַקומען בלוט און פלייש, האָט דער אידישער קאָמיזם באַקומען לאַכנדיגע אויגן, אַ שפּילענדיגן קערפּער און ער האָט אָנגעהויבן לעבן אַ נאָרמאַל און געזונד לעבן.

ווי זאַץ באַווייזט זיך אויף דער סצענע, ער האָט נאָך ניט באַוויזן קיין וואָרט אויסצורעדן, און דער עולם לאַכט שוין האַרציג און מונטער, ווייל אָן ווערטער איז שוין דאָס קאָמישע דאָ. דער עיקר, דער תוך איז שוין דאָ, עס איז שוין דאָ די שניידיגע די

שארפע קאריקאטור און מען דארף ניט די אונטערשריפט אונטער איר.

עס באווייזט זיך א טשיקאווע באשעפעניש און איר ווייסט שוין ווי זי וועט רעדן, ווי זי וועט ליידן, ווי זי וועט וויינען און ווי זי וועט לאכן; איר ווערט באלד אזוי נאענט און אזוי אינטים באפריינדעט מיט דער דאזיגער באשעפעניש און איר קאנט זי דורך און דורך.

דא באווייזט לודוויג זאץ זיין שטארקן און זאפטיגן מאלערישן טאלאנט; מיט'ן בילד אליין, מיט די פארבן און מיט ליניען גיט ער אייך דעם גאנצן מענטשן מיט זיין גאנצער וועלטיל.

און צו דעם דאזיגן ריין מאלערישן טאלאנט קומט די ממש וואונדערלאכע סצענישע פלינקייט, די וואונדערלאכע פארביגקייט פון דעם ווארט און זיי באלעבן דאס געמאלטע בילד מיט זייערע קינסטלערישע חן'ען.

זאץ איז דער מייסטער פון דער מאסקע, הונדערטער מאסקן האט ער און איינע איז ניט ענלאך צו דער אנדערער, זאץ איז דער מייסטער פון קאסטיום, עפעס וויים ער ווי אזוי צו באקליידן צו באשוכן און צו באהיטלען א מענטשן אזוי ווי די גוטע, קלוגע מאמע־נאטור וואלט אים באקליידט.

און זיין קאסטיום איז ווי די הויט אויפ'ן לייב, ער שפילט מיט'ן קערפער, ער כאפט אויף זיינע באוועגונגען, שטיפט און שפילט מיט אים.

אין דעם פרט איז ער דער מאדערנסטער אקטיאר —

ער וויים די גרויסע באדייטונג פון דעם קאסטיום פאר דער סצענע.

און ווייל ער ווייסט עס און ווייל ער פילט עס האט ער ניט די רעאליסטישע שרעק פאר איבערטרייבונג און פאר שארזש אין דעם קאסטיום, און ווייל ער האט ניט דעם רעאליסטישן פחד פאר'ן טעאטראלן קאסטיום, האט ער אויך קיין מורא ניט פאר א שניידנדיגע באוועגונג און פאר א שפיציגן זשעסט.

וואלט ער געבענטשט זיין מיט א געזונטן קינסטלערישן חוש, וואס פילט בסדר וואג און מאס, ליניע און פארב, באוועגונג און

ווארט, וואס ציט זיך צו הארמאניע און צו גאנצקייט, וואלט ער א סצענישער גאון געווען.

לודוויג זאץ'ס מענטשאלאך שטייען שטענדיג פאר מיינע אויגן, עפעס נאענטע, אייגענע זיינען זיי מיר געווארן —

מסתמא איז פאראן עטוואס אין זיי אזוינס, וואס איז טיפער, לויטערער און שענער פאר דער אויסערלאכקייט; עס איז אין זיי פאראן א חן'עוודיגע נשמה'לע, א קליינס, אבער א ליבס.

איך האב געזען זאץ'ן אין דער ראליע פון א בוטשער, א קליי־נינקער, שטילער קצב'ל, א קליין מענטשעלע, די גאנצע וועלט זיינע איז די בוטשער־קרעמל. איז דער דאזיגער מענטשל באפריינדעט מיט אן אינטעליגענטן אפטייקערל, קומען צום אפטייקער פון רוסלאנד צווי רוסישע מיידלאך, די עלטערע איז אן אלטע ליבע זיינע. די מיידלאך האבן זיך פאר דער צייט אזוי געענדערט, אזוי איבערגעשאפן געווארן אין דעם רוסישן טומל, אז זיי ווארפן זיך מיט א צורייצטן אפעטיט אויפ'ן זאטן אמעריקאנישן לעבן מיט א בלינדער נייגעריקייט. לאזן זיך די מיידלאך מכבד זיין מיט א „גוד־טיים" פון יעדן.

פירט דער בוטשעריל ארויס איין מיידל פון דעם אפטייקערל'ס הויז אויף א „גוד־טיים" אבער ארויסגייענדיג קערט ער זיך אום צום אפטייקער און זאגט: דאס איז דאך ניט אייער מיידל, דאס איז דאך ניט מאשא, דאס איז דאך די אינגערע...

וויפיל צער איז געלעגן אין די דאזיגע ווערטער, וויפיל הארץ, וויפיל קינדישע אומשולד און וויפיל מיטגעפיל צו פרעמדן ווייטאג און שמערצן האט זיך ארויסגעריסן פון דעם שטילן און קליינעם הארץ.

דאס קאן זאץ!

אינמיטן, פארבייגייענדיג גיט ער א בליץ מיט אזוי פיל לויטערקייט, מיט אזוי פיל מענטשלאכע גרויסקייט; ער טוט אן א שיין־רייפל אויף זיין קאמישע באשעפעניש.

אלע זיינע קליינע מענטשאלאך האבן באהאלטענע גרויסקייט, אלע זיינע קליינע מענטשאלאך זיינען שטיקלאך למד'וואו'ניקעס, עפעס ארט זיי ניט, וואס איר לאכט פון זיי, לאכט אויב איר האט

פארגעניגן פון דעם, מענטשן האָבן דאָך אַזוי ווייניג פרייד, לאַכט...

דאָס איז דער מענטשלאַכסטער קאָמיזם און דאָס איז דער מענטשלאַכסטער קאָמיקער.

צושטיפט ער זיך אַמאָל און ווערט ווי אַ קינד גרויזאַם און אונאַנשטענדיג — זייט אים מוחל, ער איז אַ קינסטלער, ער איז אַ גרויס קינד, און אגב, ער איז דאָך אין דער שטיפעריי אויך אַזוי שיין און אַזוי טעלאַנטפאָל.

באַ וועמען דער טאַלאַנט איז אַזוי ליכטיג דאַרף האָבן אַביסל שאָטן: די ליכטיקייט ווערט ליכטיגער...

און אַמאָל איז ער אינגאַנצן לויטערקייט, אַמאָל איז ער קינסטלעריש אַ גרויסער מדקדק; דאָס איז ער אין זיין „גזלן". דאָ איז קיין פּגימה ניטאָ, דאָ איז אַ איבערראַשענדיגע האַרמאָניע צווישן קאָמיזם און טראַגיזם.

זעט איר ווי גרויס און עכט ער קאָן זיין ווײַנט באַ אייך דאָס האַרץ אויף זיינע קליינע פּסלנות'ן נאָך שטאַרקער. איר ווײַנט, אָבער קיין כעס און קיין ביטערע תרעומות קאָנט איר אויף אים אין האַרצן ניט טראָגן.

מאַרק שווייד

דיכטער און שוישפּילער.

אין די אַלטע צייטן איז עס כסדר אַזוי געווען —

דיכטער און קאָמעדיאַנט, דיכטער און זינגער, דער דיכטער האָט געזונגען זיינע אייגענע לידער, דער קאָמעדיאַנט האָט געשפּילט זיינע אייגענע ווערק.

שוין לאַנג, אַז דידאָזיגע שוועסטער־מוזעס האָבן זיך צע'גט, צעשיידט אויף אייביג, פאַנאַנדערגעגאַנגען זיך אויף שטענדיג, און פרעמד זיינען זיי געוואָרן איינע דער אַנדערער.

און טרעפן זיי זיך אַמאָל צוזאַמען אין איין מענטשן צעצווייען זיי אים, צערייסן זיי אים —

אַזוי פרעמד, אַזוי דערווייטערט זיינען זיי געוואָרן.

איז דער דיכטער מאַרק שווייד איין מענטש און דער שויש־פּילער מאַרק שווייד אַן אַנדער מענטש.

דער דיכטער מארק שווייד איז א ראפינירטער איד מיט שאר־פע אינטעליגענטישע נאגענישן; א יונגער איד, וואס די גאנצע וועלט איז זיינע און איז אזוי איינזאם, אזוי עלנד אין איר; א איד, וואס האט ליב דעם בלויען הימל, דאס פארביגע בלימל, דעם שטילן הייליגן אידישן שבת, די רוישיגע, טומלדיגע שטאט, זיין אלט־מא־דישע מאמע, א העלן שניפס, דעם טלית און תפילין, א איד, וואס זוכט וועלט־ערלייזונג און א שטיקל סאמעט פאר א תפילין־זעקל.

ער איז דער איד פון א געהיימניספולער איבערגאנגס־עפאכע, דער איד, וואס שטייט צווישן אן אלטער, פאר׳חלומ׳טער און מיס־טישער וועלט און א נייער, חוצפה׳דיג דרייסטער, בארבאריש אויס־געפוצטער און גאסן־מיידלש ווינקנדער וועלט.

און פוןביידע וועלטן איז ער אפגעריסן, אין ביידע וועלטן איז ער א פרעמדער; די צניעות פון דער אלטער וועלט לאזט אים ניט פאלן אויפ׳ן האלז דער בארבארישער וועלט, די הפקרות פון דער נייער וועלט לאזט אים ניט צו פארריגלען זיך אין דער אלטער וועלט.

איז ער פרעמד צו זיין אייגענער מאמען און נאך פרעמדער צו דער שוועסטער, צו דער נייער שוועסטער, מיט׳ן פרעמדן ביבל — אין קליין און מאגער אפגעטל.

דער דיכטער איז א איד מיט פיינע, פערפיומירטע שמערצן, מיט עלעגאנטע, אראמאטישע ליידן —

ווייל ער פילט מיט אלע חושים זיינע די עפאכע, די איבער־גאנגס־עפאכע אין וועלכער ער לעבט, ער פילט זי פיין און ראפינירט און ער חן׳דלט זיך, קאקעטירט, פארשלייערט מיט זיינע ליידן און שמערצן... ער האט זיי ליב...

און דער שוישפילער איז לחלוטין אן אנדערער —

ער איז דער שוישפילער פון האלבע מענטשן, פון פערטל מענטשן, פון ארימע מענטשלאכע שיריים, פון ברעקלאך אראפגע־פאלענע, פון פיצלאך ארויסגעווארפענע און פון שטיקלאך נשמות, וואס וואלגערן זיך אין די הינטער־געסלאך פון לעבן.

האלבע אידיאטן, טרעמפס, קראנקע און אלטע, וואס דער טויט ליגט בא זיי אין די ביינער און אין לייב, שפילט ער.

און ער איז דער מייסטער צו מאָלן מיט דינע פאַרבן און מיט געצירקלטע ליניען דידאָזיגע אַרויסגעשטויסענע פון לעבן, די צע־הויקערטע, צעשעדיגטע פון לעבן, דידאָזיגע שטיף־קינדער פון דער בייזער מאַמע־וועלט און דידאָזיגע, וואָס שטייען שוין מיט איין פוס אין קבר.

מאַרק שוויידס ר' אליה, אין ה. לייוויקס „שמאָטעס" איז איינע פון די שענסטע שאַפונגען אין אונזער מאָדערנעם טעאַטער.

איר האָט פאַר זיך די שקיעה פון לעבן, די נאַכט, די אייביגע נאַכט, דער טויט, רוקט זיך אויף אַ לעבעדיגן מענטשן, די נאַכט רוקט זיך, און עפּעס רעשטלעך פון טאָג, פיצלעך ליכט, דינע, פאַר־וועלקטע שטראַלן פון דער אונטערגייענדער זון ראַנגלען זיך מיט דער שטאָק־פינסטערער נאַכט.

די שקיעה פון לעבן.

שוין מער נאַכט ווי טאָג, מער טויט ווי לעבן.

מיט וואָס פאַר אַ שאַרפקייט דידאָזיגע אומהיימלאַכע שקיעה ווערט געשילדערט פון מאַרק שווייד!

טויט און לעבן שטייען און רייסן זיך איבער ר' אליהס קער־פּער און גייסט; שטיקערווייז רייסט אים אַרויס דער טויט פון לעבן; אַ שטיק ווילן איז שוין אין די הענט פון טויט, ר' אליהס ווילן איז שוין האַלב טויט, אַ שטיק זכרון אַרויסגעפּליקט, ר' אליהס זכרון הינקט אַזוי יאָמערלאַך, אַזוי עלנד, אַ שטיק פאַרשטאַנד אָפּגעצופּט, ר' אליהס פאַרשטאַנד איז וואַקלדיג, קינדיש אומבאַהאָלפן, אַ שטיק מוט צעטראָטן, ר' אליהס מוט איז צעקנייטשט און צעמורשט, די שפּילנדיגע האָפנונגען אויסגעלאָשן און ר' אליה וויל שוין גאָרניט, האָפט שוין אויף גאָרניט.

אומהיימלאַך...

אומהיימלאַכקייט, דאָס איז, וואָס מאַרק שווייד לאָזט אַרויס־שטראַלן פון זיינע אומגליקלאַכע מענטשן, עס איז אָבער קינסטלערי־שע אומהיימליכקייט און אַ חן, אַ אומהיימליכער חן שימערט אַרויס פון אַלץ, פון יעדן קער און ווענד. איז דער האַלב־טויטער ר' אליה געליטערט, האַלב הייליגער, האַלב אומשולדיג קינד, האַלב אומ־באַהאָלפן עופ'על —

ווערט דער העסלאַכער טויט שיין, ווערט דער גרויזאַמער טויט מילד...

אַלטקייט און קינדהייט, די צוויי אייביגע היפּוכים, די צוויי אייביגע עקסטרעמען באַגעגענען זיך ברידערלאַך.

און דידאָזיגע מערקווירדיגע באַגעגעניש שילדערט מאַרק שווייד מיט אמת'ער קינסטלערישער טיפקייט און ברייטקייט.

און אַמאָל פאַרוואַנדלט ער די אומהיימלאַכקייט פון די האַלבע מענטשן אין געהיימניספולקייט, דאָס אומהיימלאַכע פאַרשלייערט זיך, פאַרוויקלט זיך און עס ווערט געהיימניספול.

דער בלינדער ר' זרח אין ה. לייוויקס „בעטלער" איז זעענדיג, עפּעס אַזוי ווייט און אַזוי טיף זעענדיג.

שטאַרן אויף אייך אַ פּאָר טויטע אויגן און זיי עגבערן אייך דורך, זיי קוקן אין אייך אַריין און זען מער ווי אַלע זעענדיגע; היינטע די בלינדע אויגן זיינען דאָ נאָך אַ פּאָר אויגן, באַהאַלטענע אויגן...

איר פילט עס ווען דער בלינדער ר' זרח לאַכט —

אַ מאָדנער, געהיימניספולער געלעכטערל... איז בלינד און זאָגט אייך: — איך זע, אַי, זע איך. און ווילט איר אים אָננעמען פאַר אַ זעענדיגן, שטעלט ער אויף אייך אָן זיינע טויטע אויגן — איך זע גאָרניט.

שפּילט זיך מיט אייך ר' זרח אין באַהעלטעניש און איר קאָנט אים ניט כאַפּן, בשום אופן ניט.

פרעגט איר מיט אַ שטילן אומרו:

— ווער איז דערדאָזיגער ר' זרח?

און מאַרק שווייד האַלט דעם סוד, איר ועט בא אים ניט אַרויסנאַרן.

איז וואונדערלאַכער שפּיל, דין־געוועבטער און פיין געצירקלטער שפּיל. שפּיל מיט זעלטענער געשיקטקייט און מיט דער גרעסטער פאַרזיכטיגקייט.

און פון דעם באַהאַלטענעם ר' זרח גייט ער איבער אַזוי לייכט צו דעם אָפענעם פאַסטוך הויקערל אין י. ד. בערקאָוויטש'עס „מאָשקע חזיר".

אַן אָפּענער, נאַקעטער הויקערל, דאָס פּיצל נשמה'לע הייגגט ווי אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז — אָט איז דאָס אַ מענטשעלע, אָט איז דאָס אַ פּאַרזעעניש. דער הויקער אויף דער פּלייצע איז דער־זעלביגער, וואָס אויף דער נשמה.

רעדט גאָט'ס באַליידיגט נפש'ל, בלייבט אינווייניג גאָרניט, עס שרייט אַרויס אַליין —

אַ פּאַר'בהמה'טע באַשעפעניש. מיט דעם איין־איינציגן קלאַנג „מו" זאָגט עס אַליץ אַרויס. גענוג דערדאָזיגער קלאַנג פאַר די קליי־נינקע מחשבות און פאַר די נישטיגע פאַרלאַנגען.

און זיין צווילינגס־ברודער יאַנסען אין אַנדרייעוו'ס „זיבן גע־האַנגענע", וואָס שרייט אומהיימלאַך „מיך דאַרף מען ניט הייגגען" — אַן אומהיימלאַכע גרויסע, גערעכטע טענה. מיליאָנען אָקסן, וועל־כע מען פירט צו דער שחיטה, שרייען אַרויס פון דעמדאָזיגן יאַנסען.

און אָט זעט איר אים אויפ'ן קעניגלאַכן שטול, ער איז דער סולטאַן אין זשולאַווסקי'ס „שבתאי צבי", אַ קעניג — אַ האַלבער מענטש, אַ הערשער — אַ האַלבער משוגע'נער, אַ דיקטאַטאָר — אַ היפּאָכאָנדריק, אַ געביטער, וואָס האָט מורא פאַר זיין אייגענעם שאָטן, אַ קראַנקער, וואָס מושל'ט איבער אַ האַלבער וועלט.

פּלאַצן אַרויס ווערטער עפּעס ווי געשווירן, רייסן זיך אַרויס געשרייען ווי בלאָטערן; די וועלט איז משוגע, די וועלט איז קראַנק און זי האָט אַ משוגע'נעם און קראַנקן מושל.

און אין אַזאַ וועלט איז שבתאי צבי אַ נאַטירלאַכע ערשיינונג.

שפּילט מאַרק שווייד ניט נאָר זיין ראָל, דעם סולטאַן, ער שפּילט דאָס גאַנצע שטיק, ער מאַכט אונז פאַרשטענדלאַך די עפּאָכע, די דאַמאָלסדיגע וועלט און אירע מענטשן.

קראַנקע רשעות און קראַנקע שרעק, אַפּאַטיע און אויפברויז, מרה־שחורה און היסטערישע פרייד, שפּיזלדיגער חשך און אומבאַ־האָלפענער צוטרויען.

אַ טומלדיגער שפּיל פון מענטשלאַכע פאַר'סמ'טע געבליטן, פון אויסגעוויכנעטן פאַרשטאַנד, פון שוואַרצן אַבערגלויבן און פון צע־רודערטער זעלבסט־פאַרגעטערונג.

געשנירלט מייסטעריש זיינען דידאָזיגע פאַרשידן־פאַרביגע פּאַטשערקעס!

און ווידער אַ טרעמפּ, אַ ברעקל מענטש אין אָסיף דימאָוו׳ס „ברויט“, אַ ברעקל מענטש, וואָס האָט דאָס פּיצעלע אַמביציע צו זיין אַ טרעמפּ און ניט קיין באָס.

דער דיכטער צאַצקעט זיך מיט זיין תּעלן שניפּס, דער דיכטער זוכט גאַנצקייט, בײַנקט נאָך פֿרידן מיט זיך אַליין און מיט די צוויי וועלטן, מיט דער אידישער און מיט דער פרעמדער, דער דיכטער פאַרשטייט זיך אויף בלומען, אויף שפּילנדיקע, מונטערע פאַרבן און דער שוישפּילער גריבלט אין דער אונטערוועלט, קלייבט די אַראָפּ־געפאַלענע ברעקלאַך, נישטערט אין די הינטער־געסלאַך און שפּילט אין שמאַטעס.

צוויי מענטשן מיט צוויי באַזונדערע וועלטן.

און דאָך איז פאַראַן אַ קרובה׳שאַפט, אַ נאָענטע שייכות צווישן די צוויי מענטשן —

מאַרק שווייד איז דער שוישפּילער פון ליטעראַטור אין בעסערן זינען פון וואָרט, ליטעראַטור איז די לופט מיט וועלכער ער אָטעמט, ער איז אויסגעוואַקסן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אויף דער אי־דישער ליטעראַטור.

און עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס ער שפּילט מיט אַזאַ ליבע און מיט אַזאַ טיפקייט גראָד אין לייוויק׳ס, אין זשולאַווסקי׳ס און אין די אַנדערע שטיק פון עכטע ליטעראַטן: ער איז אויך אַ ליטעראַט.

ער פילט לייוויק׳ן, ער פאַרשטייט אים, ער זעט אים.

ער איז אַ שותּף צו לייוויק׳ן, צו זשולאַווסקי׳ן, צו בערקאָוויטש׳ן און צו דימאָוו׳ן, זיי זיינען זיינע אייגענע, זיינע נאָענטע און ער שפּירט די כונה, וואָס ליגט באַהאַלטן אין יעדן וואָרט זייערס, ער לעבט איבער יעדן זאַץ, ער מאַכט דורך אַלע שאַפונגס־פריידן מיט זיי.

אַ באַנאַל וואָרט פּלאָנטערט זיך בײַ אונז — „ליטעראַרישער שוישפּילער“, מיינען מיינט מען דעם אַקטיאָר, וואָס שפּילט פּיעסן פון אַ ליטעראַרישן ווערט.

ניט אַלע שוישפּילער, וואָס שפּילן אין ליטעראַרישע פּיעסן זיי־

נען ליטעראריש, זעלטן ווען ווער פון זיי האָט דעם ריכטיגן באַגריף וועגן ליטעראַטור און וועגן אירע מאַניערן און מעטאָדן פון שאַפן.

עס איז אַ באַזונדערע קונסט, אַ טיפע, פאַרוויקלטע קונסט.

איז קיינמאָל ניטאָ קיין שלום צווישן דעם ליטעראַט און דעם שוישפּילער, ווייל זיי זיינען צוויי פאַרשידענע קינסטלערישע פּער־זענלאַכקייטן, צוויי פאַרטרעטער פון פאַרשידענע קונסט־צווייגן.

די מאָסקווער קינסטלער האָבן געוואָלט זיין מער ליטעראַטן און דאָס האָט זיך זיי איינגעגעבן, אָבער אויפן חשבון פון דער שוי־שפּיל־קונסט.

וועדעקינד, דער דייטשער דראַמאַטורג, האָט געשפּילט זיינע אייגענע פּיעסן — איז ער געווען אַ שלעכטער שוישפּילער.

טרעפט אַמאָל אַ נס, אַז ד'ער שוישפּילער איז אויך אַ ליטעראַט.

אַמאָל איז געווען כסדר אַזוי. דער קאָמעדיאַנט איז געווען אַ דיכטער. גאָר אַמאָל, אין אַלטן גריכישן טעאַטער, האָט דער דראַמאַ־טורג געמוזט אַליין שפּילן זיינע דראַמעס.

וואונדערלאַכע מענטשן זיינען געווען די אַלטע גריכן.

איצט האָט דער קאָמעדיאַנט פרעמדע ווערטער, און דער דראַ־מאַטורג פרעמדע שפּילער.

טרעפט זעלטן אַ נס, אַז ד'ער שוישפּילער איז אויך אַ ליטעראַט. מאַרק שווייד איז איינער פון די זעלטענע צופאַלן.

איזידאָר קעשיר

פאַראַן שטורמישע גבורה און שטילע קערנדיקייט אין זיין שפּילן.

אין לעבן אַ רואיגער, אַ שטילער און כמעט אַ שווייגנדיגער און אויף דער בינע פול מיט אומרו, פול מיט ברויזנדיגער קראַפט, אין לעבן בעריש קאַלט און אפּאַטיש אין זיינע באַוועגונגען און אויף דער בינע אַ וואולקאַן, וואָס איז פול מיט שאַפונגס־ציטער, אין לעבן זיינען זיינע ווערטער האַלבע, טונקעלע און אויף דער בינע זיינען זיי אַזעלכע פויל־מויליגע, אַזעלכע ברייטע, אַזעלכע פאַרביגע און אַזעלכע קנאַליגע.

ער איז אין לעבן קיין אַקטיאָר ניט, ער איז אַן אַקטיאָר אויף דער בינע.

עפּעם דוכט זיך אייך, אַז דעם גאַנצן טאָג זיצט ער און וואַרט מיט גרוים אומגעדולד אויף דעם אָוונט, אויף דעם אָוונט אין טע־אַטער מיט זיינע ראַמפּן־לעמפּלאַך, מיט זיין ברומען און זשומען פון פּובליקום, מיט זיין נערוועז האַוועניש הינטער די קוליסן און זיין הייסער לופט, וואָס פּילט אים אָן. דעם גאַנצן טאָג גרייט ער זיך צו אַ שטורם.

און פאַר'ן שטורם איז שטיל, מאָדנע שטיל; עס איז די שטילקייט, וואָס טראָגט אין זיך ווילדן אויסברוך.

דער טאָג איז בא אים אַ בין־השמשות, ער איז דאָ אויף דער וועלט נאָר פאַר דעם טעאַטער־אָוונט.

אין אָוונט שפּילט ער —

אין אָוונט וואַכט ער אויף, אין אָוונט טשוכעט ער זיך אויס פון דעם שלאָפנדיגען טאָג און הויבט אָן לעבן —

עס עפענען זיך ברייט די גוטמוטיגע אויגן, לעבן און פייער גיסן זיך אריין אין זיין ברייט־ביינינגן קערפּער און ער הויבט אָן צו לעבן מיט אַלע זיינע חושים, מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים.

איזיאָדאָר קעשיער שפּילט מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים.

אַ מערקווירדיגע פאַרוואַנדלונג־פייאיקייט פאַרמאָגט דער דאָזיגער שוישפּילער, עס איז ניט בלויז מאַסקע, עס איז ניט בלויז פאַרשטעלעניש און עס איז ניט בלויז באַהעלטעניש אונטער אַ

פרעמדע קאפאטע, עס איז פאלשטענדיגע אויפלייזונג, עס איז פאל־שטענדיגער טראנס און פאלשטענדיגע באפרייאונג פון זיך אליין.

ער נעמט מיט זיך באם אריבערפעקלען זיך אין א פרעמד לעבן בלויז דאס טיף פערזענליכע, זיין אייגענע ווארימקייט און ברייטקייט, זיין אייגענע גרויסע און שיינע תמימות, זיין אייגענע גאנצקייט. און זיין אייגענע קערנדיקייט.

ער שאפט גאנצע מענטשן, ער שאפט אפענע מענטשן, גאנץ אין זייער ערלאכקייט, אפן אין זייער אומערלאכקייט.

און ווייל זיי זיינען גאנץ און אפן זיינען זיי שטענדיג באַ־שטראלט מיט א באזונדערן חן, מיט א באזונדערן רייץ.

בריים, שטארק געבויט, פול־בלוטיג און קערנדיג זיינען זיינע מענטשן.

ניט דין־ געצירקלט, ניט גערדריידלט און געצוקט, ניט מיט קלייניקע רש״י אותיות׳לאך זיינען זיי באשריבן און ניט מיט חכמה׳דיגע רמזים׳לאך זיינען זיי געשילדערט.

איר דארפט ניט האבן קיין שפאקטיוו כדי צו זוכן שטרי־כעלאך אין זיינע מענטשן, זיי זיינען געמאלט מיט גערדיכטע פארבן־פלעקן, זיי זיינען געצייכנט מיט פעטע און שטארקע ליניען, זיי זיינען בולט, שארף בולט, זיי זיינען מאנומענטאל, זיי זיינען מאסיוו, אז איר קאנט יעדן שטריך ממש אנטאפן.

ער איז דער מייסטער פון פרימיטיוו.
בלוט און פלייש און אין זיי לעבנס־שטורם.

זיין ווערא אין ראמען ראלאן׳ס „וועלף״ איז דער פרימיטיוו פון א פאלקס־רעוואלוציאנער, דער ניט געפיילטער, ניט געטאק־טער, ניט געשליפענער און ניט פאלירטער בונט.

איז פייער און קויט געמישט, אידעאליזם מיט וועלפישע צוקרימטע אייזערנע ציין, העלדישקייט מיט גראבע, אומגעלומ־פערטע שעלמישקייט.

און אלץ קנאלט ארויס מיט גרויסן אימפעט, מיט חיה׳שער גרימצארן.

א. קעשיער׳ס ווערא איז דער סימבאל פון רעוואלוציע —
הייס און ווילד בלוט האט א שלאג געטאן אין קאפ . . .

און אַט דעם דאָזיגן גיהנום אויף צוויי פיס האָט איזידאָר קעשיער אויך באַהויכט מיט אַ קינדישער תמימות, מיט דער תמימות פון אַן אור־מענטשן.

אין חושך פון זיין נשמה שנירלט זיך אַ זיידן פעדימל, אין דעם פינסטערן אָפּגרונט פון שנאה און רציחה בליצט מיט גוטסקייט.

דאָס איז אפשר נאָר איזידאָר קעשיער׳ס ליבע תמימות, זיין האַרציקייט און ער האָט בעהויכט אויף אַ ווילע דעם צובושעוועטן ווערא.

אַט האָט ער דעם גולם גאָורילאַ אין י. ד. בערקאָוויטשעס „מאַשקע חזיר" געגעבן אַ נשמה, אַט דאָס שטיק האָלץ ווי אַ אור־אַלטער גולם טראָגט אין זיין האַרצן, ערגעץ אין זיין הילצערנער אונערלאַבקייט אַ שטיק ניט געהובעלטע ערלאַבקייט, אַ שטיק געפּענטעטע מענטשלאַבקייט.

זיי קריכן אַרויס פון אים שווער און קלאָציג און קוקן אויף דער וועלט מיט תם׳עוואַטע אויגן, קוקן האַלב־פאַרוואונדערט.

איך האָב ליב קעשיער׳ס גאָורילאַ׳ס, זיי פאַרמאָגן געציילטע ווערטער, אָבער איטלאַכס וואָרט גייט אַרויס פון זיי יאַדערדיג, באַגלייט מיט אַ שטיק געזונט האַרץ.

ווערא איז דאָך בעצם אַ צובושעוועטער גאָורילאַ, אַ גאָורילאַ, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין ווילדן און שטאַרקן גרימצאָרן, אַ גאָורילאַ, וואָס האָט אַ ביקס, וועלכע שיסט...

ווען גאָורילאַ הויבט אָן שיסן — איז אָדער מלחמה, אָדער רעוואָלוציע.

עס איז מיר שווער צו פאַרשטעלן איזידאָר קעשיער׳ן אין די ראַליען פון קליינינקע, צובראָכענע, צומורשטע און צוטערפּעטע אידעלאַך, מיט זייערע קעפּ, וועלכע זיינען פיל שטאַרקער פאַר זייערע קערפּערס, מיט זייערע מעשים, וועלכע זיינען פיל גרעסער פון זייערע הענט און פיס, מיט זייערע השגות, וועלכע זיינען ברייטער פאַר זייערע פּלייצעס און מיט זייער ליבע און האַס, וועלכע זיינען גרעסער פון זייער האַרץ.

אים איז ליבער אַ גינאַנט מיט פּיטשענקע השגות, אים איז ליבער אַ העלפאַנט מיט אַ ביסעלע מוח.

אַט אַזאַ איד ווי וואָלף׳ס מאַטע איז הירשביינ׳ס „שדים ווייסן וואָס״ איז זיינער, אפשר ווייל ער איז ניט קיין איד.

די אומענדלאַכע תמימות און די געזונטע רואיקייט, וועלכע א. קעשיער האָט אים געגעבן זיינען ניט קיין אידישע, נאָר אין וואַלד מיט די בוימער קאָן אויסוואַקסן אַזאַ דעמב.

מלמדים, שדכנים, מעקלער, האַוועגדיגע שלים־מזל׳ס שמאַ־יענדיגע מנחם־מענדיל׳ס זיינען אים ניט צום האַרצן; ניטאָ וואָס צו אָננעמען; זייפן־בלעזלאַך, פּענכערס, שיטערע ברואים׳לאַך, לויזע נפשות׳לאַך, וואָס צוקריכן אין די הענט.

איזידאָר קעשיער איז אַ סקולפּטאָר, ער דאַרף האָבן אַ גוף, דאָס איז דער עיקר, דער גוף זאָל אַרויסשטראַלן פון זיך אַ נשמה, אָבער ניט פאַרקערט — די נשמה זאָל געבן שוואַכע אנצוהערעניש אויף אַ גוף.

און דאָס איז דאָך טעאַטער; אין טעאַטער דאַרף מען מער זעען ווי הערען.

איזאָדאָר קעשיער׳ס שפּילן זעט מען, מען זעט מער ווי מען הערט, מען זעט אַלץ אַזוי קלאָר, אַזוי דייטלאַך און אפילו דאָס, וואָס איר דאַרפט הערן זעט איר אויך, איר זעט די ווערטער, די ווערטער זיינען גוף׳ש, פּלאַסטיש און צום אָנטאַפּן ממשות׳דיג.

ער טראָגט אייך אַלץ צו צו די אויגן אַזוי נאָענט, אַז איר פילט די ממשות׳דיקייט...

דער גלח זיינער אין מערעזשאַקאָווסקי׳ס „פּעטער דער גרויסער״ איז אַזוי סקולפּטאָריש אויסגעהאַקט, אַז איר זעט אפילו זיין שכור׳לאַך זינגען.

אַ מינוט אויף דער סצענע און איר זעט אים לאַנג, לאַנג, איר וועט אים אַלע מאָל זעען, ווייל ער איז לכתחלה באַשאַפן געוואָרן צום זעען, ווייל ער איז אויסגעהאַמערט מיט אַ קרעפטיגער האַנט פון שטיין.

איז ער אַן עכטער אַקטיאָר.

און אַט נעמט ער און צוהויקערט פאַר אייך אַ מענטשלאַכן קערפּער, צוברעכט אים און קנוילט אים אויף, ליגט אין די צוברא־

בענע און צוקרימטע ליניעס סקולפּטאַרישע קלאָרקייט און פאַרענדיגטקייט.

ווי דעם סקולפּטאָר ראַדענס „מענטש מיט דער צובראָכענער נאָז" —

א קאָמפּאָזיציע פון צובראָכענע ליניעס.

דאָס זעט איר און באַוואונדערט אין זיין ראָליע פון יאַקאָב בראַגסטאַג אין איבסען'ס „גייסטער". צעמורשטע, צעקנייטשטע מאַסיוויטעט שטייט פאַר אייך.

זעט אין דער צורודערטער מאַסע פון גלידער, אין דעם בערגל צוהויקערטע אברים דעם גאַנצן מענטשן; די נשמה איז צוקרימט, צעפּיצלט, צוברעקלט און א העסליכע קוקט זי אַרויס און מאַכט שלעכטע בייזע און צו־להכעיס'דיגע גרימאַסן.

אַלע זעען עס. בלינדע קאָנען עס אפילו זעען. דאָס זעט ניט בלויז דער אידיאָט, דער פּאַסטאָר, אים נאַר באַשווינדלט ער אָפן, אים נאַרט ער אָפּ מיט אַן אָפענעם טרייפן קרעכצעלע, מיט א פּסול'ן תשובה־זיפצעלע און מיט נאַקעטע ליגנס.

עס ווערט קאַלט אַמאָל פון דעם דאָזיגן מענטשן, א וויסטער עקעל כאַפּט דיך אַרום, פאַרמאָגט אָבער א. קעשיער דעם גע־בענטשטן טאַלאַנט צו באַ'חן'ען מענטשן, איז אַפילו דער דאָזיגער ווערים־קנויל אייך אויך ליב, ער איז אייך ליב, ווייל ער איז אָפן, אַזוי אָפן ווי די ערלאַכקייט אַליין, און עס איז לחלוטין ניט זיין שולד, וואָס דער תם, דער פּאַסטאָר זעט עס ניט.

יאַקאָב איז איינער פון די שענסטע שאַפונגען אין אונזער אידישן טעאַטער, איך האָב אויף דער אייראָפּייאישער בינע, באַ די בעסטע איבסען־שפּילער, ניט געזען אַזאַ גאַנצע פיגור, אַזאַ סקולפּטאַריש אויסגעהאַמערטע, אַזוי האַרמאָניש דורכגעפירט ווי א. קעשיער האָט אים אויסגעמייסטערט.

איזידאָר קעשיער פאַרפּלאָנטערט זיך ניט אין רעאַליסטישע קליינקייטן, אין פּיטשינקע העוויות'לאַך, אין דראָבנינקע שטיינע־רישע מינעלאַך און אין נאַטוראַליסטישע נישטיגע איינצלהייטן, ער דערטאַפּט אַלע מאָל דעם הויפּט־שטריך, ער דערגרונטעוועט זיך אַלע מאָל צום תוך, ער פאַקט אַלע מאָל דעם עיקר און אויף דעם

עיקר ווארפט ער זיך ארויף מיט זיין קערנדיגן טאלאנט מיט ברען און מיט אימפעט.

דאריבער זיינען זיינע מענטשן ניט קיין צופעליג־לאקאלע, זיי זיינען אלוועלטלאכע, זיי זיינען ניט קיין טעאטראלע קאפאר־טעס, זיי זיינען לעבעדיגע, קערענדיגע מענטשן, זיי זיינען ניט קיין מאסקעס, זיי זיינען מענטשן מיט בלוט און פלייש.

און שטיל, צניעות'דיג שאפט ער —

עפעס באהאלט ער זיין גבורה אזוי ווי ער וואלט מורא געהאט פאר אן עין־הרע.

נאר די גבורה פלאצט כסדר ארויס, ער קאן זי ניט באהאלטן.

מיר וועלן אים קיין עין־הרע ניט געבן.

און אין דער שטיל וואקסט זיין אקטיארישער טאלאנט, ער וואקסט ממש מיט יעדער ראליע פאר די אויגן וואקסט ער און ווערט וואס ווייטער אלץ קרעפטיגער און פעסטער.

און נאך ליבער איז ער אונז מיט דעם וואס ער ציט ניט אויף זיך דעם סקעפטישן שמייכל פון אן אלטן, אפגעלעבטן טע־אטער־אפגאט, וואס ער סמאר'עוועט ניט און האט ניט דעם ווערמ־דיגן בטול צום פובליקום.

ער ווערט פאר'שכור'ט פון שפילן. ער האט אליין דעם גרעסטן גענוס פון שאפן, ער איז קינסטלעריש פרום, ער קוקט ניט דעם פובליקום אין די אויגן און חנ'דלט זיך ניט מיט אים פון ד'ער בינע.

באם אלטן דור אקטיארן געלערנט האט ער נאר דאס גוטע דאס עכטע פון זיי גענומען, ער האט פון זיי ניט איבערגענומען די אנגעבלאזענע זיכערקייט, דאס אייביגע צאצקען זיך מיט זיך אליין און דאס אייביגע קאקעטירן אפילו פאר א סלופ אין גאס.

גבורה, ריינע, ציכטיגע און פרומע גבורה שטראלט ארויס פון זיין שפילן.

איר פילט עס ווי ער באווייזט זיך נאר אויף דער בינע — עס ווערט פול די מינע, עס קומט א שטראם פון ווארימקייט, עס רייסט זיך ארויין שטילע ליכטיגקייט.

איר פילט אלע מאל א מענטש איז דא, א מענטש מיט פלייש

און בלוט, ניט קיין בינטל ביינער איינגעוויקלט אין טעאטראַלע שמאַטעס.

איר פילט עס, ווייל איר זעט עס אַזוי נאָענט, ממש אַ טריט פון אייערע אויגן.

דאָס איז דער באַזונדערער טאַלאַנט צו פאַרגרעסערן און דערנייענטערן צו אייך מענטשן.

דאָס איז דאָך טעאַטער!

לעבעדיעוו

מיט יאָרן צוריק איז עס געווען.

אין דער אידישער אָפּערעטע איז דער קאָמישער, טאַנצנדיגער, יונגער פּאַרשוין כסדר געווען אַ שלים-מזל מיט פּאה׳לאַך און אין אַ לאַנגער קאַפּאָטקעלע.

שמעיה׳ס, גרונם׳ס, טודרוס׳עס זיינען זיי געווען.

האַלבע נאַראָנים, קליינשטעטלדיגע טויגעניכטסן.

און דוקא אין אַ טלית-קטן און דוקא אין אַ יאַרמולקע האָבן די גרונם׳ס, די וויסטע שלים-מזל׳ס, געזונגען חלב׳דיגע קופּלעטלאַך, ברודנע לידלאַך און געמאַכט די טרייפסטע העוויות.

אויף דער רוסיש-אידישער גאַס האָט זיך שוין באַוויזן אַ נייער אידישער פאָלקס-בחור׳ל.

האַלב רוסיש און האַלב אידיש איז ער געווען.

און קיין שלים-מזל איז ער בשום אופן ניט געווען.

עפּעס האָט זיך ארויסגעפּיקט אַ רירעוודיג בריה׳לע, אַ געמיש פון רוסישער ברייטער וואָוילערישקייט און אידישער קלוגער פלינקייט.

אַ בחור׳ל מיט אַ רוסישער טשופּרינקע, מיט געפּלעשלטע שטיוועלאַך, מיט אַן אויסגענייט העמדל און אין אַ היטל, וואָס איז אַזוי שמד׳יש און אַזוי ממזר׳יש געזעסן אויף זיין קאָפּ.

עס איז געווען דער בחור׳ל, וואָס זינגט מיט זיין מיידל:

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,

שטעל דעם סאַמאָוואַר...

עס איז געווען דער אידישער בחור׳ל, וואָס האָט אָנגעהויבן טאַנצן אַ רוסישע קאַמאַרינסקע, וואָס האָט זיך דערוואוסט, אַז אויף דער וועלט זיינען דאָ בורזשוען און פּראָלעטאַריער און אַז די פּראָלעטאַריער האָבן די בורזשוען אין דער ערד.

אַ פאַרביגער געמיש פון אידישער און רוסישער פאָלקסטימלאַכקייט.

און געהייסן האָט דער בחור׳ל שוין ניט שמעיה, אָדער גרונם, נאָר ליאָווקע, יאָשקע, אָדער באָרקע.

אין לעבן האָט שוין געשווינבלט און געגריבלט פון דידאָזיגע ליאָווקעס. דער „בונד" און די אַנדערע אידיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן זיך גע׳נחת׳ט מיט דידאָזיגע לעבעדיגע, מונטערע און יאָדערדיגע קינדער פון פאָלק.

אין אַ רעוואָלוציאָנערן טומל זיינען די ליאָווקעס געגאַנגען אין פייער און האָבן זייער ליב געהאַט דעם „שפּייער" (רעוואָלווער) אין דער שטילער צייט האָבן זיי געטאַנצט, געזונגען און פאַרהילכט די אידישע גאַס מיט קנאַקעדיגע ווערטלאַך און מיט פרישן געלעכטער.

אויף דער סצענע האָבן אָבער נאָך אַלץ זיך געהאָפּקעט יונגע פּליאַסקעדריגעלאַך מיט פּאה׳לאַך און טלית־קטן׳ס.

און אָט באַוויזט זיך אויף דער בינע דער אידישער ליאָווקע.

אהרן לעבעדיעוו איז דער ליאָווקע.

ליאָווקע איז ניט קיין שלים־מזל, ליאָווקע איז ניט קיין תם, ליאָווקע איז אַ „מאַלאַדיעץ", אַ יונג מיט ביינער, ליאָווקע איז אַ פלינקער טענצער, ליאָווקע האָט אַ צונג אויף רעדלאַך, ליאָווקע קאָן אונטערשלאָגן די אויגן ווען אימיצער איז אים פוגע בכבוד, ליאָווקע שלאָגט זיך פאַר אַ מיידל, פאַר רעוואָלוציע, פאַר אַ חבר און גלאָט אין דער וועלט אריין, ווען אונטערן לעפעלע זויגט עפּעס.

ליאָווקע איז ניט קאָמיש, ליאָווקע איז פריילאַך, ליאָווקע איז ניט הויקערדיג, ליאָווקע סקריפּעט מיט די שטיוועלאַך לעבעדיג, ליאָווקע איז ניט תם׳עוואַטע, ליאָווקע איז פאָלקסטימלאַך דורכגעטריבן, ליאָווקע איז ניט קיין „יאָלד", פאַרקערט יאָלדן זיינען די באַלעבאַטישע קינדער, ליאָווקע איז ניט קיין בעל־בכי אין אָן עת־

צרה, ליאָווקע איז בייז צו די נגידים און צו די געבייבעלטע מענטשן.

ליאָווקע האָט גאָרניט און אים געפעלט דאָס, וואָס ער האָט אויף זיך ניט קיין פעקלאַך און איז אַ פרייער פויגל.

אַזוי בחור'ט זיך ליאָווקע.

ער איז רירעוודיג, ער פאָרט אין אַמעריקע, אין אַפריקע, אין ענגלאַנד.

ער בחור'ט זיך דער גוטער, ליבער ליאָווקע, ביז עס שטילן זיך איין די יונגע געבליטן און ער ווערט אַ בעל־הבית'ל...

אהרן לעבעדיעוו האָט דעמדאָזיגן ליאָווקע אַרויפגעבראַכט אויף דער סצענע און דער עולם האָט באַלד ליב באַקומען דעם „מאַלאַ־דיעץ" ליאָווקע.

ליאָווקע איז ניט שמעיה. ער לאָזט זיך ניט שפייען אין דער קאַשע!

מען האָט ליב באַקומען אהרן לעבעדיעוו, דעם פאָלקסטימלאַכן עלעגאַנטן, דעם טאַנצנדיגן, דעם זינגנדיגן און דעם ערלאַכן ליאָווקע.

אהרן לעבעדיעוו האָפקעט ניט, ער טאַנצט. ער שלעפּט ניט לעפיש די אברים פון זיין קערפּער, ער איז גלייך ווי אַ סטרונע און קוועקזילבער האָט ער אין זיינע גלידער.

אהרן לעבעדיעוו חזן'ט ניט. ער זינגט קופּלעטן שאַרף, פאַרביג און דער עיקר'שט — מונטער און לעבעדיג.

אהרן לעבעדיעוו איז אַ פריילאַכער בחור.

ער איז גוט־ברודעריש מיט'ן עולם, ניט גוט־ברודעריש, חלילה, מיט חשבון, ניין, ליאָווקע האָט ליב קלאַפּן אַלעמען איבער'ן פּלייצע.

ליאָווקע איז בטבע אַ גוטער־ברודער.

ער האָט ליב די „מאַסן", וואָס קאָנען לאַכן, ער גייט אויס נאָך די מיידלאַך, וואָס ברענען, פלאַקערן באַ אַ טענצל.

ליאָווקע קאָן גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ טאָן איבער'ן פּלייצע אפילו אַן עלטערן אידן, אַן עלטערע אידענע.

חי־געלעבט, צו אַלדי שווארצע יאָר!

די וועלט איז אַ פּאַסקודנע, אמת, אָבער כאַפּן אַ טענצל קאָן מען דאָך דוקא אין דערדאָזיגער וועלט.

ניט געדראגה'ט, ניט געזאָרגט, אָן עבירה די טרייפע טשופּרינגע,
זי קאָן נאָך אויסקריכן פון זאָרגן...

ליאָווקע מיט אַ פליך...

ניין, דאָס לאָזט זיך ניט, דאָס איז אָן אבסורד.

און אָט איז לעבעדיעוו — ליאָווקע אין אַמעריקע.

מיין גאָט, האָט מען דאָ ליב דאָסדאָזיגע פאָלקס־קינד, דאָס גע־זונטע, לעבעדיגע פאָלקס־קינד.

דער עולם איז מיט ליאָווקען גאָר ווי אנדערע צוויי.

ליאָווקע איז אַ כל־בו'ניק.

אָט טאַנצט ער ממזר'יש און אָט שילט ער פאָרד'ן, אָט אויגלט ער זיך שעלמיש מיט מיידלאך און אָט קלאַפּט ער די באָלשעוויקעס איבער'ן פּלייצע — „מאַלאַדצי“, אָנגעריבן אַ מאָרדע די בורזשוקעס, אָט חלב'ט ער מיט פסול'ע קופּלעטלאָך און אָט צעוויינט ער זיך אויף אידישע פּאָגראָמען, אָט איז ער רוסיש צעבושעוועט און אָט צע־טרערט ער זיך פון גדולה, וואָס ארץ ישראל גרינט זיך פון אידישער ארבייט.

הכלל „עמך“ —

ליאָווקע לעבט איבער אַלץ אויף זיין שטייגער.

ווי דאָס נייע „עמך“ —

ליאָווקע וועט זיך ניט אַמעריקאַניזירן, כל זמן ער איז ליאָווקע.

אין אפריקע, אין אַמעריקע, אין ענגלאַנד נעמט ער מיט זיך די רוסישע גאַרמאָנישקע.

אַ מחיה'דיגער בחור.

ליאָווקע בחור'ט זיך אָבער ניט לאַנג.

עס גייט אוועק די יוגנט, ליאָווקע באַקומט פאָרט אַ פליך...

ווערט ליאָווקע באַבייכלט...

אהרן לעבעדיעוו איז אָבער דער אייביגער ליאָווקע.

ער איז שוין ניט קיין יונגערמאַן דערדאָזיגער סצענישער ליאָוו־קע און ער איז נאָך אַזוי ברויזנד־יונג, אַזוי שטורמיש־פלינק.

זעצט ער אַרויף דאָס היטל „נאַבאַק“ און גיט אַ פינטל מיט די אויגן, איז ער דער צוואַנציג יעריגער ליאָווקע.

און וואָלט איר געוואוסט ווי ליב אהרן לעבעדיעוו האָט זיין אַקטיאָרישע פּראָפעסיע, ווי ערנסט און ערלאַך ער באַציט זיך צו איר.

ער אַרבייט, ער אַרבייט פיל און מיט חשק.

ליאָווקע איז בטבע אַ האָרעפּאַשניק, ליאָווקע האָט ליב אַרבייטן, ליאָווקע האָט פיינט המצאות און לייכטע דריידלאַך.

מען זעצט זיך אַרבייטן דאַרפן פליען פונקען.

ליאָווקע האָט פיינט אָפּצונאַרן זיך אַליין און אָפּצונאַרן אַנדערע.

ביסטו, ברודער ליאָווקע, אַן אַקטיאָר, גיב אַרויס אַ גוט און ערלאַך שטיקל אַרבייט.

מיר, ליאָווקעס, אַרבייטן מיט'ן ביטערן שוויים, מיר ווייסן ניט פון קיין קונקל־מונקל געשעפטן.

אַז טאַנצן איז געטאַנצט.

די פיס אויף פּרוזשינעס, די הענט ווי פליגלען.

מען דאַרף לערנען, מען דאַרף אַרבייטן איידער מען גיט אָפּ דאָס שטיקל טאַנץ־אַרבייט דעם פּובליקום.

אַז זינגען איז געזונגען.

מען דאַרף לערנען, מען דאַרף אַרבייטן איידער מען טראָגט אָפּ דאָס שטיקל געזאַנג צום פּובליקום.

און אַלע דאַרפן אַרבייטן, די קלענערע, די גרעסערע, די גוטע אַרבייטער און די לערן־אינגלאַך.

עס איז ניט קיין חסיד'ישע מלוה־מלכה מען כאַפּט ניט און מען שלינגט ניט אין איילעניש ניט צעקייענדיג.

און אַז דאָס ליבע פּובליקום בעט איבערזינגען, אָדער איבער־טאַנצן עפּעס, איז ניט געחנ'דלט זיך אינטעליגענטיש —

חנ'דל זיך ניט, ליפּער, וואָס דו קאָנסט דעם ברודער פּובליקום. זיי ערלאַך צו אים וועט ער זיין ערלאַך צו דיר.

ליאָווקע האָט אַ געזונטע, אַ יאָדערדיגע לעבנס־פילאָזאָפיע.

ליאָווקען גייט גוט אין אַמעריקע.

און איך פאַרגין דאָס אים פון גאַנצן האַרצן.

ער געפעלט מיר אַמאָל אויך.

איך וועל מיט אים קיין אידישע קולטור ניט בויען, אָבער ליאָוו־

קע האָט אַ גוט געהער און הערט זיך צו אַלץ צו. איך וועל מיט אים קיין נאַציאָנאַלע קונסט ניט שאַפן, אָבער ליאָווקע וועט מיר קיינמאָל ניט שטערן אין מיין אַרבייט.

און אויב איר ווילט אַט ליאָווקע אויפגעטאָן זייער פיל.

ליאָווקע האָט באַוויזן פיינפילנדיגקייט און קינסטלערישע עד־לאַכקייט.

ער האָט פאַרשטאַנען אַז צו אַ שטיפערישן קופּלעט דאַרף מען קיין טלית־קטן ניט.

ער האָט פאַרשטאַנען אַז צו אַ קאָמאַרינסקע דאַרף מען קיין יאַרמולקע ניט.

ליאָווקע איז ניט קיין פרומאַק, אָבער חלב'ענע ליכט עסט ער ניט אויף צו להכעיס.

ליאָווקע פאַרמאָגט אַ געזונטן און פיינעם חוש.

ליאָווקע איז ניט קיין פּרינציפּיעלער לעסטערער.

איך בין אַ שטיפער, איך בין ליאָווקע, אָבער חוזק'ן פון דעם, וואָס באַ אַנדערע איז הייליג — דאָס ניט.

איך בין אַ „מאַלאָדיעץ", אַ שמד'יש לידל וועל איך זינגען און אַ פּאַניש העמדל און ניט אין אַ טלית־קטן.

איך בין טאַקע ליאָווקע, אָבער איך בין אַ קינסטלער אויך און אויף מיין שטייגער זוך איך גאַנצקייט און אויסגעהאַלטנקייט.

און פּרובירט מיר זאָגן, אַז איך בין ניט ערלאַך אין מיין אַרבייט, וועל איך אייך די אויגן אונטערשלאָגן.

ליאָווקע!

איך בין ערלאַך אָן חכמות. איך גלאָץ ניט מיט די אויגן צום הימל, עס אי זניט מיינע ביזנעס צו ברענגען קינסטלערישע ישועות פאַר'ן פאָלק ישראל. אָבער איך וועל פון מיין טאַטנס טלית־זעקל ניט מאַכן קיין זעקל פאַר בולבעס.

איך בין ליאָווקע און אַזאַ וויל איך זיין.

דו ביסט אַל־ראַיט, ליאָווקע, דו וועסט אַלעמאָל זיין אַל־ראַיט. דו ווילסט ניט איבערשפּרינגען איבער דיינע אייגענע פּלייצעס. דו האָסט צו קיינעם קיין טענות ניט, דו ביזט אַ גוטער, אַן ערלאַכער האַרעפּאַשניק אויף דיין קונסט־געביט.

הלואי וואָלטן אַנדערע, וואָס בלאָזן זיך ריין־קינסטלעריש, געווען אַזוי אַרבייטזאַם און אַזוי איבערגעגעבן ווי דו צו דער אַרבייט, וואָס זיי טוען.

דו ביסט אַל־ראיט, דו וועסט אַלעמאָל זיין אַל־ראַיט.

פריי זיך, „עמך", ווי דו קאָנסט און ווי דו ווילסט.

ב. גאָרין

מיט אַזעלכע ווי ב. גאָרין בענשט זיך יעדע ליטעראַטור און יעדע קולטור. זיי שאַפן, זיי אַרבעטן שטיל און באַשיידן און מזל־ברכה'דיג, שפּע'דיג איז זייער אַרבעט און זייער שאַפן.

זיי ווייסן שטענדיג וואָס זיי ווילן און דעריבער איז ניטאָ אין זייער שאַפן קיין בלינדע און בלאָנדזשענדע צופעליגקייט. זיי ווייסן גענוי זייערע מעגלאַכקייטן און דעריבער איז ניטאָ קיין שרייענדע פּאָזע און קיין קרעכצענדיגע אָנגעשטרייינגטקייט אין זייער שאַפן.

זיי זיינען די קלוגע, די אַרבעטסזאַמע און זיי זוכן אויס אַ פאַרלאָזנעם ווינקל אין דער קולטור, ריכטן אים אויף און ברייגגען אין אים אַריין ליכט און לעבן.

איך ווייס ניט ווער עס האָט געשאַפן דעם אידישן טעאַטער, צי גאָלדפאַדן, צי ב. גאָרין.

אפשר איז דאָס אידישע טעאַטער געוואָרן ערשט אַ טעאַטער, ווען ב. גאָרין האָט אָנגעשריבן זיין געשיכטע.

יעדע קולטורעלע ערשיינונג, וואָס האָט ניט קיין געשיכטע איז אַ בלאָנדזשנדע צופעליגקייט, אַ פאַראיבערגעהענדער קאַפּריז, אַ מאָמענטאַלער אויפבראַז.

מיט דעם מאָמענט, וואָס די געשיכטע גיט איר אַ תיקון, מיט דעם וואָס זי קייטעלט זי אַריין אין דער לאַנגער קייט און אין דעם געוועב פון דעם פאָלקס קולטור, ווערט זי ערשט אַ ווירקלאַכקייט, אייביגקייט און נויטווענדיגקייט.

ב. גאָרין האָט אַריינגעוועבט דעם אידישן טעאַטער אין אונ־

זער קולטור געשיכטע און דער טעאַטער איז געוואָרן „אַ ביין פון אונזער ביין און פלייש פון אונזער פלייש“.

ער האָט דעם אונטערגעוואָרפענעם קינד געגעבן אַ טאַטען און אַ מאַמען, ער האָט פאַר אים נאָהענטע קרובים אויסגעזוכט און איז אויפגענומען געוואָרן אין דער עלטער, פיינער און יחוס־דיגער משפחה פון אונזערע קולטור שאַפונגען.

מען זיך די וויס־בערדיגע מיוחסים ברוגז'ן, מעגן זיך די גרויסע שטערנס קנייטשן פון קווענקלעניש, מעגן זיך די זיידענע אדירים מורמלען, עס וועט גאָרניט העלפן, ב. גאָרין האָט אויסגעזוכט די יחוס בריף און האָט באַוויזן, אַז דאָס אידישע טעאַטער איז אַ לייבלאַך קינד פון אונזער קולטור.

פון אַזאַ קינד קאָן מען זיך ניט אָפזאָגן...

אייגן בלוט און פלייש!

איז אפשר ב. גאָרין דער שעפער פון אידישן טעאַטער.

ווען ניט ב. גאָרין וואָלט אפשר דאָס אידישע טעאַטער געבליבן אַן אונטערגעוואָרפן קינד ביי דער טיר פון אונזער קולטור.

געשיכטע איז יחוס בריף, געשיכטע באַרעכטיגט און גלייכבאַרעכטיגט.

און נאָך אַ גרויסן און וויכטיגן תיקון האָט ער געגעבן אונזער טעאַטער.

ער האָט געשאַפן די טעאַטער קריטיק.

קריטיק פאַר'קהלט אַ זאַך. זי רייסט זי אַרויס פון דעם יחיד'ס רשות און מאַכט זי פאַר אַ געזעלשאַפטלאַכע, פאַר אַ פאָלקס אַנגעלעגנהייט.

די קריטיק האָט קיין שום שליטה נישט אויף פּריוואַטע אַנגעלעגענהייטן.

און ווער ווייסט, אפשר וואָלט אונזער טעאַטער געבליבן אַ פּריוואַטע אַנגעלעגנהייט, ווען די קריטיק וואָלט ניט געקומען און געמאַכט פון אים אַ פאָלקס אַנגעלעגנהייט, אפשר וואָלט אונזער טעאַטער געבליבן אין שיינקל, ווען די קריטיק וואָלט ניט קומען און אים ניט אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט. אפשר וואָלט דאָס אידישע טעאַטער געבליבן מחוץ למחנה פון אונזער קולטור, ווען די קריטיק

וואלט ניט געקומען און זיך ניט אַנגעבייזערט אויף אים ווען עס איז געווען נויטיג און א גלעט געטאָן אים פעטערלאך ווען ער האָט פאַרדינט.

קריטיק דאָס איז די דעה פון קהל אויף זאכן, וועלכע געהערן איהם, ווען אפילו פּריוואטע מענטשן בעל הבית'עווען איבער זיי.

און מיט דעם מאָמענט, וואָס עס איז געקומען די ערלאַכע, ערנסטע און אויפריכטיגע קריטיק איז דאָס אידישע טעאטער געוואָרן קולטור. אידישע קולטור, אויף וועלכע דאָס פאָלק האָט א דעה און א קאָנטראָל.

און טעאטער קריטיק ווי א שטענדיגע אויפזעהערין, ווי א שטענדיג וואכעדיג אויג און ווי א שטענדיגע היטערין הויבט זיך אָן פון ב. גאָרין.

ער איז דער ערשטער טעאטער קריטיקער בא אידן, וואָס שטעלט אונזער טעאטער פּרינציפּיעלע קינסטלערישע פאָדערונגען, טעאטער איז פאר אים א טייל פון דער אידישער אויפלעבענדער קולטור און ער פאָדערט פון אים, אז ער זאָל גיין פוס בא פוס מיט דער אידישער קולטור.

— איך האָב דיך מיט דער אידישער געשיכטע באהעפט, איך האָב דיר שיינע קרובים אויפגעזוכט, דארפסטו גיין מיט זיי, לעבן מיט זייערע אידעאלן, מיט זייערע מנהגים און מיט זייערע באגריפן!

אריין אין יחוס, האַלט זיך יחוס'דיג און פיין ווי די ברידער און שוועסטער אין דער אידישער קולטור.

ב. גאָרין איז געווען א שטרייננגער קריטיקער, ווייל ער האָט דעם אידישן טעאטער גענומען ערנסט, ווייל ער איז געווען א מדריך, וואָס האָט כסדר מורא אז דער צעשויבערטער און שטי־פעריזשער תלמיד זאָל זיך ניט אויסגליטשן און ארויסרייסן זיך פון דער געשיכטע, וואו ער האָט פאר אים אזא בכבוד'יגן פּלאַץ געמאַכט.

ב. גאָרין איז געווען אפשר דער איינציגער טעאטער קריטי־קער, וואָס האָט געהאַט א שיטה, וואָס האָט געהאַט קלאָרע און פעסטע פּרינציפּן און וואָס האָט געגוי געוואוסט וואָס ער וויל פון טעאטער. איר וועט בא אים ניט געפינען קיין פלאַפּלענדיגע

מבינות־זאַגעריי. איר וועט בא אים ניט געפינען קיין הפקר'דיגע קאַפּריזן און קיין וואוּיליונגערישע קנאַקערייי.

ער איז ניט געזעסן ווי אַ אָריענטאַלישער געביטער און גע־גנעדיגט אָדער פאַר'משפּט זיינע טעאַטער אונטערטאַנען, די אַק־טיאָרן און די דראַמאַטורגן, ער האָט קיין פּאַפּירענע קרוינען קיי־נעם ניט אָנגעטאָן און האָט קיין קעפּ מיט קיין קריטיק ניט גע־האַקט.

ער האָט דעם טעאַטער פון זיין עפּאָכע מיט התמדה געלערנט און האָט אים פאַרשטאַנען.

איז ער דער ערשטער, ריכטיגער טעאַטער קריטיקער בא אידן.

און דער מענטש, וואָס האָט דעם אידישן טעאַטער די גרעסטע צוויי תיקונים געגעבן, איז געוועז אַזוי באַשיידן און אַזוי פאַר־זיכטיג.

עס איז אַלעמאָל געוועז די נויטיגע דיסטאַנץ צווישן אים און טעאַטער: ניט צו נאָענט, אַז ער זאָל ווערן מיט אים צו אינטים און ניט צו וויט, אַז ער זאָל מיט אים זיין פרעמד.

און זעלטן ווען אַ טעאַטער קריטיקער קאָן זיך אוועקשטעלן אויף דער ריכטיגער דיסטאַנץ און בלייבן אָביעקטיוו. די מייסטע ווערן פון צופיל נאָענטקייט אליין פאַראַקטיאָרעוועט, אָדער זיי שטעלן זיך פון וויטן און בלייבן פרעמדע און נעמען אָן די פּאָזע פון קאַלטע און שטרייגנע שופטים.

ער האָט געפונען דעם ריכטיגן טאָן.

די טעאַטער קריטיק קאָן זיך ניט חבר'ן מיט אונזער טעאַטער, דאָס טעאַטער איז נאָך ניט אויסגעוואַקסן צו אַזא מדרגה, אַז ער זאָל גאַרן, אַז ער זאָל זוכן די אָפענע און אויפריכטיגע מיינונג וועגען זיך און רעבענען זיך מיט איר אויס ריין קינסטלערישע פּניות, ער איז שוין אָבער אויף אַזוי פיל אויסגעוואַקסן, אַז מען דאַרף ניט שטיין איבער אים מיט אַ טייטל און אַ קאַנטשיק.

איז ער געוועז דער איינציגער טעאַטער קריטיקער פון גאַנ־צען טעאַטער דור.

און אזוי ווי ער האָט געקאָנט זיין ערלאַך צו אנדערע אזוי האָט ער געקאָנט זיין שטריינג און ערלאַך צו זיך אַליין.

אין דער פאָררעדע צו זיין געשיכטע פון אידישן טעאַטער איז דאָ אָפענהארציגסטע און די ערלאַכסטע קריטיק. איבער זיין ווערק אויף וועלכן ער האָט געארבעט יאָרן.

דאָ ווייזט ער אייך אַליין אָן אויף די פעלערן, וועלכע זיין ארבעט האָט, דאָ אנטפלעקט ער פאַר אייך די סבות, די ריכטיגע סבות פארוואָס זיין ארבעט איז ניט אין גאַנצן השלמה'דיג.

די וואָס האָבן געשריבן וועגן זיין בוך און עס קריטיקירט, האָבן בלויז איבערגע'חזר'ט דאָס, וואָס ער אַליין האָט געזאָגט וועגן זיין ארבעט.

און דאָס איז לחלוטין ניט קיין געמאַכטע באשיידנקייט און ניט קיין גדלות, וואָס עניו'ט זיך, דאָס איז קלוגע און ערלאַכע אָפענהארציגקייט.

ער זאָגט אויף זיך אַליין אז זיין זשאַנר און זיין טעמפּעראַמענט איז ניט פון אַ שרייבער פון געשיכטע, זיין ארבעט איז פריער געדרוקט געוואָרן אין פאָרם פון ארטיקלען אין פארשידענע פעריאָדישע אויסגאַבן און דעריבער האָט זי אָנגענומען דעם אינטימען כאַראַקטער פון ארטיקלען.

דער ערשטער היסטאָריקער פון אידישן טעאַטער האָט געוואוסט קלאָרער און דייטלאַכער די הויפּט פעלערן פון זיין לעבנס ארבעט, ער איז אפשר געווען צו באַשיידן און צו שטריינג צו זיך אליין.

ער האָט געלייגט אַ געזונטן פונדאַמענט פאַר דער געשיכטע פון אידישן טעאַטער, ער האָט פון כאַאָס, פון צעזייטע שטיקלאַך און ברעקלאַך, פון טעאַטער פּליאַטקעס און פון בערג באָבע מעשיות אויפגעבויט אַ גאַנצן בנין.

עס וועלן קומען אַנדערע און וועלן צופּוצן דעם בנין, באַשיינען אים מיט געזימסלאַך, זיי וועלן אים באַפארבן, זיי וועלן אים פארשטאַרקן, פארפעסטיגן, אָבער דער פונדאַמענט און דער גאַנצער בנין וועט בלייבן גאָרין'ס.

ער האָט געשאַפן די געשיכטע פון אידישן טעאַטער.

מיט'ן טעאטער יאָרנלאַנג געלעבט און געווען אזוי ווייט פון טעאטראַלער אָנגעבלאָזענער גדלות.

ער איז געבליבן דער צנוע, דער האַלב־שעמעוודיגער מענטש.

דאָ ניט לאַנג האָט מען אין טעאטער געפייערט זיין יובילײ.

איז עס געווען דער אַנשטענדיגסטער, דער פיינסטער יובילײ וואָס איך האָב אין מיין לעבן געזען.

מען האָט ארום דעם דאָזיגן פיינעם מענטשן ניט געקאָנט אויפהויבן דעם ביליגן יובילײ־שטויב מיט די אָפּגעדראָשענע פראַזן, מיט אָפּגענוצטע יובילײ שבחים און מיט דער פענבערדיגער באָמ־באַסטיק.

מען קאָן ניט אַרום אַן ערלאַכן און קלוגן מענטשן אַראָפּלאָזן די ווילדקייט פון קייט.

די קלינגענדיגע פראַזע איז פאַרשטומט געוואָרן און מען האָט געהערט דעם ריינעם קול פון געוויסן.

האָב איך געזען ערנסטע באַציאונג צו דעם מענטשן, וואָס האָט דעם אידישן טעאטער אַ תיקון געגעבן. איך האָב געזען אכטונג און טיפן דרך ארץ.

האָט עס מיך געפרייט:

אין דעם ביליגן אַמעריקאַנישן געפּילדער, וואו מענטשן לויפן און שרייען מיט די לעצטע כחות, כדי מען זאָל זיי באַמערקן. כדי מען זאָל זיך ארומקוקן אויף זיי, האָט מען באַמערקט דעם שטילן, דעם באַשיידענעם מענטשן.

איז נאָך ניט הפקר אַ וועלט, קאָנען נאָך עמי הארצים מיט אויפגעריסענע מיילער ניט פאַרשרייען און ניט פאַרטומלען דעם אידישן עולם און אין גרויסן טומל אונטעררוקן אים געצקעס אָנ־שטאָט געטער.

דאָס האָב איך בחוש געזען אויף דעם יובילײ פון ב. גאָרין.

איז צוגעמאַכט געוואָרן דאָס אויג וואָס האָט געוואַכט איבער אונזער טעאטער און טויט ליגט די האַנט, וואָס האָט אַלץ פאַר־שריבן.

פון קינדווייז אָן האָב איך געזען אַ גרויס בילד אין די גרויסע ווערטער:

הפנקס פתוח והיד כותבת: דאָס בוך איז אָפן און אַ האַנט שרייבט אַלץ אריין.

צענדליגער יאָרן איז ערגיץ איבער'ן טעאַטער געווען אַ בוך אָפן און אַ האַנט האָט אַלץ פאַרשריבן.

און עס האָט זיך אָנגעשריבן די געשיכטע פון אידישן טע־אַטער.

און דער טעאַטער האָט געוואוסט, ער האָט געפילט, אַז דאָס בוך איז אָפן און די האַנט שרייבט. און אַז מען ווייסט עס, אַז מען פילט עס, כאַפּט זיך אָפּט אריין אַ הרהור תשובה אין האַרצן.

קריטיק

קונסט טעאטר

מיט דעם קונסט־טעאטער הייבט זיך אָן א נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דעם אידישן טעאטער.

עס הייבט זיך אָן די וועלטלאכקייט פון אידישן טעאטער.

ניט די וועלטלאכקייט אלס קעגנזאץ צו רעליגיע, נאָר די וועלט־לאכקייט אין א ברייטערן זין — די וועלטלאכקייט, וואָס פּאסט אויף אפילו רעליגיע וועלטלאך.

ער איז דער ערשטער אידישער טעאטער, וואָס איז געבאָרן גע־וואָרן אין שוים פון דער מאָדערנער אידישער קולטור. ער איז דע־ ערשטער אדישער טעאטער, וואָס לעבט און וואקסט אין דער אט־מאָספערע פון דער נייער אידישער קולטור, אין דער אטמאָספערע פון אידישער וועלטלאכקייט.

דער אָנהויב פון אידישן טעאטער איז נאאיוו־משכיל'ישער קאמף בלויז פאר וועלטלאכע לעבנס־פאָרמען. די וועלטלאכע טעא־טער־פאָרמען זיינען בלויז א צופאל, זיי קומען בהיסח־הדעת, און מייסטנס זיינען זיי נאָך נאאיוו בית־המדרש'דיגע.

טעאטער איז נאָך בלינדער אינסטינקט.

טעאטער איז הפקרות, משכיליזם פון המון און רויע תשוקה צו פרייד.

דער אָנהויב איז אָבער, ווי יעדער אָנהויב, יום־טוב'דיג, נאאיוו חדוה'דיג און אינטואיטיוו־שעפעריש.

דערנאָך קומט גרויע וואָכעדיקייט, דער המון־ישער משכיליזם ווערט פארגרעבט און פארמיסטיגט.

דער אידישער טעאטער האָט ניט קיין בארירונגס־פונקטן מיט דער אידישער ליטעראטור, מיט די גייסטיגע און קינסטלערישע

שטרעמונגען אויף דער אידישער גאַס און מיט די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען פון דעם אידישן לעבן.

דער אידישער טעאַטער ווערט דער ישוב'ניק, דער עם־הארץ אויף דער אידישער גאַס.

די יעקב גאָרדין עפּאָכע —

עס איז דער אויפקום פון אַ נייעם המון־משכּלים.

יעקב גאָרדין איז דער רבי מיט'ן גרויסן טיטל, וואָס לערנט פּשוט'ע עברי, די עברי, וואָס זיינע חברים האָבן געלערנט אין אַר־טיקלען און אויף פאַרזאַמלונגען.

טעאַטער ווערט אַ באַהעלפער בא אַ מלמד פון ראַדיקאַלן אלף־בית.

עס זיינען, אמת, געווען ליכטיגע, אויפבליצנדע מאָמענטן פון טעאַטער־שאַפונג, אָבער דאָס זיינען געווען בלויז אויפברויז פון רויער קראַפט, איבערראַשונגען און גליקלאַכע צופאַלן.

ניסים לאָזן זיך ניט צוימען, ניסים קאָן מען ניט איינשפּאַנען, זיי גייען ניט אין שפּאַן.

איז — אַט דערנעענטערט זיך דאָס אידישע טעאַטער צו אידישער קולטור און אַט שפּרינגט ער אָפּ פון איר אויף טויזנט מייל. אַט איז ער אַן אייגענער און אַט איז ער אַ ווילד פרעמדער.

דאָס קונסט־טעאַטער איז דאָס קינד פון דער מאָדערנער אידי־שער קולטור, עס איז אַ שטיק פון דער אידישער נייער קולטור.

ער איז דאָס בלוט און פלייש פון דער אידישער קולטור, ער לעבט איבער אַלע ליידן און פריידן, אַלע קינסטלערישע און גייסטיגע אויפברויזן פון דער נייער אידישער קולטור.

אין קונסט־טעאַטער געפינט דאָס נייע אידישע לעבן זיין טע־אַטראַלן אויסדרוק, ווי עס האָט געפונען אין דער אידישער ליטעראַ־טור און אין אַנדערע צווייגן פון דער אידישער קונסט.

די התקרבות פון אידישן טעאַטער מיט דער נייער אידישער קולטור איז שוין לחלוטין ניט קיין צופעליגע און ניט קיין ניסים'דיגע.

דאָס קונסט טעאַטער קאָן שוין פּלוצלונג ניט תּפשפּרינגען און

אפגעפרעמדט ווערן פון דער אידישער קולטור, ווי עס האט פאסירט מיט'ן פריערדיגן אידישן טעאטער.

פארפאלן — ער געהערט מיט לייב און לעבן צו דער מאדערנער אידישער קולטור. ער איז אליין א שטיק מאדערנע אידישע קולטור — און פון זיך אליין קאן מען ניט אנטלויפן.

זיינען מיר זיכער מיט אים. דאס ערשטע מאל אין דער גע־שיכטע פון דעם אידישן טעאטער האבן מיר דיזאזיגע זיכערקייט.

און דאס איז אפשר דאס גרעסטע און שענסטע אין דעם קונסט־טעאטער.

סך־הכל אכט יאר האט הינטער זיך דער קונסט־טעאטער.

ער האט אבער אזוי קינסטלעריש־אינטענסיוו, אזוי שעפעריש־ברויזנדיג און מיט אזוי פיל פלאמענדיגער ענערגיע געלעבט, אז ער האט דורכגעמאכט אין אכט יאר דאס, וואס אנדערע טעאטערס האבן דורכגעמאכט אין 25 יאר.

ער האט אנגעיאגט די גרויסע פארשפעטיגונג פון אונזער טעאטער.

און מיר האבן גוואלדיג פארשפעטיגט.

ער האט פאר די אכט יאר דאס בעסטע פון דער אידישער שאפונג דורכגעשפילט און דאס סאמע כאראקטעריסטישע פון דעם וועלט־רעפערטואר דורכגעפירט.

א גוואלדיג נייגעריגער, מיט דעם ענטוזיאזם פון א קינד, אין דער גרויסער טעאטער־וועלט, האט ער זיך ניט פארמארינירט און זיך ניט איינגעשלאסן אין איין טעאטער־ריכטונג און אין איין טע־אטער־שיטה; די גרויסע נייגעריגקייט האט אים געיאגט פון איין עקסטרעם צום אנדערן, פון איין טעאטער ריכטונג צו דער אנדערער, פון איין טעאטער־שטרעמונג צו דער אנדערער און פון אידישן רע־פערטואר צום וועלט־רעפערטואר.

פאר פארטיפונג האט ער קיין צייט ניט געהאט. די נייגעריג־קייט מיט אירע גרויסע אויגן האט אלץ געוואלט איינשלינגען.

און וואונדערלאכע דרייסטקייט האט ער ארויסגעוויזן; ער האט זיך פאר קיין זאך ניט אפגעשראקן. מיט אימפעט און מיט

שטורם האָט ער גענומען דאָס, וואָס דאַרף גענומען ווערן מיט גרויס ישוב־הדעת און מיט היסטאָרישן געדולד.

און זיין דרייסטקייט איז אים כסדר בייגעשטאַנען. זי האָט אים כסדר אַרויסגעהאָלפן. ער האָט דורכגעבראָכן נייע וועגן און האָט דעם אידישן מיטגעשלעפּט נאָך זיך.

און גראָד איז אונז נויטיג געווען די דאָזיגע דרייסטקייט, דער דאָזיגער אימפּעט און די דאָזיגע ברויזנדיגע נייגעריגקייט.

אָניאָגן — דעמדאָזיגן באַפעלנדיגן געשריי הערט איבער זיך יעדער אידישער קינסטלער. איבער דער אידישער ליטעראַטור הילכט דער דאָזיגער געשריי, איבער דער נייער אידישער שול, איבער דער יונגער אידישער וויסענשאַפט און בכלל איבער אונזער גאַנצער קולטור דונערט ער.

אויף אַ טעאַטראַלן תיקון האָט געוואַרט כמעט די גאַנצע אידישע ליטעראַטור.

עס האָט געוואַרט דער גאון פון דעם אידישן טראַגי־קאָמיזם — שלום עליכם.

זיינע וואונדערלאַכע סצענישע געשטאַלטן האָבן קיין תיקון אין טעאַטער ניט געהאַט.

ווערט שלום עליכם טעאַטראַליש אַנטפּלעקט אין קונסט־טעאַטער.

אָבער עס וואַרטן אַנדערע. עס וואַרט אפילו דער „פאָטער פון אידישן טעאַטער" — אברהם גאָלדפאַדן, ער דאַרף האָבן זיין נייעם, מאָדערנעם און וועלטלאַכן תיקון.

ווערט די נאַאיווע און ליבע יוגנט פון דעם אידישן טעאַטער באַנייט און אָפּגעפרישט.

עס וואַרט פּרץ מיט זיין „גאָלדענע קייט".

עס וואַרטן דורות פון אידישן שאַפן — פון מענדעלי מוכר־ספרים ביז חנא גאָטעספעלד; פון י. ל. פּרץ ביז ה. לייוויק; פון אַנ—סקי ביז בימקאָ; שלום אַש און יונה ראָזענפעלד, לעאָן קאָברין און אָסיפ דימאָוו, ה. סעקלער און ס. יושקעוויטש, פּרץ הירשביין און משה נאַדיר.

און די גרויסע וועלט־ליטעראַטור מוז אויך קומען צום וואָ־ט

אין דעם נייעם וועלטלאַכן טעאַטער, אין דעם טעאַטער, וואָס איז אַרויס פון דער געטאָ אין דער גרויסער וועלט; אין דעם נייעם טעאַטער, וואָס איז אידיש־וועלטלאַך.

די אידישע ליטעראַטור האָט זיך פאַר׳חבר׳ט מיט דער וועלט־ליטעראַטור, זי איז שוין ניט געטאָ־ליטעראַטור. זי איז וועלט־ליטעראַטור.

יאָגט דער אימפּעט פון דער נייער טעאַטער־שאַפונג פון נ. גאָ־גאָל צו מ. גאָרקי, פון בענאַווענטע צו ראָמען ראָלאַן, פון פּאָול הייזע צו ערנסט טאָלער, פון מאָליער צו לעאָניד אַנדרייעוו, פון העריק איבסען צו ג. הויפּטמאַן.

איז דער רעפּערטואַר ענציקלאָפּעדיש און די אויפפירונגען מוזן אויך זיין ענציקלאָפּעדיש.

אָבער עס געשען ממש ניסים: אין אימפּעט איז דאָ ישוב־הדעת.

אין שלום עליכם איז דאָ פּאַרטיפונג און אין ראָמען ראָלאַן — דורכגעטראַכטקייט, אין לייוויק איז דאָ ברייטער ווייטאָגדיגער געמיט און אין אברהם גאָלדפאַדען — קינדישער שפּיל, אין פּרץ הירשביין — קערנדיגע פּאָלקסטימלאַכקייט און אין גאָרקי און אַנדרייעוו — וועלט־שמערץ.

מיט שאַרפער אידישער אינטואיציע ווערט באַנומען דאָס, וואָס פאָדערט לאַנגע אַרבעט און געדולדיגע פּאַרטיפונג.

אין אַכט יאָר ווערט אָנגעיאָגט, וואָס עס איז פאַרשפּעטיגט געוואָרן אויף גאַנצע פופציג יאָר.

אין דידאָזיגע אַכט יאָר ווערט באַשאַפן דער אַקטיאָר פאַר׳ן וועלטלאַכן אידישן טעאַטער.

מען קאָן זיך שוין מער ניט פאַרלאָזן אויף אַ נס ווי דוד קעסלער, ווי מאָגולעסקאָ און ווי יעקב אַדלער.

מען דאַרף דעם קולטיווירטן, דעם געזעצטן און דעם נאָרמאַל־שאַפנדיגן אַקטיאָר.

פאַר אַ שטענדיגן וועלטלאַכן טעאַטער דאַרף מען דעם שטענדיגן וועלטלאַכן אַקטיאָר.

און עס וואַקסן אויס, ווי דורך אַ כישוף, אַ גאַנצע מחנה אידישע שוישפּילער, זיכערע, באַוואוסטזיניגע און פעסטע.

עס ווערט אָפּגעשאַפט דער אַקטיאָר־נס, דער אַקטיאָר־קאַפּריז, דער אַקטיאָר־צופאַל און דער אַקטיאָר פון איין גרויסן חן'דל און פון אַ תהום מיט ווילדקייטן.

מיט'ן קונסט־טעאַטער פאַרענדיגט זיך די מעשה־בראשית־עפּאָכע פון דעם אידישן טעאַטער, אין וועלכער גאָטס גייסט האָט געשוועבט איבער'ן תוהו ובוהו.

די אידישע טעאַטער־וועלט האָט זיך איינגעשטעלט.

דאָס קונסט־טעאַטער האָט ארויסגעפירט דעם אידישן טעאַטער פון זיין פּרימיטיווער, פּראָווינציעלער און ישוב'ניקשער טעאַטער באַנעמונג און פון זיין פּיעסע־פעטישיזם.

ער האָט דער ערשטער געשטעלט דעם טראָפ אויף דער אויפפירונג, אויף די ריינע טעאַטער־ מיטלען, אויף די באַזונדערע טעאַטער מעטאָדן און אויף טעאַטער ווי אַ באַזונדער אויסדרוק־מיטל.

אין זיין אימפּעט האָט ער קיין צייט ניט געהאַט ארויסצובריינגען עס אין אַ שאַרפער און בולט'ער פאָרם.

ער האָט דאָ אויך געמוזט זיין ענציקלאָפּעדיש; געבן בלויז קורץ־געפאַסטע און אויבערפלעכלאַכע באַגריפן.

ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּשטעלן אויף איין טעאַטער־שיטה און דורכפירן זי מיט פילאָזאָפישער רואיגקייט און שטרייננקייט.

דער ענציקלאָפּעדישער רעפּערטואַר, וואָס איז דאָ רעאַליסטיש, דאָ פאַנטאַסטיש, דאָ נאַטוראַליסטיש, דאָ סימבאָליש, דאָ שטריינג ליטעראַריש און דאָ שאַרף טעאַטראַליש, האָט געמוזט ברעכן די ליניעס, האָט געמוזט צעדודערן די אויסגעהאַלטנקייט.

אָבער קורצע אָנדייטונגען אויף אַלע טעאַטער־שיטות זיינען געגעבן געוואָרן אין די אַכט יאָר.

קורצע אָנדייטונגען, אַמאָל נעפּלדיגע און אַמאָל זייער שאַרפע, אַמאָל צוליב איילינקייט פאַרגרייזטע און אַמאָל דורך שאַרפער אינטואיציע קלאָר און ריכטיגע.

דער איין־איינציגער קונסט־טעאַטער אין אַמעריקע האָט געהאַט די מיסיע פון אַ האַלבן טוץ טעאַטערס.

ער האָט באַדאַרפט פאַרטיפן דעם רעאַליזם, ער האָט באַדאַרפט אַריינפירן סימבאָליזם, ער האָט באַדאַרפט אונטערשטרייכן טעאַטראַלישקייט, ער האָט באַדאַרפט דער סאָציאַלער דראַמע געבן דאָס וואָרט, הכלל — ער האָט געמוזט געבן אַ תיקון אויף די אַלע טעאַטער־ריכטונגען אין אידישן טעאַטער.

פאַר אַכט יאָר איז אָפּגעטאָן געוואָרן אַ גיגאַנטישע אַרבייט.

עס איז באַשאַפן געוואָרן דאָס שטענדיגע אידישע טעאַטער, דאָס טעאַטער, וואָס איז אַ שטענדיגער טייל פון דער אידישער קולטור.

דער אומגליקלאַכער משיח

שבתאי צבי, די וואונדערלאַכע היסטאָרישע כראָניק, די מיסטישע ווירקלאַכקייט, די לעגענדע, וואָס האָט געוואָלט באַקומען הויט און ביינער, די קבלה, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פון די עולמות העליונים און געוואָלט ווערן ממשות'דיג, האָט לאַנג געוואַרט אויף אַ קינסטלערישן תיקון, אויף אַ טעאַטראַלער שילדערונג.

שבתאי צבי איז די גרעסטע און די טיפסטע טעאַטראַלע אויפטרעטונג פון אידישע מאַסן אין דער אידישער געשיכטע פון נאָכ'ן חורבן בית שני.

עס איז אַ אידישע מאַסן־אויפטרעטונג, וואָס צערודערט די וועלט, עס איז די גרעסטע מיסטישע אָנשטרייגונג פון אַ פאָלק, וואָס צעטרייסלט די וועלט.

אידישע מאַסן, געיאָגטע, געפּלאָגטע, אידישע מאַסן, וואָס זיינען הפקר, אידישע מאַסן, וואָס ווערן געשאָכטן, גע'רודפ'ט, אידישע מאַסן, וואָס זיינען ווי דערשראָקענע שעפעלאַך אין אַ געדיכטן וואַלד, וואו חיות־רעות לויערן פון הינטער יעדער בוים, אידישע מאַסן, וואָס ווערן געפירט צו דער שחיטה פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, פון דער בלוטדורשטיגער חיה, באָגדאַן כמעלניצקי, און פון הונדערטע אַנדערע וואַלד־רוצחים, הויבן זיך אויף און מאָנען זייער משיח!

כלו כל הקצין, אַ סוף פון דער אידישער אומה, דער חלף פון שונא פאָכעט איבער'ן האַלז, די גאַנצע וועלט איז דער שוחט, דער

מלאך־המות, ניטאָ קיין געוויינלאַכע הצלה, ניטאָ קיין נאַטירלאַכע אויסלייזונג — משיח מוז קומען!

— משיח! —

דונערט עס איבער דער פינסטערער וועלט.

די שווערע וואָלקנס ווערן צעריסן, עס בליצט די גאולה און עס דונערט מעשה־בראשית׳דיג...

דאָס פאָלק האָט אַ מינוט פאַר זיין כליה, אַ רגע פאַר זיין אונטערגאַנג אַרויסגערופן משיח׳ן מיט זיין גרעסטער מיסטישער אָנשטריינגונג.

און שבתאי צבי איז אפשר געווען דער קליינער משיח, דער ערב־משיח, וואָס האָט דעם פינסטערן יאוש דורכגעשניטן מיט אַ פונק פון האָפנונג.

דער יאוש איז געווען די גסיסה פון אַ פאָלק, דער פונק האָפנונג, דער פונק אויפמונטערונג האָט עס אָפגעראַטעוועט פון טויט.

אַ חוץ דעם איין־איינציגן גרויסן אמת׳ן משיח האָט די וועלט קליינע משיח׳לאַך, וואָס קומען מיט ברעקלאַך אמת׳ן, מיט אַ קליינעם ניצוץ פון יושר, מיט אַ שטיקעלע נחמה און מיט אַ צייטווייליגער ישועה.

זיי זיינען נעבאַך פאַלשע נביאים, ווייל זיי ברענגען ניט דעם גאַנצן אמת, ווייל זיי קומען ניט מיט׳ן גאַנצן יושר, ווייל זייער טרייסט איז מיט פגימות און זייער ישועה איז אַ פאַרבלענדעניש.

פאַרבלענדעניש!

דאָס ברענגט יעדער קליינער און פאַלשער משיח!

דאָס איז דער ביטערער גורל פון יעדן קליינעם משיח — אים רופט אַרויס דער ווילן פון פאָלק, אים זאַלבט דער יאוש פון פאָלק און אים באַשפייט דערנאָך די פינסטערע אנטוישונג פון פאָלק.

די קליינע משיחים זיינען די קרבנות פון פאָלק.

דאָס זיינען די ליאַלקעס, וואָס דערפרייען אַ מינוט די קינדער און באַלד שניידן זיי אויף דעם בויך פון דער ליאַלקע און עס אַנטפּלעקט זיך שטרוי.

שבתאי צבי איז אַ טראַגישע פיגור.

דאָס פאָלק מוז האָבן אין דעם מאָמענט פון דער גרעסטער סכנה פאַר זיין קיום אַ משיח. נעמט ער אויף זיינע קליינע, שמאָלע פליי־

צעם די שווערע משא, ער וויל דוחק זיין דעם קץ. ער וויל בא גאָט מיט געוואַלט אויסרייסן די גאולה, ווייל די גאולה איז שוין מחויב צו קומען, ווייל נאָך א מינוט וועט שוין די גאולה ניט האָבן צו וועמען צו קומען, די כליה גייט הארט אויף דער אידישער אומה, דער חלף ליגט שוין אויפ'ן האַלז.

ער איז ניט קיין משיח, ער איז זינדיג, ער איז א מענטש, איז ער זיך מסגף, ער וויל דורך יסורים, דורך תעניתים און ענויים ריין און געלייטערט ווערן.

ער וויל מיט געוואַלט אויף זיך אליין, ווערן משיח.

ער איז מיט זיך אליין ניט פארטיג. ער האָט נאָך בא גאָט גאָרניט גע'פועל'ט און ארום אים שטייט א פאָלק מיט א מיסטישן גלויבן און זאַלבט אים, און קרוינט אים און קניט פאר אים.

דאָס פאָלק וויל אויך מיט געוואַלט ארויסרייסן בא גאָט זיין משיח.

פארבלענדעניש !

איז עס די גרעסטע, די טיפסטע און די פארביגסטע טעאַטראַ־לישע אויפטרעטונג.

האָט שבתאי צבי געווארט הונדערטער יאָרן אויף זיין דיכטער, וואָס זאָל זיין גרויסע טראַגעדיע אנטפלעקן פאר דער וועלט, וואָס זאָל אים, דעם אומגליקלאַכן, געבן זיין תקון.

ער האָט געווארט אויף א אידישן טעאַטער, וואָס זאָל פלאַסטיש און פארביג, מיט באַוועגונג און וואָרט אים מחיה המתים זיין, וואָס זאָל אים פון היסטאָרישן שטויב און שימל ארויסנעמען און באַווייזן אים לעבעדיג פאר דער וועלט אין זיין אומגליקלאַכער גרויסקייט און קליינקייט.

איז ער געווען א שווינדלער, האָט ער דאָך געשווינדלט פאר אַן אומגליקלאַך פאָלק, איז ער געווען א פאַלשער משיח, האָט ער דאָך דורך פאַלשקייט געוואַלט ארויסראַטעווען שעפעלאַך פון וועלפישע ציין.

איז דער שווינדל געהייליגט און די פאַלשקייט גערעכטיגט.

איז געקומען א פרעמדער, א קריסט, זשולאַווסקי, און האָט זיך

מרחם געווען אויף דעם אומגליקלאכן משיח און האָט אים געוואָלט געבן א תקון.

א פרעמדער, וואָס האָט שוין זיין משיח, און וואַרט ניט אויף קיין אנדער משיח, א פרעמדער, וואָס איז שוין פאַרטיג מיט דער גאולה פון דער וועלט, האָט געוואָלט פאַרשטיין דעם אידישן פאַלשן משיח, ער האָט אים ערלאַך געוואָלט פאַרשטיין.

איז ארוים א קליינער יעזוס און ניט קיין פאַלשער אידישער משיח. א קליינער יעזוס, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט צו אידן, צו אידן, וואָס ליידן וועגן געלט, צו אידן, וואָס גייען מסר'ן אויף אים פאַר'ן סולטאַן, צו אידן, וואָס קריגן זיך פאַרביסן, צו אידן פון א קליינער פוילישער שטאָט.

איז באַ אים די מאַסע נישטיג און קליין און דער קליינער יעזוס — גרוים.

די מאַסע, וואָס שבתאי צבי לעבט מיט איר גלויבן, די מאַסע, וואָס דערהויבט אים, די מאַסע, וואָס שטעלט זיך ראַנגלען מיט גאָט און וויל ארויסרייסן באַ אים א משיח, די דאָזיגע מאַסע איז קליין און נישטיג!

אונטער זיבן שלייערן זעט איר דעם פרעמדן און דער עיקר — דעם פּאָליאַק!

די מאַסע איז מיט טויזנט קעפּ העכער פאַר שבתאי צבי; דורך איר טיפן גלויבן קומט ער צו דער וועלט מיט דער שטאָלצקייט פון א משיח, די מאַסע איז ריינער פאַר שבתאי צבי, ווייל זי בלייבט די אָפּגענאַרטע, די אַנטוישטע, זי איז דאָס גרויסע, ריינע און אומגליקלאַכע קינד.

זשולאַווסקי האָט אריינגעוואָרפן אין דער מאַסע די שאַבלאָנע און אויבערפלעכלאַכע קאָמישע שטריכן, וואָס איר געפינט אין יעדן בוך, וואָס פרעמדע האָבן געשריבן וועגן אידן.

דאָס אידישע טעאַטער, וואָס איז נאָך פופציג יאָר פון זיין עקזיסטענץ דערגאַנגען צו דער מדרגה, אז ער קאָן אויפנעמען די גרויסע צעטרייסלעניש פון א פאָלק, האָט באַדאַרפט מיט גרוים פאַרזיכטיגקייט צוגיין צו זשולאַווסקיס שבתאי צבי.

דער תוך פון דער היסטאָרישער אידישער דראַמע איז די מאַסע,

די מאַסע, וואָס איז אויסגעלייטערט געוואָרן דורך יסורים און ענויים און פילט זיך ראוי און צייטיג פאַר ביאת המשיח.

פון אינערלאַכן גלויבן, דורך איר סוגעסטיוו באַווייזט זיך דער שאָטן פון משיח'ן — שבתאי צבי.

טעאַטראַליש דאַרף די מאַסע אַרויסטרעטן פון איין גוס, באַ־הערשט פון איין גלויבן און פון איין ווילן, אַ מאַסע, וואָס איר געשריי שפּאַלט די הימלען, וואָס איר יאָמער מאַכט ציטערן די ערד, אַ מאַסע וואָס קאָן ברייננגען משיח'ן, אַ מאַסע, וואָס קאָן מאַכן גלויבן איינעם, אַז ער איז משיח, אַ מאַסע, וואָס קומט מיט'ן גרעסטן יאוש און מיט'ן טיפסטן גלויבן.

דידאָזיגע מאַסע איז די הויפּט פיגור. עס זיינען לחלוטין ניטאָ קיין משוררים, וואָס באַמקען אונטער אַ חזן. זי איז די דינאַמיק, דער הייסער אָטעם פון דער דראַמע.

דאָס אויפטרעטן פון מאַסן אויף דער סצענע איז די לעצטע יאָרן געוואָרן דאָס טיפסטע טעאַטער־פּראָבלעם. אַלע ריכטונגען, אַלע זוכונגען אין דער טעאַטראַלער קונסט פיניגן זיך אַרום דעמדאָזיגן פּראָבלעם. און וויפל קינסטלערישע אַנטפּלעקונגען זיינען שוין גע־מאַכט געוואָרן, וויפל טעאָריעס טראָגן זיך אַרום דער טעאַטער־וועלט, וועגן דערדאָזיגער פראַגע, מען איז שוין דערגאַנגען צו דער עקסטרע־מער מיינונג, אַז טעאַטער דאַרף אָפּערירן בלויז מיט מאַסן.

ריינהאַרדט ווייזט ממש וואונדער אין זיינע מאַסן־אויפפירונ־גען, דער יונגער בערלינער רעזשיסאָר, אַרנען פעהלינג, האָט דער־בראַכט די מאַסן־אויפטרעטונג צו אַזאַ דרייסטער טעאַטראַליש־קינ־סטלערישער מדרגה, אַז די אויפטרעטונג פון דעם איינצלנעם ווערט פאַרטונקלט. ער גיט דער מאַסע אַ מעכטיגע שטים, אַ מעכטיגע באַ־וועגונג. זי ווערט איין גרויסער יחיד, אַ גיגאַנט, וואָס זיין שטים דונערט און זיין באַוועגונג איז אַ וועלט־שטורם.

באַ אונז אין אידישן טעאַטער איז די מאַסע קיינמאָל ניט קינ־סטלעריש און קיינמאָל ניט טעאַטראַליש, זי איז שטענדיג צעשוי־בערט, זי איז שטענדיג שמאַטעוואַטע, זי איז שטענדיג לעפּיש, זי רייסט זיך אַריין אין דער פאָרשטעלונג ווי אַ גרילצערייי אין אַ סימ־פאָניע, זי צערודערט דעם ספּעקטאַקל, צעקרימט און צעברעכט די קינסטלערישע ליניע.

בא יעדער אויפפירונג אין דעם אידישן טעאַטער האָב איך בסדר מורא פאַר דעם צענדליג פלאַקסענע בערד, פאַר׳ן צענדליג אָנגערוקטע היטלען, פאַר׳ן צענדליג משוגע׳נע קאַפּאָטעס... אַט רייסן זיי זיך אַריין ווי ווילדע, ווי וואַנדאַלן און פאַרשוועכן די פאָרשטעלונג.

אַך, דער צענדליג פלאַקסענע בערד, דאָס איז דער אַטאַוויזם, דער אייביגער סימן פון אונזער אַמאָליגער פורים־שפּילעריי, דער אַפּענדיקס פון אונזער טעאַטער.

וואָלט דער קונסט־טעאַטער ריכטיגער באַנומען די היסטאָרישע דראַמע „שבתאי צבי" און וואָלט געבויט די גאַנצע אויפפירונג, דער עיקר, אויף דער אויפטרעטונג פון דער מאַסע, וואָלט די גאַנצע פאַרשטעלונג געווען אַן אַנדערע, די סצענע וואָלט אַנדערש געבויט געוואָרן און דער גאַנצער טעמפּ וואָלט געווען אַן אַנדערער.

די איינצלנע אַרטיסטן וואָלטן זיך געמוזט אויפהייבן צו אַ העכערע שטופע כדי ניט אָפּשטיין פון דעם טעמפּ פון דער מאַסע, און עס וואָלט אַרויס אַ גראַנדיעזערע אויפפירונג.

אַן אויפפירונג פון וועלכער מען וואָלט דערהערט עקבתא דמשיחא, די טריט פון משיח׳ן, מען וואָלט דערפילט, אַז די ערוואַרטעטע גאולה קומט, מען וואָלט דעם מיסטישן עקסטאַז דורכגעלעבט, מען וואָלט פון דעם משיח־געדאַנק, וואָס לעבט טויזנטער יאָרן בּאַ אידן, אָנגעצונדן געוואָרן.

די אַנטוישונג וואָלט געווען אַזוי מורא׳דיג, אַזוי חורבן׳דיג, אַז דער הימל מיט שווערע וואָלקנס וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און וואָלט זי מיט זיין חושך׳דיגן מויל איינגעשלונגען...

שבתאי צבי האָט באַדאַרפט ווערן די נייע עפּאָכע אין אידישן טעאַטער, די גרויסע עפּאָכע, וואָס רייסט אונז אַרויס פון קליינע וויצן, פון דריבנע זשעסטן, פון שטאַמלעריי, פון פלאַקסענע צעפּאַטלטע בערד, פון קינסטלערישע שפלות, פון גיגאַנטישע אָנשטרייינגונג מיט ליליפּוטישע רעזולטאַטן.

עס איז אונז באַשערט צו מאַכן קליינע טריט אין אונזער טעאַטער־אַנטוויקלונג.

זאָלן געבענטשט זיין די קליינע טריט, זיי וועלן אונז נאָך סוף כל סוף אַרויספירן פון דעם טעאַטראַלישן זומפּ.

די אויפפירונג פון שבתאי צבי איז אַ פּאָר קליינע טריט ווייטער׳ מיט אַ פּאָר טריט זיינען מיר דערנעענטערט געוואָרן צו אמת׳ער טעאַטראַלער קונסט.

עס אז נאָך אָבער געבליבן אַ גרויסער מהלך.

די אויפפירונג איז רייך מיט אויסערלאַכע עפעקטן און טייל־ווייז מיט פרעמדע, זייטיגע עפעקטן.

דער באַלעט אין צווייטן אַקט איז לחלוטין אַ פרעמדער עפעקט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין דער פאָרשטעלונג.

דער עפעקט איז שוין אַן אַלטער, אַן אָפּגעדראָשענער.

וואו נאָר אַ סולטאַן, דאָרט טאַנצן מיידלאַך פאַר אים, און אַמאָל דוכט זיך מיר, אַז דער סולטאַן ווערט אַריינגענומען אין אַ דראַמע, נאָר צוליב די טאַנצנדיגע מיידלאַך.

דאָס איז אַלט און עס איז שוין געוואָרן באַנאַל.

אָבער דאָס איז באַ אַנדערע, באַ צעפּיעשטשעטע טעאַטער־יחסנים, באַ אונז איז דאָס אַ נייעס.

אַ נייעס — אַ צענדליג מיידלאַך טאַנצן, ווי געהעריג און זיינען אָנגעטאָן ווי געהעריג.

פאַרווייסט אביסל דעם שוואַרצן קרופּניק...
פרייט זיך דער אָרימאַן!

מיט צוועלף יאָר צוריק האָב איך געזען דעמזעלבינן שבתאי צבי, פון זשולאַווסקי, אין וואַרשע, אין אַ פּוילישן טעאַטער.

איז מאָריס שוואַרצ׳ס אויפפירונג גאָר ניט אַן ערך בעסער און שענער.

מיט צוועלף יאָר צוריק וואָלט אַ אידישער טעאַטער בשום אופן ניט געווען בכח צו געבן אַזאַ אויפפירונג.

איז עס אַ דערגרייכונג און אַ זייער ממשות׳דיגע אין אונזער טעאַטראַלן תוהו ובוהו.

אַזאַ שבתאי צבי, ווי מאָריס שוואַרץ גיט, וואָלט קיינער מיט צוועלף יאָר צוריק ניט געגעבן.

שבתאי צבי איז רואיג, ער וויל ווירקן מיט'ן אינערלאַכן ברען און גלויבן, שבתאי צבי איז מאַיעסטעטיש־זיכער, שבתאי צבי האָט פאַרגליווערטע פּאָזן.

דאָס זיינען גוטע סימנים.

הלואי וואָלט מאַרים שוואַרץ געקאָנט זיין אין דריטן בילד אַזוי איבערמענטשלאַך, און ניט אַזוי ישיבה־בחור'יש נערוועז, הלואי וואָלט ער געקאָנט טענה'ן צו גאָט מיט דער ווירדע פון אַ נביא, פון אַ משיח, הלואי וואָלט ער זיך מסגף געווען, שלאָגן זיך מלקות מיט'ן עקסטאַז פון אַ צערודערטן מיסטיקער און ניט מיט דער פאַרביסנ־קייט פון אַן אומגליקלאַכן בעל־הבית'ל.

הלואי !

ווער וואָלט מיט צוועלף יאָר צוריק געשפּילט ווי מאַרק שווייד אַזוי קלוג און אַזוי טעאַטראַליש דעם סולטאַן ?

דער סולטאַן איז אַ פיינע אַקטיאָרישע שאַפונג.

נתן הנביא איז אַביסל מגידיש — קליינשטעטלדיג. זשולאַווסקי האָט פאַר אים דעם ריכטיגן אָרט ניט געפונען, ער האָט מיט שבתאי צבי געוואָלט פאַרשטעלן אַלץ און אַלעמען.

האָט מען באַדאַרפט מאַכן אַן אָרט פאַר'ן נביא, פאַר דעם מערק־ווירדיגן מענטשן, וואָס קיינער ווייסט עד היום ניט צי ער איז געווען אַ פשוט'ער שווינדלער צי אַ האַלבער משוגע'נער.

נתן הנביא איז דער שליח פון דעם עקזאַלטירטן צבור, ער איז דער קול און דער באַגער פון זיין פינסטערער צייט.

זשולאַווסקי האָט פאַר שרה'ן, פאַר דער אשה, פאַר דעם שלאַנג, פאַר דער דלילה, וואָס נעמט צו באַ שבתאי צבי זיין כח, די פּאַסיגע ווערטער ניט געפונען.

אָט דידאָזיגע טומאה, דידאָזיגע גאַסן־מיידל, וואָס האָט גע־שרפה'ט פון זינד אין איטאַליען ערגעץ, איז געקומען זיך מזווג זיין מיט דער קדושה. שבתאי צבי וויל דורך טומאה קומען צו קדושה, ער וויל זי און זיך הייליגן, די טומאה איז אָבער גובר...

שרה'ס טומאה איז שטאַרקער, ברענענדיגער פאַר שבתאי צבי'ס קדושה, זי איז ווייב, זי איז יצר־הרע, זי איז די לילית, וואָס נעמט צו משיח'ן באַם פּאַלק:

זי איז דער דינאַמיט אין דער דראַמע.

מאַדאַם סניעגאָוו האָט באַדאַרפט נעמען די שרה, וואָס שלום אַש האָט געשילדערט אין זיין שבתאי צבי.

די שרה איז פייערדיג זינדיג, זי איז די אמת'ע סטרא־אחרא און דורך איר ווערט משיח געשטרויכלט.

ד שרה, וואָס מאַדאַם סניעגאָוו שפּילט איז געבאַך אַ בעל־הבית'יש ווייבל, וואָס ווייסט, אַז אַ מאַן דאַרף זיין אַ מאַן צו זיין ווייב און ניט קיין משיח פאַר דער וועלט.

דאָס איז ניט די שרה, וואָס אפילו זשולאַווסקי האָט געוואָלט זען.

פּגימות זיינען דאָ.

אָבער עס איז עפּעס געשען!

עס שמעקט אַביסל מיט „דבוק", מיט „אַנאַטעמאַ", עס הערט זיך אָבער אַ פיינערער אַראָמאַט אויך.

עס איז דאָ באַגייסטערונג. די שפּילער פילן זיך ווי קינסטלער.

זאָלן זיי!

נאָר זאָל די צופרידנהייט, די זיכערע צופרידנהייט זיי ניט באַרואיגן.

אמת'ע קינסטלער זיינען אייביג אומרואיג און אייביג אומ־צופרידן — זיי פילן, זיי ווייסן, אַז די קונסט האָט קיין רואיגע, שטי־לע ברעגן ניט...

דער גורל פון קינסטלער איז אייביג זוכן קינסטלערישע השלמה און קינסטלערישן אמת.

וועלף

וועלף!

דאָס זיינען מיר, מענטשן.

אַן אַלטער לאַטיינישער שפּריכוואָרט האָט אונז געקרוינט מיט דעמדאָזיגן נאָמען און דער גרויסער שריפטשטעלער ראָלאַן, וועלכער האָט אונז אַזוי שיין און אַזוי טיף ליב, באַווייזט עס שוואַרץ אויף ווייס אין זיין דראַמע.

וועלף זיינען מיר, פאַרצוקן איינער דעם אַנדערן ווילן מיר. די ציינער אונזערע שאַרפן מיר איינע געגן די אַנדערע.

אין פרידלאַכע צייטן פאַרדעקן מיר אונזערע שאַרפע נעגל מיט זיידענע האַנדשו, באַהאַלטן אונזערע רויבערישע אינסטינקטן אונטער אַ דינעם שלייער פון מאָראַל און וויקלען איין אונזער טרייפקייט אין אַ טלית

האָט ראָמען ראָלאַן אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג פון אַ שטורמישער צייט, פון אַ צייט, ווען מענטשלאַכעליידנשאַפטן בושעווען ווילדע, ווען דאָס מענטשלאַכע בלוט ברויזט און קאָכט גיהנם'דיג. דאָס איז די צייט פון רעוואָלוציע.

אין רעוואָלוציע הערט איר די גרויסע ציין־קריצעריי פון דעם מענטש־וואָלף און איר הערט אויך די דונערנדיגע שטים פון יושר. רעוואָלוציע איז אַ קנויל פון קאַלטע אכזריות צון צעהיצטע ערלאַכקייט, פון בלוטיגער שנאה און הייסער ליבע, פון העלדן־טאַטן און פון נידערטרעכטיגע מאָרדן.

אין רעוואָלוציע שטייט דער מענטש נאַקעט מיט דעם בייזן און גוטן אין אים, דאָס ערשטע איז שוידערלאַך און דאָס צווייטע איז געטלאַך —

דאָס איז דער מענטש! ער איז אַ געמיש פון גאָט און טייוול, פון טרייפקייט און כשרות.

זעט איר דעם מענטשן אין זיין ריכטיגער געשטאַלט.

בולט'ער פון אַלץ זעט איר זיינע וועלפישע ציין.

ראָלאַן'ס „וועלף" איז געשיכטע, אַלטע געשיכטע, וואָס איז אָבער אייביג ניי, עס איז אַלטע געשיכטע, וואָס איז אָבער שטענדיג פריש, ווייל מענטשלאַכע ליידנשאַפטן שפּילן, ליידנשאַפטן מיט

וועלכע דער מענטש איז געקומען אויף דער וועלט און פון וועלכע ער וועט זיך מסתמא קיינמאָל ניט באַפרייען.

רעוואָלוציע איז דער פאַרצווייפלטער געשריי נאָך גערעכטיג־קייט. רעוואָלוציע איז דער קאַמף פאַר גערעכטיגקייט און דיזעלביגע רעוואָלוציע טרעט די גערעכטיגקייט מיט די פיס, אויס גליענדער ליבע צו גערעכטיגקייט באַגייט זי די גרעסטע אומגערעכטיגקייטן.

די אייביגע טראַגעדיע פון מענטשן —

אין דער קדושה ליגט באַהאַלטן די טומאה.

אין דער גערעכטיגקייט ליגט פאַרבאָרגן די אומגערעכטיגקייט.

אין דער **ליבע איז איינגעוואָרצלט** שנאה.

רחמים איז צעווערימט מיט אכזריות.

און גערעכטיגקייט, די לויטערע גערעכטיגקייט, די געלייטערטע גערעכטיגקייט, וועלכע שטייט איבער די מענטשלאַכע ליידנשאַפטן, וועלכע איז פריי פון דעם ערדישן מיסט און וועלכע האָט ניט קיין זינדיגן גוף, דיזאָזיגע גערעכטיגקייט איז גאָרניט צוגעפּאַסט צום לעבן.

א סטאַדע וועלף פון דער פראַנצויזישער בלוטיגער רעוואָלוציע שטייט אין מאַינץ און פירט א מלחמה מיט דער פּרייסישער מלוכה.

די וועלף פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע מיט זייערע שאַר־פע ציין און מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן.

וועלף, וואָס קעמפן פאַר יושר און גערעכטיגקייט.

וועלף, וואָס ווילן איינשטעלן א ציין־קריצנדיגע גערעכטיגקייט.

ברומען כסדר די וועלף, שטעלן כסדר אָן די נעגל.

פאַרשידענע וועלף זיינען דאָרט דאָ. פאַראַן א קלוגער, ניכטע־רער וואָלף. פאַראַן א ווילדער וואָלף, עפּעס פון אורוועלדער געקומען. פאַראַן יונגע, היציגע וועלפעלאַך. פאַראַן תמ׳עוואַטע וועלפעלאַך און צווישן זיי האָט פאַרבלאָנדזשעט א שעפּעלע אין דער פעל פון א וואָלף.

קעמפן די וועלף מיט דער וועלט און קעמפן, רייסן זיך צווישן זיך אליין, אין סטאַדע איז אָן אַריסטאָקראַטישער וואָלף. א וואָלף מיט געפוצטע נעגל און מיט פיינע עלאַסטישע מאַניערן פון א טיגער.

האָט מען פיינט דעם דאָזיגן אַריסטאָקראַט, מען טראָגט אַ שטענדיגן חשד אין הארצן אויף אים, און אַ פּלעבייאישער וואָלף, אַ וואָלף וואָס האָט זיך מיט חזירים געהאָדעוועט וויל אים אומברייינגען.

טרעט אַרויס דאָס שעפּעלע און מאָנט גערעכטיגקייט.

און דאָ זיינען אַלע טירן פאַרהאַקט און פאַרריגלט פאַר דער גערעכטיגקייט, דאָ איז קיין שפּאַרונע פאַר איר ניט אָפן.

און נאָכמער — די קליינע גערעכטיגקייט, וואָס וויל ראַטעווען דאָס לעבן פון איין מענטשן, קאָן שאַדן אַנדערע, אַ גרויסע גערעכ־טיגקייט: די גערעכטיגקייט פון דער רעוואָלוציע איז אין סכנה.

טענה׳ט דער וואָלף־פילאָזאָף, אַז עס זיינען ניטאָ קיין קליינע און גרויסע גערעכטיגקייטן. פאַר דער גערעכטיגקייט איז אַ פליג און דאָס פראַנצויזישע פאָלק גלייך.

גערעכטיגקייט און דער הימל מעג פּלאַצן!

גערעכטיגקייט ווייסט ניט פון פּאָליטיק, זי ווייסט ניט פון קיין חשבונות.

גערעכטיגקייט איז אמת, שאַרפער, בלאַנקער אמת...

די גערעכטיגקייט קומט נישט, עס פאַלט דער קרבן און עס פאַלט זיין פאַרטיידיגער.

ראָלאַן רעדט דאָ אַרויס פון דעם פילאָזאָף טעליע.

די גערעכטיגקייט האָט ניט געזיגט, דער פילאָזאָף איז פאַר־שטויסן געוואָרן, אָבער ער איז גאַנץ געבליבן, ער איז ניט צעבראָכן געוואָרן.

זיין גערעכט פאַר זיך אַליין, קאָנען אַריינקוקן אין איינעמס האַרצן און ניט פאַרשעמען זיך — דאָס איז דער עיקר, דאָס איז די הויפּט זאַך.

זאָגט דער באַזיגטער פילאָזאָף דעם קלוגן דורכגעטריבענעם וואָלף, מאַרשאַל קעגעל:

— איך בין דיך ניט מקנא, איך וויל ניט זיין אויף דיין אָרט.

גערעכטיגקייט פאַר זיך אַליין, אויב די וועלט וויל זי ניט, אויב די וועלט שטויסט זי אָפּ פון זיך...

איז עס אַ דראַמע פון אַ גרויסן פאַרנעם, מיט אַ פרעכטיג צע־בליטן אייביגן פּראָבלעם און מיט ברייטער מענטשלאַכקייט.

איר זעט פאַר זיך ווי מענטשן רייסן זיך צום הימל און די טומאה היינגט זיי ווי בליי אויף די פיס.

איר זעט ווי מענטשן פּאַרמעסטן זיך גרויס און אַליין זיינען זיי אַזוי קליין, איר זעט דעם גרויסן מענטשלאַכן פּלאָנטער, דעם משונה׳־דיגן לעבנס־קנויל און איר זאָגט מיט יאוש:

— צדיקים וועלן אייביג זיין איינצלנע, יחידים, די מיליאָנען וועלן קיינמאָל קיין צדיקים ניט ווערן.

אין סדום האָט גאָט געוואָלט האָבן בלויז צען צדיקים און האָט זיי ניט געפונען.

און אפשר דאַרף מען גאָרניט האָבן קיין מיליאָנען טעליעס מיט דעם גרויסן גערעכטיגקייט געפיל אין האַרצן.

אין שפּיל פון לעבן איז נויטיג דער שווייגען־העגדלער, ווערא, מיט זיין פּרימיטיווער העלדישקייט און ברוטאַלער קראַפט. עס איז נויטיג דער טייוול, קענעל, וועלכער זעט אַלץ און מאַכט זיך ניט זעענדיג. און נויטיג זיינען אַלע בראַוואַ־שרייערס און אַלע בלינדע נאָכלויפער פון פּאָפּולערע און ברוטאַלע העלדן.

זיצט איר אין טעאַטער, זעט דעם פּרעכטיגן שפּיל און איר פילט זיך ווי אַ טייל פון דעם גרויסן מענטשלאַכן פּלאָנטער. איר זייט מיט דער וועלט, מיט דער גרויסער וועלט, מיט אירע גרויסע שמערצן, מיט אירע גרויסע פּראָבלעמען.

איר ווערט באַ זיך חשוב׳ער —

אויף מיינע פּלייצעס האָט מען אַרויפגעלייגט אַזעלכע ערנסטע פּראָבלעמען...

אַזוי פילט מען זיך זעלטן אין אידישן טעאַטער.

דאָרט באַקומסטו זעלטן צו הערן אַן ערנסט און קלוג וואָרט.

עס איז קיין גרעסערער געגנוס ניטאָ ווי צו פאַרברייגנען מיט אַזאַ גרויסער מאָראַלישער פּערזענלאַכקייט ווי ראַלאַן איז.

דאָ פאַרברענגט אין מיט ראָמען ראָלאַן אַן אָוונט.

דער גרויסער שרייבער, וואָס איז אויך אַ גרויסע פּערזענלאַכ־קייט, וועט אייך קיינמאָל קיין באַנאַל וואָרט נישט זאָגן.

ווען איך וואָלט געהאַט די מאַכט וואָלט איך ניט דערלאָזן, אַז קליינע פּערזענלאַכקייטן זאָלן שרייבן דראַמעס...

מענטשן פילן זיך יום־טוב׳דיג אין יום־טוב׳דיגע קליידער, שבת׳דיג אין שבת׳דיגע קליידער און שוישפילער פילן זיך גרויס, קלוג ווען מען לייגט זיי אריין אין מויל גרויסע, קלוגע ווערטער, זיי ווערן שטארק און מוטיג ווען מען פירט זיי אריין אין א דראמע מיט ערנסטע און שארפע לעבנס־פראבלעמען.

זיינען אונזערע שוישפילער געווארן שותפים צו ראמען ראלאן.

מענטשן, מענטשן מיט ברייטע קינסטלערישע פלייצעס האבן זיך באוועגט אויף דער בינע.

באראטאוו — מארשאל קענעל — האט געשילדערט מיט רואיגן פראכט דעם טייוול פון דער רעוואלוציע, א דינער סקעפּ־טיקער, א רואיגער ציניקער מיט א גרויסן, שטארקן כאראקטער, ער זעט אלץ און שמייכלט און גאלט ערגעץ באהאלטן אין די טיפיענישן פון זיין פינסטערער נשמה. ער ווייס אלץ און האלט די אויגן אראפגעלאזן, ער פילאזאפירט ניכטער און ערגעץ ברענט און וויטאגט אין אים.

א גרויסע פיגור, א קערנדיגע פיגור, א גרויסער טעמפּעראַ־מענט, א קלוגער קאפ, וואס פארקלענערט זיך אליין, פארשרומפּפט זיך אליין. פארנארישט זיך אליין, כדי ער זאל ניט זיין צו גרויס פאר זיין וועלטל, ער טאר ניט זיין גרעסער ווי מען פאדערט פון אים.

דאס האט זיך באראטאוו באוויזן מיט זיין גאנצן טאלאנט און מיט זיין שוישפּילערישער קולטור.

ווייזענפריינד, דער אריסטאקראט ד׳וואראן, איז דאס מאל דערגאנגען צו דער פיינסטער ראפינירטקייט; געבאליעט איז די באוועגונג, געצירקלט זיינען די מאניערן, געזיידנט דאס ווארט און א דינע, דינע פאראכטונג צו אלץ און צו אלעמען שלענגלט זיך דורך אין אלץ.

און דער געהיימניספולער שמייכל וואס שוועבט אויף די ליפּן באַרואיגט אייך כסדר, אזוי שמייכלט טויטגעפאר...

א תהום פון שוישפּילערישע פיינקייטן און טיפקייטן האט ווייזענפריינד ארויסגעבראכט.

מאסיוו, שטארק מיט ווילדן אימפעט, מיט פרימיטיוון ברען, מיט חיה׳שער באוועגלאכקייט און מיט גראבער רשעות האט

קעשיער אויסגעהאַמערט דעם רעוואָלוציאָנערן גענעראַל און דעם געוויזענעם שווייגען הענדלער ווערא.

האַלב־שוויין, האַלב־מענטש, האַלב־חיה — אַ שווידערלאַכער געמיש...

דער צעבושעוועטער מאַב, די חיה פון וואַלד, האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף צוויי פיס און איז אריין אין מענטשלאַכן קנויל און פּלאָנטער.

אומהיימלאַך איז ווערא, די חיה אין דער רעוואָלוציע.

איזידאָר קעשיער האָט דאָ באַוויזן די קראַפט פון זיין טאַלאַנט!

שוואַרץ האָט מייסטעריש געשילדערט דעם פילאָזאָף אין דער רעוואָלוציע, אַ ביסל אַ פרעמדער, אַ ביסל אַ זייטיגער, כסדר מיט די אויגן אין זיך, כסדר פאַרקלערט, כסדר מיט אַ גרויסן, בייזן גאָט אין הארצן וואַנדלט ער אין גיהונם פון דער רעוואָלוציע.

שיין איז טעליע, אַזוי שיין, אַזוי רירענד ווי דער פאַרשלאָגענער געווויסן, וואָס רייסט זיך צו דער וועלט.

ענדלאַך האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט צו זען אברהם טייטעלבוים אין אַ ראָליע און זיין שפּיאָן איז אַ טאַלאַנטפולע אַקטיאָרישע קרעאַציע.

איר וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם אַלטן דייטש, מיט זיין טויט־שרעק מיט זיין אויפבליצנדער האָפנונג אויף לעבן, מיט זיין קריכערישער הכנעה און מיט זיין פּלוצלאַכן יוכישן שטאָלץ.

אַלע אַקטיאָרן מאַרק שווייד אין זיין קורצער, יונג־פייערדיגער דעקלאַמאַציע, לאַזאַר פריער, וואָלף גאָלדפאַדען, שטראַסבורג, א. טענענהאָלץ און די איבעריגע זיינען געווען ווירדיגע שותפים מיט ראַלאַנען.

ראַלאַן וואָלט געהאַט נחת, אפשר מער נחת ווי פון אַנדערע אייראָפּייאישע טעאַטערס, וואו איך האָב געזען די אויפפירונג פון „וועלף“.

און מיר מעגן געוויס האָבן נחת.
און מיר האָבן עס טאַקע געהאַט.

די כשופמאכערין

עס איז א ליבער, א הארציגער אידישער ספעקטאקל.

עס איז א ריינער, פרישער און לויטערער מענטשלאכער שפיל.

עס איז נאאיוו, אזוי ליב נאאיוו, אזוי חנ'עוודיג נאאיוו און עס שטראמט פון אלץ קינסטלערישע אויפריכטיגקייט, עס איז נאאיוו ווי יעדע הארציגע מענטשלאכע שפילעריי און דעריבער איז עס אזוי דופטיג, אזוי פלאטערנדיג און אזוי יום־טוב'דיג.

שפיל איז יום־טוב'דיג.

א גרויסן און קלוגן פאטער האט דער אידישער טעאטער געהאט, אפשר א צו גרויסן און א צו קלוגן פאטער פאר די ערשטע טעאטער־קינדער אונזערע.

די אייניקלאך ערשט האבן אנגעהויבן דערשפירן זיין גרויס־קייט און זיין טיפע קלוגקייט.

די אייניקלאך, די מער ראפינירטע, די מער געאיידלטע, און די מער טעאטראליש ערפארענע קאנען צוגיין מיט מער יראת־הכבוד, מיט מער פרומקייט און מיט מער דבקות צו דער שיינער ירושה, וואס דער פאטער פון אידישן טעאטער, אברהם גאלדפאדן, האט איבערגעלאזן.

דער פאטער פון אידישן טעאטער האט אזוי טיף און אזוי ריכטיג פארשטאנען וואס אזוינס איז טעאטער.

מענטשן פארשטעלן פאר ליאלקעס און שפילן.

ליאלקעס נעמען זיך קיין זאך צום הארצן ניט, ליאלקעס שפילן פרייד, ליאלקעס שפילן צער, ליאלקעס לאכן און וויינען, ליאלקעס זיינען נאאיוו און קלוג.

ליאלקעס זיינען קלוג, ווייל זיי קאנען אן כעס, אן ביטערקייט אויסלאכן אונזערע שוואכקייטן, ווייל זיי קאנען שפאסן אן גאל, ווייל זיי קאנען וויינען און די אויגן ווערן בא זיי ניט רויט און דער פנים ווערט ניט צעקרימט.

ליאלקעס קאנען זאגן דעם אמת און קוקן מענטשן גלייך אין די אויגן אריין.

אברהם גאלדפאדן האט געוואוסט דעם גרויסן סוד פון שפיל,

אים איז עס אנטפּלעקט געוואָרן ווי עס איז אנטפּלעקט געוואָרן מאָליער'ן, שעקספּיר'ן און אַנדערע גרויסע מייסטער פון טעאַטער.

דער מענטש, וואָס שפּילט איז גאָר אַן אַנדערער, ער איז ניט דער מענטש פון אַלטעגלאַכן לעבן, דער מענטש, וואָס שפּילט איז נאַאיוו און זיין פאַנטאַזיע איז פאַרביג, שפּיציג און טאַנצנדיג, דער מענטש, וואָס שפּילט איז טייוולש באַוועגלאַך מיט זיין גוף, ווייל שפּילן די מענטשלאַכע באַוועגונג הייסט סימבאָליזירן זי און ארויס־ברייִנגען מיט איר בלוט דעם זינען, די כונה. דער מענטש, וואָס שפּילט זשאָנגלירט מיט'ן וואָרט פלינק, בריה'ש ווי מיט פאַרביגע קניילאַכלאַך.

דער קאָמעדיאַנט איז דער קינסטלער פון טעאַטער, ער איז די ליאַלקע, וואָס שפּילט.

האָט איר אין דער כישופמאַכערין אַ וועלט פון אייביגע ליאַלקעס:

רבי אברהמ'צי, דער טאַטע, וואָס נעמט אריין אין שטוב אַ צווייטע ווייב, אַ שטיף־מאַמע צום קינד פון דער ערשטער פרוי.

דער טאַטע איז אייביג דער אַלטער נאַר, דער רייכער נאַר, וועלכן די שטיף־מוטער, די מרשעת פירט פאַר דער נאָז.

די שטיף־מאַמע, עס איז די זינדיגע פרוי, וואָס גנב'עט זיך אריין אין דער פרידלאַכער הויז, כדי צו באַרויבן און צו באַ'גזל'ענען די אָרימע יתומים'לאַך און דעם נאַרישן מאַן.

די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אַזוי קלאָר, אַזוי פאַרביג געמאָלט די שטיף־מאַמע, אַז קיין קינסטלער האָט ניט וואָס צוצוגעבן.

די וואָס גייט חתונה האָבן מיט אַן עלטערן מענטשן און ווערן אַ מאַמע צו קינדער, וועלכע זי האָט ניט געטראָגן אונטער איר האַרצן, איז ניט קיין כשר'ע פרוי, דאָס פאָלק האָט זי פיינט, עס גלייבט איר ניט און קוקט איר אויף די פינגער.

און אָט דעם אייביגן שאָטן פון דער פאָלקס־פאַנטאַזיע — די כשופמאַכערין, דאָס איז דער בייזער גייסט פון דער שטיף־מאַמע, איר אייביגע שותפ'טע און באַגלייטערין.

און אין מיטן איז דער מאַנסביל, דער אויסוואורף, דער געזונ־טער מאַנסביל, אליקום, דער העלד צווישן דידאָזיגע פאַרשאָלטענע און זינדיגע ווייבער.

אָט איז דאָס טעכטערל, דאָס יתומה'לע, דאָס שטילינקע, דאָס נעבאַכל, אויף וועלכער די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אויסגעגאָסן איר גאַנצן רחמנות; זי איז אַזוי איידל, זי איז אַזוי שיין, זי איז אַזוי ריין און אַזוי אומגלקלאַך...

און איר חתן איז דער היפּך פון דעם מאַנסביל אליקום. ער איז פון זייד געוועבט און ליב האָט ער דאָס שיינע יתומה'לע, אַזוי ליב, ווי די פאָלקס־פאַנטאַזיע קאָן נאָר אויסמאָלן.

און אומעטום, אויף אַלע שמחות, אויף אַלע אומגליקן, אויף אַלע גאַסן און אין אַלע לענדער איז דאָ דער ליבלינג פון פאָלק, דער איי־ביגער האָצמאַך.

ער איז דער לעבעדיגער יורש אויף צוויי פלינקע פיס מיט אַ פּעקל סחורה, צעלאָזענע פאָלעס, מיט אַ היטל, וואָס לויפט אים נאָך און קוים וואָס זי דעריאָגט אים און זיין פּעקל סחורה.

האָצמאַך איז „עמך“, ער איז ניט קיין צדיק, ער איז ניט קיין רשע, ער איז ניט קיין קלוגער און ניט קיין נאַר, ער איז „עמך“.

„עמך“ מיט אַלע זיינע מעלות און מיט אַלע זיינע חסרונות.

צעטומלט איז „עמך“, פאַרשמאַיעט און פאַרהאָוועט איז ער, אָבער גאָט אין האַרצן האָט ער.

האָצמאַך איז איינער פון די וואונדערלאַבסטע טעאַטראַלע געשטאַלטן.

נאָר אַ גרויסער טאַלאַנט קאָן שאַפן אַזאַ סימבאָלישע פיגור, וואָס איז כולל אין זיך אַלע אייגנשאַפטן פון אַ פאָלק. האָצמאַך איז דער טעאַטראַלער מנחם מענדל, און ווייל ער איז טעאַטראַל, איז ער שאַרפער, פאַרביגער, לעבעדיגער און אייביגער.

האָצמאַך איז טעאַטראַלע באַוועגונג, ער איז טעאַטראַלע פלינ־קייט, ער איז לויטער שפּיל, לויטער טעאַטראַלער קאַפּריז און לוי־טער טעאַטראַלע וואַקכאַנאַליע.

און אָט קומען אַרויס די אייביגע סימבאָלן און שפּילן פאַר אונז.

עס איז אַ מעשה'לע.

גייט עס אייך במעט ניט אָן.

וואונדערלאַכע ליאַלקעס שפּילן.

זיצט איר און האָט דעם ריינסטן נחת, דעם לויטערסטן פאַרגעניגן.

עס זינגט אין אייך פרייד, עס שאַלט אַרויס אמת'ע אַנטציקונג. דאָס איז דער טעאַטראַלער ניצוץ, די טעאַטראַלע נשמה, וואָס האָט באַקומען איר אמת'ן תיקון אין קונסט טעאַטער.

און די גרעסטע עקשנים וועלן מוזן זיך זאָגן:
„איצט ווייסן מיר וואָס איז טעאַטער".

די אַקטיאָרן פון קונסט־טעאַטער, די נייע אַקטיאָרן אונזערע, האָבן דערשפירט דעם פיינעם אַראָמאַט פון דעם אַלטן שטיק און מיט עכטער קינסטלערישער פיינקייט די טעאַטראַלע רעטעניש געלייזט.

יעקב מעסטעל האָט געגעבן אַ פּרעכטיג ליאַלקע פון דעם טאַטן, ר' אברהמ'צי, די ליאַלקע האָט געשפּילט דעם נגיד, דעם נאַרישן טאַטן, דעם פאַרבלענדטן מאַן, אַזוי שניידיג און אין דערזועלביגער צייט אַזוי אָפן נאַאיוו און אַזוי פּאַרטיפּט סימבאָליש.

דאָ האָט יעקב מעסטעל אַרויסגעוויזן אַזוי פיל ראַפינירטקייט פון אַ טעאַטראַל, אַז עס ווילט זיך אים באַגריסן וואַרים און פון טיפן האַרצן.

אַננאַ אַפּעל די צווייטע שפּיציגע ליאַלקע פון דער שטיף־מאַמע.

אַ שטיק רשעת, וואָס קאָן ניט באַהאַלטן ווערן אונטער קיין צביעות'דיגן שמייכל, וואָס קאָן ניט פאַרדעקט ווערן פון קיין חניפה און פון קיין פאַלשע ליבלאַבקייט.

זי שפּינלט אַרויס די רשעות פון יעדן אבר, פון יעדן שטיקל לייב. ליידער אָבער האָט די טאַלאַנטפולע אַננאַ אַפּעל געגעבן אַזוי שאַרף און בולט דעם עקסטראַקט פון דער שטיף־מאַמע בלויז אין דעם ערשטן בילד, אין די ווייטערדיגע סצענעס איז קיין זכר פון דעם ניט געבליבן. זי האָט חרטה געהאַט און האָט גענומען דעם ערנסטן „ליטעראַרישן" טאָן.

אַ שאָד, אַזוי וואונדערלאַך אָנגעהויבן און אַזוי אַלטעגלאַך פאַרענדיגט.

איבערראַשנדיג איז לאַזאַר פריעד אין דער ראָליע פון חתן:
סענטימענטאַליזם באַהויכט מיט אַ דינעם שלייער פון הומאָר,

ראָמאַנטיש מיט אַזאַ שטילע און טרייפֿע סאַטירע, פֿאַרליבט איבער די אויערן און אַ שעלמישער שמייכל גרייזלט די ליפּן.

דאָס איז שפּיל, שפּיל מיט קאָלירן, מיט פּיינעס, ציכטיגן הו־מאָר, שפּיל מיט זיך און מיט דעם פּובליקום.

— נעמט מיך ניט ערנסט, איר זייט דאָך דערוואַקסענע מענטשן, איך שפּיל בלויז . . .

— נעמט מיך ניט צו לייכט, איר זייט דאָך דערוואַקסענע מענטשן, איך לייד דאָך.

היינט גיי דערטאַפּ אים, דעם אַקטיאָר.

און אַט מאַדים׳ט מוני ווייזנפֿריינד אין האַצמאַך; טייוולשע באַוועגלאַכקייט און ברויזיגקייט, ווערטער קנוילן זיך האַסטיג און האָגלען ארויס פֿון האַצמאַכ׳ס מויל, האַצמאַך וואַקסט אַרויס פֿלוצ־לונג, האַצמאַך ווערט נעלם פּלוצלונג, האַצמאַך פֿליט איבער מענטשן, איבער לענדער, האַצמאַך איז טאַלענטפֿול, קיין ספק ניט, ער איז אָבער ניט ניי.

האַצמאַך קאָן באַשיינען אַן אַלטע אויפֿפֿירונג פֿון דער כשופֿ־מאַכערין, ווייזנפֿריינד׳ס האַצמאַך איז ניט האַרמאָניש מיט דער אויפֿפֿאַסונג פֿון יעקב מעסטעל, לאַזאַר פֿריעד און מיט דער אויפֿ־פֿירונג אינגאַנצן. און אַפֿילו ניט אינגאַנצן היימיש מיט׳ן קינסטלע־רישן קאָסטום.

דאָס נעמלאַכע מיט מאָרים שוואַרץ. ער, דער רעזשיסאָר האָט אָנגעטאַפּט דעם דופּק פֿון דעם שטיק פֿאַר אַנדערע, אָבער ניט פֿאַר זיך אַליין, זיין באָבע יאַכנע איז די אַלטע באַקאַנטע אונזערע, מיר האָבן זי שוין געזען אַזאַ.

ווייניג הומאָר, ווייניג שפּיציגקייט און גאָר ווייניג אַקטיאָרישע מייסטערשאַפֿט בכלל.

אַ פּערל, פֿון אַן אומדערוואַרטעטער זייט האָט אונז געגעבן מאַרק שווייד אין זיין טערק.

אַזאַ געטאָקטע, אַזאַ ראַפֿינירטע, אַזאַ פֿערלדיגע שאַפֿונג זעט מען זעלטן אין בעסטע קינסטלערישע קאַבאַרעטס, אַפֿילו דער „בלוי־ער פֿויגל“ און באַלעיעווס „שאָוו סורי“ אויך אין כלל.

שווייד זינגט אַ לידל, ניט מער, זיצט אַ טערק און זינגט זיך, ניט מער, דאַרף מען עס הערן, מען דאַרף הערן, ווי אַ שאַרפֿער

אקטיאָר פאַראײדלט הומאָר, ווי אַן אינטעליגענטער אקטיאָר פאַרלירט סאַטירע.

פאַראײדלט, פאַרדינט און דאָס פובליקום לאַכט, לאַכט אַזוי האַרציג, אַזוי פרײדיג, און זינגט ער עס הונדערט מאָל, וועט דער געלעכטער אַרויספּלאַצן אַזוי פריש און אַזוי לעבעדיג ווי צום ערשטן מאָל.

זאָל די אָפּערעטע אונזערע גײן הערן שווייד'ן, זי וועט עפּעס לערנען.

קערנדיג איז א. קעשיר, ווי אַלעמאָל. ליב אומגליקלאַך איז דאָס יתומה'לע — אננאַ טײטלבוים, אַביסעלע טעאַטראַלישער און זי וואָלט געוועזן דאָס ריכטיגע יתומה'לע.

באַראַטאָוו'ס אליקום איז קרעפטיג. ברײטבײניג און מאַנסבילש מאוימ'דיג, אָבער אויך ניט אינגאַנצן ליאַלקע און דעריבער אָן בליצנדגן הומאָר.

שוואַרץ, ווײזנפרײנד, אננאַ אַפּעל און באַראַטאָוו מוזן אָראָפּנעמען די האַנט פון האַרצן און אַ שטיף טאָן ווי די יונגע און מיר וועלן האָבן אײנע פון די שענסטע פאָרשטעלונגען אין אונזער טעאַטער.

עס איז די שענסטע התחלה פאַר טעאַטראַלישקייט.

זאָלן די גרויסע אַקטיאָרן זיך ניט קווײנקלען...

דער צוגאַנג איז ריכטיג: מען האָט זיך געהיט פון מעלאָדראַמאַטישקייט, פון ערנסטער זינגערײ, פון ליטעראַרישע דבקות, מען האָט געשאַפן אַ לויטערן שפּיל.

דאַרפן קײן פּגימות ניט זײן, בפרט, אַז די פּגימות זײנען אַזוי קלײן און מען קאָן זײ לײכט באַזײטיגן.

צווײ מאָלער האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן פאַר אונז אין רעמדאָזיגן שטיק.

ווי „גרינע" אויף דעמראָזיגן געביט האָבן זײ פיל אויפגעטאָן, אָבער ווי גרינע האָבן זײ אויך געמאַכט פיל פעלער.

די דעקאָראַציע פון ערשטן אַקט האָט געהאַט ממש אַ פעלערהאַפטן הינטערגרונט. אויסער דעם, זײנען די דעקאָראַציעס דאָ געבויט, דאָ אויפגעהאַנגען, דאָ אָנגעווענדט אײן פרינציפּ און דאָ

גאר אן אנדערן, דאסזעלבע אויך בנוגע די קאסטיומען, ניטא קיין גאנצע, אויסגעהאלטענע ליניע.

פאר דעם ערשטן אויפטריט פון די צוויי מאלער, מאוד און קאטלער, איז עס געגנוג גוט.

קיינער האט ניט אנגעהויבן בעסער פאר זיי.

נאך אלעמען איז עס איינע פון די שענסטע פארשטעלונגען פון דעם קונסט־טעאטער.

אזא פרישקייט, אזא מונטערקייט דערצו אזא טעאטראלע ציכטיגקייט זעען מיר אפשר צום ערשטן מאל אין אידישן טעאטער.

קורץ — איך האב זיך שוין לאנג, לאנג אזוי ניט געווייל אין טעאטער, ווי איך האב זיך געווילט בא דערדאזיגער אויפפירונג און איך ווינטש אלעמען דעם פארגעניגן!

לא תחמוד

מיר האבן געזען נאך א האלב רויע פארשטעלונג.

די גאנצע טעאטער־מאשין מיט אירע טויזנטער שרייפלאך, רעדלאך און רערן זיינען צום ערשטן מאל געלאזן געווארן אין גאנג. די גאנצע מאסע פון טויטער מאטעריע האט באדארפט מיט איין מאל אנהויבן לעבן, באוועגן זיך און אטעמען מיט דעם גרויסן טעאטער־אימפעט.

האט די מאשין געקרעכצט אביסל, געקאפריזעוועט איידער זי איז געקומען צום לעבן.

אלע געבורטן זיינען יסורים'דיג און ענוים'דיג.

און אויסער דער טעאטער־מאשין האט באדארפט אנהויבן צו שפילן מיט אלע זיינע פארבן, מיט אלע זיינע באצויבערנדע חנ'ען, מיט אלע זיינע דינע און פיינע קינסטלערישע סטרונעס און מיט אלע זיינע שיינע און ליבע קאפריזן א גרויס טעאטער־שפיל, וואס איז אפשר קאמפליצירט ווי די נייע געבוידע פון טעאטער גופא.

אין דעם טעאטער־שפיל זיינען אויך געווען טויזנטער שרייפלאך, רעדלאך און רערלאך, וועלכע זיינען צום ערשטן מאל געלאזן געווארן אין גאנג.

איז דאָ אויך געווען געבורט־ווייען.

אָבער דורך די געבורט־ווייען איז געבראַכט געוואָרן אויף דער וועלט עפּעס אַזוינס, וואָס מיר האָבן ביז אַהער ניט געזען און ניט געהערט אין דעם אידישן טעאַטער.

מיר דאַרפֿן שוין אויפהערן צו מאַכן אַ נעבעכדיג פּנים און אויפהערן מיט קבצנ׳ישן געמיט צו באַווייגען אונזער קולטורעלע מערכה צווישן אַלע פעלקער. מיר דאַרפֿן אויפהערן צו קוקן אויף זיך ווי אויף קולטורעלע מפּיל׳אַך.

אין דערדאָזיגער אויפפירונג זיינען די טעאַטראַלע השגות אַזוי שאַרף, אַזוי גרויס און אַזוי ברייט, אַז עס איז ממש צו וואונדערן זיך פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען צו אונז?

אין דער אויפפירונג זעט איר פאַר זיך טעאַטער אין דער ריינ־סטער און ראַפינירטסטער פאָרם, איר זעט ריינעם שפּיל אָן די שווע־רע פּסולת׳ן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויפט אין טעאַטער, איר האָט פאַר זיך די וואונדערלאַכסטע צונויפשמעלצונג פון קריסטאַליזירטער שוי־שפּיל־קונסט, פון פיינסטער און דרייסטער מאַלערישער קונסט און פון שטראַלנדער, דערהויבענער און לוסטיג־שטיפערישער מוזיק.

מיט דער דאָזיגער אויפפירונג האָט דאָס קונסט־טעאַטער באַ־וויזן ווי הויך ער קאָן פליען און אויף וואָס פאַר אַ הויך ער קאָן זיך האַלטן.

און איך מוז מודה זיין, אַז איך האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז דאָס קונסט־טעאַטער קאָן זיך האַלטן אויף אַזאַ טעאַטראַלישער הויכקייט.

וואָרים דאָס וואָס מיר האָבן געזען אין קונסט־טעאַטער איז שוין ניט פּשוט טעאַטער, עס איז שוין ניט פּשוט׳ע טעאַטראַלע טאָג־טעגלאַכקייט, עס איז שוין גאָר שאַרפע ראַפינירטקייט, עס איז שוין טעאַטער־פילאָזאָפיע, עס איז שוין טעאַטראַלע אצילות, עס איז שוין טעאַטראַלע אויבער־חכמה.

איך רייד דאָ ניט וועגן דער אויפפירונג אַלס גאַנצע; ווי גע־זאָגט, האָבן מיר געזען אַ האַלב רויע אַרבייט, צו גרויס איז אפשר דער פאַרנעם, צו קאָמפּליצירט איז אפשר דער פּלאַן פון דער אויפ־פירונג און מען דאַרף האָבן צייט צו באַהערשן אים.

איך רייד וועגן די הויפּט עלעמענטן פון דער אויפפירונג, וועגן

גרויסער און עכטער שוישפּילערישער, מאָלערישער און מוזיקאַלישער שאַפונג, וועלכע זיינען אריינגעלייגט געוואָרן אין דעם גאָלדפאַדע־נישן פאָלקס־שטיק „לא תחמוד".

בנוגע דער שוישפּילערישער זייט איז די גאַנצע אויפפירונג ממש אַן אוצר פון פּערל.

דער כשר טאַנץ אין דער צווייטער סצענע מיט ציליע אַדלער און בינע אַבראַמאָוויטש איז דאָס איידלסטע, דאָס געלייטערטסטע און דאָס האַפערדיג־צניעות'דיגע.

דאָס איז אַ פּערל מיט אַ באַהאַלטענעם חן, מיט אַ שעמעוודיגער גראַציע און מיט אַזוי פיל פאַרביגקייט און אויסדרוק, אַז נאָר דורך לאַנגע טעאַטער־קולטור קאָן מען דערגיין צו דעם.

דאָס זעקסטע בילד — די שרצים־אכסניא — איז קאָנצענטריר־טע טעאַטער־בריה'שקייט, עס איז וואונדערלאַכער שפּיל מיט אַזעל־כע שאַרפע פאַרביגע און זאַפטיגע אויסדרוק־מיטלען, וואָס מען באַ־קומט זעלטן צו זען אין די סאַמע בעסטע טעאַטערס.

דאָס עלפטע בילד — אין מאַטילדאַ'ס סאַלאָן — איז פאַר זיך אַליין אַ גרויסער ספּעקטאַקל, וואָס איז מיט אמת'ער קינסטלערישער דרייסטקייט, גרויסע בריה'שקייט און זיכערקייט אָרגאַניזירט. אַ תהום פון פלאַכן, יעדע באַזונדער באַרעכטיגט און מיט דער גאַנצער קאָנסטרוקציע צוזאַמענגעוואַקסן און איבער וועלכע עס שטייט אַ טומל פון רוישיגע פאַרבן, אַ רעש פון מוזיקאַלישע קלאַנגען און אַ האַרמאָנישע באַוועגלאַכקייט.

און אַזוי איז דאָס בילד פון גיהנום און פון גן עדן.

דאָ האָבן זיך באמת פיר מוזעס: מאָלעריי, שוישפּיל, מוזיק און פּלאַסטיק, צוזאַמענגענומען און געשאַפן וואונדער, סצענישע וואונדער.

דאָ האָבן מיר פאַר זיך ספּעקטאַקל אין אַ ברייטן זינען.

דאָ האָבן מאָרים שוואַרץ, אַהרנסאָן, אחרון און פּאָקין, פיר אמת'ע קינסטלער, פיר מייסטער האָבן אַ הויב געטאָן דאָס אידישע טעאַטער צו אַזאַ הויך, צו וועלכער ער איז נאָך, אין אַמעריקע, ניט דערהויבן געוואָרן.

עס זיינען דאָ אין דער אויפפירונג זעכצן בילדער. איטלאַכס בילד איז פאַר זיך אַליין אַ גאַנץ טעאַטער־ווערק.

עס איז אָבער צופיל.

צופיל קינסטלערישע אָנשטרענגונג, צופיל פאַר'ן אויג, צופיל פאַר אַלע חושים פון דעם צושויער.

צופיל רייכקייט, צופיל שפע, צופיל טעאַטראַלע מזל־ברכה.

זעקס אָדער זיבן בילדער זיינען איבער גענוג.

מסתמא וועט דאָס קונסט־טעאַטער איינהאַלטן זיין שפע און זי ניט אויסשיטן מיט אַזאַ ברייטער האַנט אין איין אָוונט.

דאָס וואָס מיר האָבן געזען אויף דער גרויסער פּראָבע קאָן סטייען אויף פיר־פינף ספּעקטאַקלען.

מען טאָר זיך ניט וואַרפן מיט אַזוי פיל שפע.

אַ ברייזיגער ים פון טעאַטראַלער שאַפונגס־פרייד איז די אויפפירונג.

אין איין אַרטיקל קאָן מען ניט אַרומריידן אַלץ, וואָס די אויפפירונג פאַרמאָגט.

מען דאַרף שרייבן וועגן אַהרנסאָנ'ס דעקאָראַציעס פון גרויסן פאַרנעם באַזונדער, מען דאַרף שרייבן וועגן אחרונ'ס ממש וואונדערלאַכער מוזיק באַזונדער, מען דאַרף שרייבן וועגן פּאָקינ'ס אויפטואונגען באַזונדער, וועגן שוואַרצ'ס רעזשיסאָרישער אַרבייט באַזונדער און וועגן דעם שפּילן פון די אַקטיאָרן און די מאַסן באַזונדער.

עס איז אַ גאַנצער אוצר, אַן ענציקלאָפּעדיע פון טעאַטערשאַפונג.

איך זאָג אָפן — קריטיקער דאַרפן זען עטלאַכע מאָל די אויפפירונג, כדי זיי זאָלן זיך ווי געהעריג אָריענטירן אין די עלעמענטן פון דער אויפפירונג.

מיר האָבן פאַר זיך אַ גרויסן אויסדרוק פון קינסטלערישער ענערגיע, עפּעס אַ טעאַטראַלער וואולקאַן האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט פייער און מיט רויך...

מען קאָן ניט און מען טאָר ניט צוגיין צו דערדאָזיגער אויפפירונג מיט לייכטער מבינות'דיגער וואוילערישקייט, מיט איבערפלעכלאַכער קריטיק און מיט גאוה'דיגער זיכערקייט.

מיר האָבן פאַר זיך אַ זייער קאָמפּליצירטע פאָרשטעלונג.

און דאָ קאָנען אַרויסקומען זייער טרויעריגע מיספאַרשטענד־נישן:

דער טעאַטראַלער עם־האַרץ קאָן ווערן ברוגז פאַר דער שווערער טעאַטער־עברי, וואָס די ראַפינירטע קינסטלער האָבן אים אונטער־געטראָגן, דער מיטלמעסיגער מבין וועט האָבן שטערן־קנייטשעניש און מאַטערניש אויסצוגעפינען וואָס אַזוינס שטעקט אין דעמדאָזיגן גרויסן, פאַרביגן און רוישיגן טעאַטער־יאַריד.

די גרויסע אויפפירונג דאַרף זיך אָגב ערשט קריסטאַליזירן, זי דאַרף ווערן קאָמפּאַקטער, קאָנצענטרירטער, זי דאַרף ווערן בולט'ער, זי דאַרף ווערן געבונדענער און דאַן ערשט וועט מען זי קאָנען באַנעמען.

און דאָס וועט זי ווערן מסתמא היינט־מאָרגן.

און דער עולם, גראָד דער גרויסער עולם וועט עס געניסן מיט דער גרעסטער פרייד.

קאָן מען איצט ריידן בלויז וועגן איינצלנע מאָמענטן, וועגן די באַזונדערע עלעמענטן, וועגן גרויסן קינסטלערישן מאַטעריאַל, וואָס איז אויסגעשטעלט געוואָרן פאַר אונז.

עטלאַכע ווערטער וועגן די שוישפּילער.

דאָ זיינען קיין ראָלן אין דעם געוויינלאַכן זינען לחלוטין ניטאָ, דאָ האָבן די שוישפּילער געהאַט פאַר זיך די ריינסטע שוישפּילערישע אויפגאַבע, די אויפגאַבע צו שפּילן מיט'ן גוף אַבסטראַקציעס, צו פאַרשפּיצן, צו פאַרשאַרפן און צו פאַר'בולט'ן פאָלקסטימלאַכע באַ־גריפן פון בייז און גוט, פון תאווה און עונש, פון פאַלשקייט און ערלאַכקייט, פון אויסגעלאַסנקייט און תמימות, פון אומגליקלאַכן יושר און זאַטער אומגערעכטיגקייט, פון אַסימילאַציע און בלוט־קרובה'שאַפט, פון וועלט און מענטש פון ניט־גוטע און גוטע.

און עס איז אַ טעות, אַז פאָלקסטימלאַכקייט איז תמימות, לע־מעשקייט, נאַרישקייט און אַבערגלויבן.

ניין, אין פאָלקסטימלאַכקייט ליגט באַהאַלטן שאַרפע סאַטירע, בייזער הומאָר און שטעכעדיגע קלוגהייט.

האָבן די פאָלקסטימלאַכע סימבאָלן קלוג־לאַכנדיגע פּנים'ער, מאַכן די פאָלקסטימלאַכע אַבסטראַקציעס שניידיגע גרימאַסן.

די פאָלקסטימלאַכקייט באַשטייט אין דעם, וואָס די גרימאַסע

איז אָן אָפּענע, אַ קלאָרע, די אָפּנקייט און קלאָרקייט גייט אַריבער אין גראָטעסק.

שניידיגע גרימאַסן, דאָס איז דער פּונקט, וואו פּאָלקסטימלאַכ־קייט און קונסט באַגעגענען זיך...

שווינדלט און גריבלט די אויפפירונג מיט גראָטעסקע סימבאָלן, ווי די פאָלקסטימלאַכקייט מאָלט זיי: פעטע שטריכן, שרייענדע פאַרבן און רעש׳יגע באַוועגלאַכקייט.

און דאָס אינערלאַכע, די באַהאַלטענע צביעות, די פאַרבאָרגענע ביזקייט, די פאַרדעקטע פאַלשקייט, די פאַרשלייערטע עניוות און די פאַרשלאָסענע אונטערשלעסער טרייפקייט, קריכן אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן און לייגן זיך אויס אויפ׳ן פּנים.

דאָס איז אמת׳ער טעאַטער־שפּיל.

טעאַטער וויל דאָס אינערלאַכע מאַכן גופ׳יש, ער וויל, אַז מען זאָל קאָנען אָנטאַפּן דעם מענטשלאַכן פעלער, דעם גרייז, דעם דעפעקט.

עס איז שווער פאַר׳ן שוישפּילער צו פאַרוואַנדלען גייסט אין מאַטעריע, אָבער דאָס טעאַטער פאָדערט עס פון אים און וואָס ווייטער ווערט דידאָזיגע פאָדערונג זיינע אַלץ דרינגלאַכער או דרינגלאַכער.

און אָט האָבן די שוישפּילער פון קונסט־טעאַטער באַוויזן ניט נאָר צו פאַר׳גופ׳ן בייזקייט, צביעות, א. ז. וו. זיי האָבן באַוויזן צו פאַרגראָטעסקעווען אויף אַ וואונדערלאַכן אופן דידאָזיגע אַבסט־ראַקציעס.

ציליע אַדלער האָט געגעבן דעם פיינסטן, דעם געשליפנסטן גראָטעסק פון איבערטריבענע צניעות און פרומקייט.

פרומע הייסט די אַבסטראַקציע וואָס ציליע אַדלער האָט פאַר׳גופ׳ט.

אידישע ווייבערשע פרומקייט מיט איר גרויסער קדושה, וואָס גייט איבער אין לעכערלאַכקייט האָט באַקומען אַ ממשות׳דיגע געשטאַלט.

און וויפל פיינקייט פון שניצערײַ איז פאַראַן אין דעמדאָזיגן גראָטעסק.

עפּעס איז שטיל דער איבערגאַנג פון קדושה צו לעכערלאַכקייט.

קוים, קוים ווי עס שאָטנט זיך, ווי עס מענעט זיך קדושה און לעבערלאַכקייט.

ציליע אַדלער האָט באַוויזן דאָ דעם פיינסטן חוש פאַר שוישפּיל.

דער היפך פון פרומען איז די דייטשקע.

די דייטשקע איז די אויסגעלאַסנסטע, די פּוסטע, די פאַלשע, די נאַרישע.

האָט בערטאַ גערסטין מיט דער עקסטרעמסטער שניידיקייט געשילדערט דעם קאָנטראַסט פון פרומען.

אַ גראָטעסק פון דער פרוי, פון דער גוי'שער פרוי, וואָס איז ניט פרום.

און אין דער סצענע אויפ'ן בית־עלמין האָט בערטאַ גערסטין מיט אמת'ער בריה'שקייט געגעבן אַ זייער פאַרביגן גראָטעסק פון פרויען־פאַלשקייט, פון פרויען־היסטעריע, פון פרויען־לייכטזיניגקייט און פון אַלע קלעפּיגע מדות, וואָס באַגלייטן די פרוי, די „דייטשקע“.

מאָרים שוואַרץ שפּילט אחיתופל'ן, דעם שטן. אים קומט אויס צו שפּילן אפשר אַ טוץ ראָליען, וואָרים דער שטן מוז זיך, צוליב זיין שטן'שע פּראָפּעסיע, כסדר פאַרשטעלן. שפּילט שוואַרץ אַ בעל־עגלה, אַ ציגיינער, און אפילו אַ פראַנצויזיש פריילאַך־מיידל, אַ חוץ דעם אָפּענעם אחיתופל.

און יעדע געשטאַלט אין וועלכער ער באַווייזט זיך, איז אַ גראָ־טעסק פאַר זיך.

אַ נייער אַקטיאָר מיט'ן נאָמען יוסף בולאָוו שפּילט דעם פרומען פריץ. אַ זייער פיינער שוישפּילער, ער פאַרמאָגט זייער פיל בויגיג־קייט, לייכטקייט, אינטימקייט און זייער געצירקלטן הומאָר.

דאָס קונסט־טעאַטער באַקומט אַ זייער פיינעם שוישפּילער, זאָל ער זיך עלטערן מיט'ן קונסט־טעאַטער.

פריעד שפּילט דעם שלים־מזל'דיגן יצר־טוב, אָדער דעם מלאך, וואָס ראַנגלט זיך זייער שלים־מזל'דיג מיט'ן שטן.

ס'אַרא וואונדערלאַכע סאַטירישע אויפפאַסונג פון דעם יצר־טוב.

אַ טייערער, אַ ליבער איז דער מלאך, אַ האַרציגער, אַ זיסינקער איז דער יצר־טוב. אָבער, וואָס טויג עס, אז ער איז אַ שלים־מזל,

אַז ער שלאָפט איין גראַד, ווען מען דאַרף זיין וואַכעדיג, אַז ווען מען דאַרף עפּעס טאָן איז בא אים שבת און ער קאָן גאָרניט טאָן.

האָט דער מלאך, אַזוי נאַאיוו, אַזוי קינדיש, טענות צום רבונו של עולם. ער מאָנט יושר...

ווי טרייף די פאָלקסטימלאַכקייט שמייכלט דאָ!

אברהם טייטלבוים שפּילט דעם דייטש, וואָס פאַרליבט זיך אין פרומען.

אַ גראָטעסק פון אַ דייטשל, ווי די פאָלקסטימלאַכקייט שטעלט אים פאָר, עפּעס ערלאַך אָן אַ טעם, עפּעס נאַריש, אָבער אָן שלעכטסקייט.

הכלל, „אַ טייטש“.

און אונזער אַננאַ אַפּעל, די מייסטערין פון אידישן גראָטעסק, האָט זיך דערפילט אין איר אַטמאָספערע אין דערדאָזיגער אויפפירונג.

זי שפּילט איינע, וואָס הייסט „שפּרינצע די גענעראַלשע“. דאָס איז פון די שפּרינצעס, וואָס ווערן אויף דער עלטער גבאי'טעס... עס איז פון די שפּרינצעס, וואָס הויבן אָן אויף דער עלטער חתונה מאַכן פאַרזעסענע מוידן.

שפּרינצע איז גבאי'טע און טרייפע אויסגעלאַסענע פרוי.

אַננאַ אַפּעל מאָלט מייסטעריש דידאָזיגע שפּרינצע. מיט שניידיג־פּעטע שטריכן, מיט גרויסע פאַרבן־פלעקן ברענגט זי אַרויס דעם וואונדערלאַכן גראָטעסק פון שפּרינצען.

שפּרינצע איז ממש מאָנומענטאַל.

אונזער בינע אַבראַמאָוויטש איז די אַלטע באָבע. ווי איר שטייגער — ליב און האַרציג.

קורץ: עס איז אַ וועלט פון גראָטעסקע געשטאַלטן.

אונזער באַראַטאָוו ווי דער דייטשישער דאָקטאָר — אַ בייזער גראָטעסק.

וויציג, מיט טעמפּע זיכערקייט איז דער ריעלעסטייטניק, ווי איזידאָר קעשיר האָט אים אין אַ פּאָר שטריכן אָפּגעשילדערט.

אַננאַ טייטלבוים איז זייער אַמוזאַנט אַלס אידיש־דייטשקע.

און די פיל אַנדערע, ווי ב. לומעט אַלס באַנקיר פאָן בלאָטע (און אויך אַלס וועש־וואַשער), ראַרינאַ קאַלס זיין פרוי, וואָלף גאָלד־

פאַרן אַלס קוילן־גרעבער און גלח, באַרים וויינער אַלס ראַבינער א. ז. וו., צעפּאַסעווען די אויפפירונג מיט טשיקאַווע גרימאַסן.

ווי געזאָגט: די אויפפירונג איז אַ וואַלד און מען קאָן פאַר־בלאָנדזשען אין איר.

מען קאָן זי ניט ארומנעמען ווי איין גאַנצע אויפפירונג, מען מוז זי באַטראַכטן דערוויַיל ווי אַ קאָלעקציע פון אויפפירונגען.

אָבער עס איז אַ וואונדערלאַכע קאָלעקציע. פון איר מוז זיך אויסקנעטן אַ גרויסער ספּעקטאַקל.

די השגות פון דעם אידישן טעאַטער זיינען גרוים אויסגעוואַקסן, אַ סך גרעסער ווי מען האָט געקאָנט ערוואַרטן.

שיחה מיט צדיקים

עס איז געווען אָנגענומען:

אָדער דער טעאַטער פאַרשמירט דאָס געזיכט, שניידט משונה׳־דיגע גרימאַסן, קלאָאונעוועט, גרילצט און שליידערט פון זיך גראָבע און פלאַכע אומזיניקייטן פאַר׳ן המון, אָדער ער פאַרקנעפּלט זיך שטייף אין אַן איבסענישן סורדוט און פילאָזאָפירט פאַר אַלטע מוידן, פאַר סאָלידע, מיושב׳דיגע און פאַרזויערטע בירגער.

דער פריילאַכער, אַקראָבאַטישער און פאַרשמירטער קלאָאון זאָל פילאָזאָפירן, דער באַוועגלאַכער, פלינקער און קוועקזילבערדי־גער קאָמעדיאַנט זאָל זיך אריינרייסן אין דעם סאַמע פלאָנטער פון לעבנס־פּראָבלעמן — דאָס האָט מען געהאַלטן פאַר אַ חלול הקודש.

האָט זיך דער קאָמעדיאַנט צובונטעוועט.

ער וויל ניט שטיין מחוץ למחנה ווי אַ מצורע.

ער וויל ניט זיין דער גייסטיגער נחות דרגא.

ער וויל ניט שניידן קיין גרימאַסן אָן אַ זינען.

און ער האָט אָנגעהויבן קאָמעדיאַנטיש פילאָזאָפירן, ער האָט אָנגעהויבן קלאָאוניש באַ׳מח׳ן די סאַמע ערנסטע און די סאַמע „געהייליגטע" פּראָבלעמען פון לעבן.

און וואונדערלאך מאכט עס דער קאָמעדיאַנט, שניידיג, צאַ־פּעלדיג און שטורמיש מאַכט עס דער קלאָאון.

און דוקא מיט אַ פאַרשמירטן פּנים טוט ער עס, און דוקא מיט זיינע גרויסע גרימאַסן מאַכט ער עס, און דוקא מיט קנאַליגען געלעכטער, מיט שטורמישן געוויין און מיט זיינע געפאַרבטע טעאַטראַלישע מלבושים האָט ער זיך אוועקגעזעצט אין דער מסבה פון פילאָזאָפן.

שפּילט דער קאָמעדיאַנט האַרבע און געוויאַנדלטע פילאָזאָפיע.

און די אַלטיטשקע פילאָזאָפיע מיט אירע ציטערדיגע הענט און פיס, מיט איר פאַרמעטענעם פּנים, מיט אירע טיפע קנייטשן און מיט אירע עטלאַכע שטאַמלענדיגע ווערטער, איז יונג, שטור־מיש, באַוועגלאַך, קנאַליג, פאַרביג, פול־בלוטיג און וואקכאַנאַליש־שפּילעוודיג געוואָרן.

טעאַטער פילאָזאָפירט!

איז עס ניט קיין פילאָזאָפיע פון ווערטער, איז עס אַ פילאָ־זאָפיע מיט בלוט און פלייש, מיט ממשות׳דיגע קלאָרקייט.

דער גוף פילאָזאָפירט!

קליין און גרויס, נאַריש און קלוג, יונג און אַלט, קאָנען ממש מיט די הענט אָנטאַפּן די פילאָזאָפיע.

עס איז דער גרויסער כח פון טעאַטער צו פאַר׳גוף׳ן גייסט, עס איז דער כשוף פון טעאַטער צו פאַרוואַנדלען ביכער מתים אין לעבעדיגע, באַוועגלאַכע און שאַרף־בולט׳ע געשטאַלטן.

אין אוירווינג פליים טעאַטער האָב איך געזען די גרויסע, מונטערע בריה׳שקייט פון טעאַטער.

און ליבער נאָענטער איז מיר געווען די בריה׳שקייט, ווייל עס איז די בריה׳שקייט פון אונזער אידישן טעאַטער.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז אונזער אַקטיאָר איז עפּעס מיט אַמאָל אויסגעוואָקסן, ער איז מיט אַמאָל טעאַטראַליש באַוואוסט־זיניג געוואָרן, ער האָט מיט אַמאָל אַ קלאַפּ געגעבן איבער׳ן טיש און האָט צו אַלע אונזערע גרויסע שטערנס, צו אונזערע פיינע פּלפּול׳דיגע קעפּ געזאָגט:

— איך מעלד זיך צום וואָרט, גענוג געשוויגן, גענוג גע׳תּם׳־עוואַטעוועט און גענוג באַלעקט זיך מיט אייער טרוקענער חכמה.

לאָזט מיך אויך עפּעס זאָגן!

איך האָב אונזערע אַקטיאָרן ניט דערקאַנט.

פון וואַנען האָט זיך צו זיי גענומען אַזאַ פייערדיגער לשון, אַזאַ דרייסטיקייט, אַזאַ געבענטשטע טעאַטראַלע העזה, אַזאַ הפקר'דיגע פיינקייט, אַזאַ ברייטע און אַרויספאָדערנדיגע האַלטונג, אַזאַ טעאַטער־חכמה און אַזאַ זיכערקייט.

איך האָב בראַוואָ געפּאַטשט גלייך מיט אַלעמען, געקלאַפּט אַ האַנט אויף אַ האַנט, אָבער געוואָלט האָט זיך מיר קלאַפּן דער חברה אַקטיאָרן איבער די פּלייצעס:

— אָט אַזוי, חברה! לעבעדיגער, שטאַרקער, איר האָט דער־טאַפּט וואָס איז אַזוינס טעאַטער! און מיר אַרט לחלוטין ניט, וואָס עס פעלט דאָס ביסעלע אָרימע לאָגיק, וואָס ערטערווייז פאַרהאַקט איר זיך, וואָס צייטנווייז קיילט זיך ניט ווי געהעריג, וואָס דער אימפּעט רייסט זיך אָפּט איבער, וואָס דער ספּור־המעשה איז פּשט'לדיג און וואָס די אויפפירונג אָטעמט ניט ווי אַן אָפּעראַ זינגער.

דער עיקר איז דאָ, טעאַטער מיט אַלע זיינע חושים איז דאָ, טעאַטראַלער ברען און טעאַטראַלע שמייכלענדיגע העזה איז דאָ.

ניט קיין מלמדים, וואָס לערנען עברי, ניט קיין לצים, וואָס שנעלן אין נאָז דעם שלאָפנדיגן עולם, ניט קיין זאָגערינס, וואָס דאַרפן אַרויסרופן טרערן און ניט קיין מוסר־זאָגער, וואָס דאַרפן ברעכן הערצער זייט איר, נאָר קינסטלער, שפּילער זייט איר!

גאָט'ס וועלט איז דער וואונדערלאַכסטער שפּיל, און אין דעם שפּיל זייט איר, די אַקטיאָרן, די בעסטע שפּילער!

איר דאַרפט זען און פילן דעם שפּיל און פאַר אונז עס קאָנ־צענטרירטער איבערשפּילן.

„די שיף מיט די צדיקים" איז בוך־חכמה, וואָס איז פאַר טע־אַטראַלישט.

עס איז אַ קאָפּ־זאַך, עס איז אַ מח־קינד.

אָבער אַ קלוגער קאָפּ האָט עס אויסגעפּלאַכטן. עס איז אַביסל צו פּשט'לדיג, עס איז צו פיל פיליגראַן־אַרבעט, קווייטלאַך פלאַנטערן זיך, דריידלען זיך און פאַרוויקלען זיך פּלפּלו'דיג איינס אינ'ם אַנדערן.

דער תוך האָט געקאָנט זיין פשוט'ער, איינפאַכער און קלאָרער.

אַ חברה שלים'מזל'ס, באַליידיגטע, אַנגעגריפענע פון קליינע צרות'לאַך און צושלאָגענע פון געוויינלאַכע עגמת נפש'ן זיינען ברוגז אויף דער וועלט. נעמען זיי זיך צוזאַמען, אָרגאַניזירן אַ גע־מיינדע פון צדיקים און גייען אַוועק אויף אַ שיף פון דער וועלט.

איז טויט־לאַנגווייליג אין דער כשר'ער געמיינדעלע. מען דאַרף גאָרניט, מען וויל גאָרניט, ניטאָ קיין גלוסטן, ניטאָ קיין קאַמף — הכלל לעבעדיגע מתים'לאַך.

און קיין צדקות איז אויך ניטאָ. ווארום וואו עס איז ניטאָ קיין זינד פילט מען ניט, זעט מען ניט די צדקות.

און עס שטעלט זיך אַרויס, אַז די גאַנצע צדקות זיינען ליגנס. יעדער צדיק'ל האָט זיך אַ פאַרבאָרגענע פניה'לע, ער איז נאָר אַ צדיק'ל מיט אַ טרפה'ינקן חשבון.

און אין דער קהלה פון צדיקים'לאַך, וואָס זיינען אַוועק פון דער וועלט, איז דאָ באַהאַלטענע שנאה, פאַרבאָרגענע קנאה, פאַר־שלייערטע בייזקייט און פאַרשטיקטע פסול'ע ליידנשאַפטן.

דאָס לעבן, דאָס לעבן מיט בייז בלוט און מיט טרפה פלייש גנב'עט זיך אַריין אין דער עדה פון די אָפּגעזונדערטע צדיקים און פאַרקנוילט דאָרט, פאַרפלאָנטערט דאָרט ליבעס פון ווייבער צו מענער, פאַרזייט דאָרט אינטריגעלאַך, מחיה'דיגע מענטש־לאַכע אינטריגעלאַך, פאַרפלעכט דאָרט קריגערייען, געזונטע מענטשלאַכע רייסערייען, פאַרקניפּלט דאָרט רכילות'ן, קלוגע, זאַפטיגע לשון הרע. און אין מיטן ים, ווייט און אָפּגעריסן פון דער וועלט, שווימט זיך אַ וועלטל, וואָס איז ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלאַך אויף דער גרויסער, זינדיגער וועלט, פון וועלכער מען איז אַנטלאָפן.

עס איז פשוט — מענטשן קאָנען אַנטלויפן פון דער וועלט, אָבער פון זיך אַליין קאָנען זיי בשום אופן ניט אַנטלויפן.

און דער סוף איז, אַז אַלע זעען זיך אַרום, אַז עס איז בעסער אַ גרויסע זינדיגע וועלט איידער אַ זינדיג קליין שטייגל.

און באמת האָט יעדער נאָר געשפילט טעאַטער, קיינער האָט עס גאָרנישט גענומען ערנסט. אונטער דער מאַסקע פון אַ צדיק

איז איטלאכן געווען באַקוועם צו אַפּטאָן זיינע פערזענלאכע געשעפטן.

בלויז דער קינסטלער איסאי האָט עס נעבאך גענומען זייער ערנסט און מיט אים נאָך אַ מיידל, וואָס הייסט „טרוים". איז ער דער וואַנזיניגער און זי בלויז אַ טרוים.

גענוג חכמה, דוכט זיך, איבער גענוג.

האָט אָבער נ. יעוורעאינאָוו אַ פולע קאָפּ מיט חכמה און וויל אַלץ אַריינשטאָפּן אין דעם דריי־אַקטיגן שטיק, האָט ער אָנגעשנירלט, אַריינגערינגלט און צוגעשטוקעוועט אַ ים פון ברעקלאך חכמה, וואָס באַמבלען זיך אויפ׳ן שטיק ווי עברים מדולדלים.

און אַ פשט׳לדיגן קאָפּ האָט ער און ער האָט געקייטלט אַזוי דין, אַזוי פאַרדרייט און אַזוי פאַרקרייזלט, אַז ערטערווייז שווינדלט אַביסל אין קאָפּ.

ווען ניט די זייטיגע רמזים, די נעבעכדיגע הנחות און פּוסנאָטן, איז דאָס שטיק זייער אַ קלאָרס, זייער אַ קלוגס, און דער עיקר — זייער און זייער אַ טעאַטראַליש שטיק.

איך בין זיכער, אַז אין וויטערדיגן שפּילן וועלן די איבעריגע פּרענזלאך, קוטאַשעקלאך און סטיינגעלאך אַראָפּפאַלן און מיר וועלן האָבן דעם פיינסטן טעאַטער־שפּיל.

עס איז שוין ממש אַ חיות צו זיצן אין טעאַטער, און וואָס ווייטער וועט עס ווערן חיות׳דיגער, געשמאַקער און באַ׳טעמ׳טער.

קאָנען מיר באמת באַגריסן בן־עמי׳ן מיט זיין ערשטן אויפטריט אָלס דירעקטאָר פון אַ אידישן טעאַטער.

און צום ערשטן מאָל זעען מיר אַ אידישע טרופּע, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פּעסט, קאָמפּאַקט, פון לויטער קערנדיגע אַקטיאָרן און פון קינסטלער, וואָס קאָנען נעמען אַ העכערן און פיינערן טאָן אין שפּילן.

בן־עמי האָט צוגעצויגן צוויי נייע שוישפּילערינס צו דער אידישער בינע, שוישפּילערינס, וועלכע זיינען אַ גרויסער געווינס פאַר אונז.

לידיאַ פּאָטאָצקאַ איז אַ שוישפּילערין מיט אמת פיינער טעאַטער־קולטור, אַ שוישפּילערין מיט געאיידעלטן טאַלאַנט, מיט

זיכערער און פעסטער טעאַטער־ערפאַרונג און מיט אַלע געבענטשטע מעלות פון אויסערלאַכקייט.

לידיא פאַטאַצקא שפילט „די פרוי". זי סימבאַליזירט די פרוי אַלס געליבטע, אַלס ווייב און מוטער.

מיט רואיגע, בולט׳ע, אָבער מיט פיין־ראַפינירטע שטריכן מאָלט זי פאַר אונז די פרוי. קלוג דורכגעדאַכט און מיט וואַרימ־קייט אויסגעמאָלט איז די פרוי.

מיט לידיא פאַטאַצקא קומט אויף אונזער סצענע די וועלט־פרוי, די פרוי פון א פיינערן שניט, פון א טיפערער אינערלאַכקייט און פון א העכערן שטייגער.

פאַר מיר איז לידיא פאַטאַצקא ניט קיין פנים חדשות. איך קען זי גוט פון דער רוסישער בינע און עס איז פאַר מיר געווען די אנגענעמסטע איבערראַשונג צו זען, ווי זי האָט זיך אין דער קורצער צייט איינגעלעבט מיט דער אידישער שפּראַך.

איך בין זיכער, אַז זי וועט גאַר גיך ווערן איינע פון די באַ־ליבסטע שוישפּילערינס אויף אונזער בינע.

זי איז אונז זייער און ווילקאָמען!

העלען זעלינסקא איז די צווייטע נייע שוישפּילערין. זי שפילט די טאָכטער פון דעם קאַפּיטאַן.

זי איז א שוישפּילערין מיט טעמפּעראַמענט, מיט געזונטער, קערנדיגער, עטוואָס וואָדעווילישער גראַציע און מיט שאַרפער אויסדריקלאַכקייט.

אין דער ראָלע, וואָס זי שפּילט, איז זי אַזוי רירעוודיג, אַזוי זאַפטיג ליב, אַז מיט יעדן אויפטריט אירן מונטערט זי אויף דעם צושויער.

זי איז אביסל צו קורץ־אָטעמדיג. זי קאָן ניט פירן קיין ליניע פון א כאַראַקטער, די ליניע ברעכט זיך, דאָ שטייגט זי אין דער הויך, און דאָ רייסט זי זיך פלוצלונג איבער און לאָזט זיך אַראָפּ.

דער טעמפּעראַמענט אירער בענדיגט זיך ניט. עס מאַכט זיג־זאַגן, דאָ פלאַמט ער אויף און דאָ פאַלט ער אריין אין אַפּאַטיע.

זעלינסקא האָט, ווי עס שיינט, געשפילט קורצע, שניידיגע ראָלן, און דאָס לאָזט שפּורן אויף א שוישפּילער. אָבער זי וועט זיך

באפרייען פון איר קורץ אָטעמדיקייט און מיר וועלן האָבן אַ ליבע, אַ הארציגע שוישפּילערין, וואָס וועט אונז פאַרשאַפן פיל נחת.

בן־עמי שפּילט דעם מאַטראָס וויטאלי, דאָס געזונטע און ביטערע לעבן, וואָס רייסט זיך אַריין אין שיף פון די צדיקים.

עטוואָס צו־איידל פאַר אַזאַ מאַטראָס, אָבער איידלקייט איז ניט קיין חסרון אויף אונזער בינע. שטאַרק, שוישפּילעריש און דער־קלאַמאַטאָריש איז ער געווען אין דעם צווישן־שפּיל אַלס חם. זעלטן ווען מען הערט בײַ אונז אַ מאָנאָלאָג אַזוי שאַרף, אַזוי זאַפטיג און אַזוי פאַרביג.

יחיאל גאָלדשמידט איז סקולפּטאָריש פּרעכטיג אין דעם גאַנצן שטיק און אין לעצטן אַקט איז ער ממש איבעררעאַשענדיג מיט זיין אַקטיאָרישער בריה'שקייט. דער טויט פון קאַפּיטאַן איז איינע פון די שטאַרקסטע סצענעס אין שטיק און די גאַנצע שטאַרקייט טראָגט י. גאָלדשמידט אויף זיינע פּלייצעס.

גרשון רובין שפּילט מיט רובין'שען שטייגער, קאַלטלאַך, אָבער מיט גרויס חן, רואיג, אָבער זייער איבערצייגענד. זיין נח אין דעם צווישן־שפּיל איז דער ליבסטער גראָטעסק, וואָס איך האָב אַמאָל געזען.

רובין קאָן זיין נאָך בעסער, ער האָט נאָך די „פּראָזע" פון זיין ראָלע ניט גוט אויסגעלערנט. לאָמיר האָפן, אַז אין די פרייע טעג פון יום־טוב וועט ער נעמען צייט און גוט, טיכטיג מיט התמדה אויסלערנען זיין „פּראָזע", און דער פאַרגעניגן פון זיין שפּילן וועט זיין נאָך גרעסער.

ליזא זילבערט שפּילט אַ באַרמהערציגע שוועסטער. זי איז געזעצט, קאָנצענטרירט און זייער פיין אויפגעפּאַסט. ערטערווייז האָט זי אַרויסגעוויזן אַזוי פיל שוישפּילערישן טאַקט, אַז עס איז געווען אַ נחת צו זען ווי אונזערע עלטערע שוישפּילערינס, די מאַמעס פון דער אַקטיאָרישער משפחה, קאָנען אַזוי גוט באַנעמען וועלט־כאַראַקטערן.

מאַעסטרא איסאַי (מאַקס ראָזענטאַל) איז רירענד אַלס קינסטלער־קינד, אַלס אמת'ער צדיק, אַלס איין־איינציגער צדיק.

ערטערוווייז האָט אים די שטים ניט גוט געדינט, אָבער וועלכער אידישער אַקטיאָר פילט זיך ניט אָנגעשטרענגט אין די יום־טוב טעג ?

אַ שטילן, אין־זיך פאַרטיפטן, אַ מענטש פון קריסטאַלענער ריינקייט איז דער דאָקטאָר, ווי ל. סניעגאָוו שילדערט אים.

אַ חלום איז געווען סטעלאַ אַדלער. און ווען זי איז אַרויס פאַר׳ן לעצטן אַקט און האָט זיך געבעטן, אַז מען זאָל דעם וואָכעדיגן סוף פון שפיל ניט זען, זאָל בלייבן דער חלום, זאָל ער זיך ציען און ציען, האָב איך כמעט מסכים געווען מיט איר. אָבער דאַן וואָלט איך ניט געזען גאָלדשמיט׳ן אין דער שטאַרקסטער סצענע.

אַ פיינעם, שלעכטן נאַרעלע האָט געשפּילט אַ. ווינאָגראַדאָוו, נעבאַכדיג און טרייף־כשר, און באַשמירט מיט חזיר־פעטס.

אַ. פּעקער׳׳ס טעאַטער־דירעקטאָר איז זייער אַמוזאַנט.

אַז באמת האָבן אַלע לעבעדיג און מיט ליבע געשפּילט.

איך ביר אַרויס פון טעאַטער און האָב מיר געזאָגט : איך בין היינט אין טעאַטער געווען.

און איך בין זיכער, אַז אַלע, וואָס וועלן זעען די דאָזיגע שטיק וועלן אַרויסגיין און זאָגן : מיר זיינען געווען אין טעאַטער, אין אמת׳ן טעאַטער.

נ. ב. י. פּאָשקאָ׳ס דעקאָראַציע און גודעלמאַן׳ס מאַסקעס פאַרדינען באַזונדערס דערמאָנט צו ווערן צו גוטן.

שאַפּ

עס איז אַ גליטשיגע טעמע; טויזנטער צוגעגרייטע ווערטער רייסן זיך פון פעדער, פאַרטיגע, קאַנאָניזירטע באַגריפן ליגן גרייט אין טינטער, אָפּגעדראָשענע אמת׳ן שטייען מיט אָפענע מיילער, גרייטע שטעלונגען, באַציהונגען און סימפּאַטיעס זייגען אַריינגעהאַמערט אין קאָפּ.

דער דיכטער האָט אָבער זיינע אייגענע ווערטער, זיינע אייגענע באַגריפן, זיינע אייגענע אמת׳ן און זיין אייגענע באַציאונג.

פרעמדע פאַר׳קהל׳שטע ווערטער שפּרינגען אָפּ פון אים, די פּאָליטיק מיט איר מענה לשון פאַרטומלט אים ניט און די פּראָפּאַגאַנדאַ מיט איר גרויסן מויל האָט קיין שליטה ניט אויף אים.

עס איז דער שאָפּ ווי אַ דיכטער זעט אים, עס איז דער שאָפּ ווי אַ דיכטער לעבט אים דורך.

האָט דער שאָפּ אַ צעוויינטאָגטע, אַ צעפּלאָגטע און אויך אַ דערהויבענע נשמה.

דער דיכטער זעט מענטש און ניט קיין קאַנאָנען־פליש פאַר רעוואָלוציעס, דער דיכטער זעט נאָענטע, לייבלאַכע קרובים אין אַלע ליידענדע און פרעגט בא קיינעם ניט קיין פּאַרטיי־בילעט.

אַלעמענס צער איז בא אים הייליג, אַלעמענס האַרץ איז פאַר אים אַ מקום קדוש.

אָט האָט ה. לייוויק אַ באַם אין זיין „שאָפּ״, איינער וואָלף, וואָס איז אין דער יוגנט געווען אַ רעוואָלוציאָנער, איז דער דאָזיגער באַם אַזוי שיין, אַזוי וואונדערלאַך שיין אין זיינע ליידן און אין זיין צער.

ער איז אפשר שענער פאַר דער פאַרשטיינערטער, פאַרפאַנצערטער און פאַרגליווערטער אין רעוואָלוציאָנערן צאָרן, פאַר דער קעמפערין מינע.

אָט האָט ה. לייוויק אין זיין „שאָפּ״ אַן אינטעליגענט ליפּמאַן, האָט דער דאָזיגער איטעליגענט אַ האַרץ און אַן אויג ניט בלויז פאַר קלאַסן־ליידן, נאָר אויך פאַר די פערזענלאַכע ליידן פון מענטשן.

און שיין איז דער דאָזיגער אינטעליגענט, שיין איז ער ווייל ער איז קודם כל אַ מענטש. שיין איז ער ווייל זיין צאָרן שטייט

אים ניט כסדר ווי אַ ביין אין האַלז. זיין צאָרן איז אַ הייליג אויפפלאַמענדיג פייער; שיין איז ער, ווייל זיין צאָרן איז אַ גע־לייטערטער, ניט קיין רויער, ניט קיין רויכיגער און ניט קיין ציין קריצענדיגער.

דער שאָפּ איז אַ טראַגעדיע, עס איז אַ ווינקל אין דער גרויסער וועלט טראַגעדיע — פאַר דער פאַרהאַרטעוועטער רעוואָלוציאָנערין מינע און פאַר'ן פאַרהאַרטעוועטן באָס — פאַר גולד'ן.

די דאָזיגע צוויי מענטשן זיינען די קאַלטע גזלנים, די קלאַסן־גזלנים.

זיי ביידע ווייסן קלאָר און דייטלאַך וואָס דער שאָפּ איז.

זיי ווייסן, ווייל אַלע ניט־וויסנדיגע ווייסן זאַכן צו־קלאָר.

דער אמת־וויסנדיגער צווייפלט דאָך אַלע מאָל אין זיין וויסן.

דער שאָפּ איז אַ טראַגעדיע, ווייל דער מענטש פאַרקויפט דאָרט אַלע טאָג אַכט שעה פון זיין לעבן, אַלע טאָג אַכט שעה, די בעסטע אַכט שעה.

און וועלכער משיח וועט אויסלייזן מענטשן פון דער דאָזיגער קנעכטשאַפט, וועלכער דערלייזער וועט אָפּוואַרפן גאָטס גרויסער קללה —

מיט'ן שוויים פון דיין געזיכט זאָלסטו עסן דיין ברויט?...

עס איז אַ דראַמע אָן העלדן

דער העלד אין דער דראַמע ברענגט טריאומף, ער איז גובר די דראַמע, ער לייזט זי אויף, ער ווערט זיך אָפּ פון אירע אטאַקעס.

אין ה' לייוויק'ס „שאָפּ" איז קיין העלד ניטאָ; די דראַמע ווערט פאַרטגעזעצט ווייטער נאָכ'ן פערטן אַקט, די דראַמע ווערט געשפּילט ווייטער אין לעבן. און דער לעצטער אַקט ווען ער וועט קומען ווייסן געוויס די פּאָליטיקער.

דער ווייטאָג האָט ארויסגעפּלאַצט, געווען אַ סטרייק, דער ווייטאָג איז אַביסל געלינדערט געוואָרן, באַלד וועט זיך ווייטער אָנקלייבן ווייטאָג, וועט ווייטער אַרויספּלאַצן און וועט ווייטער זיך כלומר'שט לינדערן, און ווייטער וועט זיך אָנזאַמלען ווייטאָג...

עפּעס אָן אייביגע דראַמע אין טויזנטער אַקטן.

דער שאָפּ האָט קיין העלד ניט, וואָס זאָל ווי יענער מיטאָ־

לאַגישער גאַט איבערהאַקן דעם אייביגן פאַרפּלאָנטערטן קנופּ און מאַכן אַ סוף.

— קאַמף — דאָס איז דער איינציגער טרייסט.

אייביגער קאַמף, דאָס איז דער גאַנצער זין.

און ווען די רעוואָלוציאָנערין מינע און דער אינטעליגענט ליפּמאַן נעמען זיך פאַר די הענט און גייען ערגעץ האָפערדיגע מיט'ן וואָרט „קאַמף" אויף זייערע ליפּן, קלינגט עס אַזוי שיין, אַזוי קלוג און אַזוי אמת'דיג.

קאַמף איז דערלייזונג, אין ברען פון קאַמף האָט דער מענטש זיין גליק.

דער קאַמף שאַפט אילוזיעס, ער געבוירט האָפענונגען און מונטערט אויף...

דער קעמפנדיגער מענטש פילט זיך גרויס און שטאַרק, דער קעמפנדיגער מענטש פאַלט בא זיך קיינמאָל ניט אַראָפּ, ער ווערט קיינמאָל ניט אָפּהענגיג, ער ווייס קיינמאָל ניט פון קיין יאוש.

„שאַפּ" איז די מענטשלאַכסטע אַרבעטער־דראַמע.

דאָ ווערן ניט געצערטלט און געגרייזלט די אַרבעטער, דאָ ווערן זיי ניט אַרויסגעשטעלט ווי הייליגע, ווי מאַרטירער און ווי וועלט־ערלייזער.

דער שאַפּ איז אַ וועלטיל בתמונת זעיר אנפּין, דאָ האָט איר ווי אין נח'ס קאַסטן אַלע מינים באַשעפענישן.

דאָ האָט איר די אַמעריקאַניזירטע קיידי און סיידי, וואָס אַרבעטן און טאַנצן און זינגען קופּלעטלאַך, קיידי און סיידי סקעבן און ווייסן גאָרניט אַז זיי טוען עפּעס אַן עולה. זיי צעוויינען זיך אין מיטן און ווילן גיין אַהיים, נאָר מיט אַ צוקערקעלע ווערן זיי געטרייסט.

קיידי און סיידי, קיינער האָט אויף אייך קיין פאַריבל ניט...

דאָ האָט איר דעם היימישן בעל־העגלה, אַ איד אַן עמך'דיגער, פּשוט, ערלאַך, אַ איד מיט שווערע קולאַקעס און מיט אַ הארץ פון אַ גאָטספאָרכטיגער אידענע.

דאָ האָט איר שלמה חיים'ן דעם בית־המדרש־אידן, ער איז אויך אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין סקעבעריי, נאָר אַלע ווייסן, אַז

דער דאָזיגער, רעאַקציאָנער „איז אַ וואוילער מענטשל“ און אין אַ מינוט פון פרייד דערציילט ער דעם שאַפ אַ ליבע מעשה'לע וועגן דעם הייליגן אַפּרייטערל, אַ מעשה אין אַ גוטן און פרומען אידישן סטיל, וואָס איז אַגב פול מיט האַרציגן הומאָר.

דאָ האָט איר דעם גרינעם לייביל, וואָס קעמפט אַזוי היים און אַזוי נאַאיוו געגן דעם, וואָס מען רופט אים לואי.

דאָס קעמפט ער אַזוי קינדיש־נאַאיוו געגן אַסימילאַציע.

דאָ האָט איר די ליבסטע אידישע מיידל גוירדי; זי לאַכט, זי זינגט, זי ווילט זיך די דאָזיגע גוירדי, זי איז לייכטזיניג, אָבער ערלאַכער און אויפריכטיגער פון אַלע אָנגעבלאָזענע און פאַר־כמורעטע רעוואָלוציאָנערקעס.

גוירדי וועט מיט איר ליבן געלעכטער גיין אויף די באַריקאַדן ווען מען וועט דאַרפן.

דאָ האָט איר אַ גאַנצע וועלט מיט מענטשן, דאָ האָט איר אַ מאַסע און יעדער באַזונדער איז אַ שיין און אינטערעסאַנט וועלטיל פאַר זיך.

דאָ האָט ה. לייוויק באַוויזן צו געבן ממש אַ וועלט מיט וועלטעלאַך.

און גראַד אין דעם ערשטן אַקט, אין וועלכן אַלע דראַמאַטורגן טאַפּן און האָרעווען צו פאַרקניפּלען אַ דראַמע, האָט ה. לייוויק אַרויסגעוויזן איבערראַשנדיגע מייסטערשאַפט.

מיט קורצע שניידיגע דיאַלאָגן, מיט קליינע צוזאַמענשטוי־סונגען, מיט פאַרבייגייענדיגע אויפּבראַזן, מיט קצור'דיגע ווענדונ־גען און מיט שאַרפע אָנדייטונגען ווערט אויפגעדעקט דער גאַנצער קנויל פון ווייטאָגן, וועלכע זיינען באַהאַלטן אין שאַפ, עס ווערן בולט אַנטפּלעקט די באַציאונגען פון יעדער פּערזאָן אין שאַפ; עס רייסט זיך אַרויס מיט געוואַלדיגן אימפעט דער גאַנצער דראַמאַטי־שער שטאָף און ליגט פאַר אייך גרייט צום אויפריים.

און דערביי שטייען פאַר אייך, שוין אין דעם ערשטן אַקט, אַלע מענטשן אין זייער ריכטיגער געשטאַלט, בולט'ע ווי פון שטיין אויסגעהאַקט.

זעלטן געפינט מען אין דער דראמאטישער ליטעראטור אזא ערשטן אקט, וואס איז אזוי מייסטעריש געבויט.

נאך אזא ערשטן אקט איז, פארשטייט זיך, שווער צו אויס־וואקסן נאך גרעסער אין דעם צווייטן אקט, און אזוי ארום האט די גרויסקייט פון דעם ערשטן אקט פארטונקלט דעם צווייטן אקט.

דערפאר איז דער דריטער אקט ווידער אויסגעוואקסן.

דער דריטער אקט, ווען דער שאפ איז אין סטרייק און ארבעט בגנבה מיט סקעבס, דערהויבט זיך ממש צו ברייטער מיסטיק; געדיכטע שרעק הייגנט ווי א בליי אויף דער סצענע, די צוויי „שטארקע", וואס שטייען בא דער טיר ווי צוויי צערבערס צו היטן די אימה אין שאפ, מאכן די אימה נאך געדיכטער, די אפגעהאקטע טענות פון דעם דעזיינער, אז די פענסטער זיינען ניט גענוג פאר־האנגען, צערודערן און צעשויבערן די אימה.

און דער וואונדערלאכער דראמאטישער מאמענט, ווען דער באס וואולף דער געוועזענער רעוואלוציאנער הויבט אן צו טרייבן די סקעבס און ווערט געשלאגן פון זיינע „שטארקע", איז איינער פון די דראמאטישע מאמענטן, וואס צעטרייסלען אייך ביז אין די סאמע טיפענישן. עס איז פאאוסט־מאמענט אין זיין שטארקייט און אין זיין ברייטקייט.

די דראמע ענדיגט זיך מיט א פארטי אין שאפ לכבוד דער חתונה פון דעם שמייכל אין שאפ, לכבוד גוירדיי'ן, וואס גייט חתונה האבן מיט'ן שטורמישן לייביל, מיט'ן נאאיוון, אבער זייער ליבן גרינעם לייביל. גוירדי און לייביל זיינען די ריכטיגע באַ־שערטע...

אבער דאס איז ניט דער גאנצער סוף.

דער סוף איז דער שער־און־נאדעל־טאנץ.

א מערקווירדיגער טאנץ, דער טאנץ פון מאשין...

אומהיימלאך אין דער טאנץ, אבער געהיימניספולע קראפט ליגט אין אים: מענטשן באוועגן זיך ווי מאשינעס, אבער דאס איז אונזער איצטיגער טאנץ, דער טאנץ פון דער היינטיגער מענטשהייט...

אפשר וועט ארבעט ווערן רעליגיע און דער דאזיגער טאנץ וועט באקומען זיין תקון — דעם גרויסן עקסטאז...

געזונט, קערענדיג און מיט אמת'ר קינסטלערישער קלאָרקייט ווערט די דראַמע געשפּילט.

פּעסט און גוטע טעאַטער־קולטור פילט זיך אין שפּילן און אין דער אויפפירונג בכלל.

קולטור!

דאָס איז נאָך וואָס מיר האָבן אַזוי לאַנג געבענקט.

ניטאָ קיין איבערגעשריענער מאָמענט אין דער גאַנצער אויפפירונג, און מען דאַרף האָבן געגוג קולטור כדי ניט אַריינצוּפאַלן אין דער באַנאַליטעט פון פּראָפּאַגאַנדע און פון שרייענדיגע פּובליציסטיק.

ניטאָ קיין סאָציאַלע היסטעריקע אין וועלכער מען פאַלט געוויינלאַך אַריין שפּילנדיג סאָציאַלע דראַמעס.

וויפיל קינסטלערישן חוש און וויפיל פיינקייט מען דאַרף האָבן צו דעם!

מיט די בעסטע און פיינסטע שוישפּילעריי מאַנירן ווערט דאָס שטיק געשפּילט.

זיינען די שטאַרקסטע מאָמענטן ליריש־רירענד.

און איך שעם זיך ניט מודה צו זיין, אַז דער דאָזיגער פיינער ליריזם האָט בא מיר אין עטלאַכע ערטער אַרויסגערופן פשוט טרערן.

די ליבסטע געשטאַלט האָט געשאַפן העלן זעלינסקאַ. איר גווידי איז דער ברייטער שמייכל אין דעם פינסטערן שאָפ, איר הילכיגער געלעכטער איז אַזוי כשר און אַזוי ליב, אַז אין די סאַמע פינסטערע מאָמענטן לאַכט מען מיט איר.

גווידי, אַ דיכטער האָט דיך אויסגעטראַכט!

די פאַרשטיינערטע רעוואָלוציאָנערקע שפּילט לידיאַ פּאַטאַצקאַ.

ווער עס האָט געלעבט די לעצטע יאָרן אין רוסלאַנד און איז געוועזן מער אָדער ווייניגער געוואוינט צו די רעוואָלוציאָנערע קרייזן, ווער עס האָט איבערגעלעבט די רוסישע רעוואָלוציע, דער קאָן די רעוואָלוציאָנערקע מינע.

דאָס איז די פּערמאַנסבילטע פרוי, און פרויען, ווען זיי ווערן פּערמאַנסבילט, זיינען זיי האַרטער ווי די מענער.

פארשלאָסן, פּאַרפּאַנצערט און מיט אָנגעשטעלטע בייזע אויגן איז די דאָזיקע מינע.

מיר האָבן זי געזעען אין די רעוואָלוציע מיט צושויבערטע רויט־פלאַמיגע האָר... כאָטש זי איז אַ ברונעטין.

פערזענלאַך לעבן, פּערזענלאַכע האָפנונגען, באַגערן און שטרעבונגען זיינען שוין לאַנג באַגראָבן ערגעץ טיף אין האַרצן. דאָרטן אין האַרצן איז אַ גרויסער בית־עולם...

איז רעוואָלוציע דאָס פייער, דאָס איינציגע פייער...

בן עמי שפּילט דעם באָס וואָלף. אַ טראַגישע פיגור, זיין פאַרגאַנגענהייט מיט זיין געגנוואַרט קאָנען זיך ניט איינלעבן.

דאָס איז דער גרעסטער טראַגיזם.

שפּילט אים בן עמי מיט זיין גוטן האַרציגן ליריזם און ער כשר'ט דעם אומגליקלאַכן באָס.

אמת'ן נחת האָב איך דאָס מאָל געהאַט פון ל. סניעגאָוו, זיין בער איז די פאַרביגסטע פיגור צווישן די פשוט'ע אַרבעטער אין שאָפּ.

מיט אַזאַ מענטשן ווי בער איז אַ מחיה צו לעבן אויף דער וועלט.

אַביסל אַ פאַר'גוי'ישטן לייזער, דעם שומר פון שאָפּ, האָט געשפּילט גרשון רובין, ער דאַרף זיין אַזאַ. אין סיביר אַ שטיק לעבן פאַרבראַכט; איז אין אים דאָ רוסישע תמימות און אידישע פילאָזאָפישקייט — איז רירענד ווען ער פרעגט: „און דאָס וואָס וואָלף איז אַוועק איז גאָר ניט?" און דער שאָפּ הערט אים ניט, וואָס איז פאַר'ן שאָפּ דער חילוק וואו דער בעל־הבית איז?

י. גאָלדסמיט האָט ניט אין גאַנצן דורכגענומען זיין ליפּמאַן; ער איז אַביסל צופיל פילאָזאָף, אים פעלט אַביסל אייגענאַרטיגקייט.

אָנגעצייכנט איז ליפּמאַן, מסתמא וועט גאָלדסמיט געפינען פאַר אים די ריכטיגע פאַרבן אין די וויטערדיגע פאָרשטעלונגען.

אַ פרעכטיגן בחור'עץ שפּילט א. פּעקער.

פון דעם דאָזיגן שוישפּילער האָבן מיר כסדר נחת, ער איז שטיל געקומען צו אונז, אָבער ער לאָזט זיך הערן און זען.

י. מעסטעל האָט שאַרף און בולט אויסגעצירקלט זיין שטילן,

אלטן שלמה חיים. און אין זיין מעשה׳לע וועגן דעם הייליגן אפרייטאָרל זיינען דאָ גלענצנדע רעטאָרישע מאָמענטן.

אַ פאַרביג פּאָרל, קיידי און סיידי, איז סטעלא אדלער און בעסי בודניק.

דעם אַקטיאָר טרייביטש, וואָס שפּילט דעם גרינעם לייביל, זע איך צום ערשטן מאָל — גאָר נישקשה.

סאבינע ראָזענטהאַל שפּילט ראיע, איינע פון די זייער אינטערעסאנטע ראָליען, די ראָליע פון דער אַלטער מיידל ראיע. זי איז אָבער אריינגעפאַלן אביסל אין דעם מעלאָדראמאטישן שאַבלאָן.

מאַקס ראָזענטהאַל שפּילט דעם באָס גולד, קאַלט, רואיג און וויים שטענדיג וואָס צו טאָן.

חבלל שארף און קורץ כאראַקטעריזירט ער דעם אמעריקאַנעם באָס.

אַלע אַנדערע אַקטיאָרן, ווי ר. ווענדראָף, ש. טאַבאטשניקאָוו, סלאווע עסטרין א. א. וו. שפּילן אין גוטער האַרמאָניע מיט דעם גאַנצן אַנסאַמבל.

הדיבוק

...אָט וואָס טעאַטער קאָן זיין —

ער קאָן זיין דער אויסדרוק פון דעם העכסטן מענטשלאַכן פּאַטאָס.

ער קאָן דאָס געטלאַכע אין מענטשן ארויסשיילן פון דעם גוף און אַנטפּלעקן עס פאַר אונז אין אַ פּלאַסטישער פאַרם.

ער קאָן דעם גוף אַליין מאַכן פאַר דעם פיינסטן, איידעלסטן און דינסטן אינסטרומענט.

און וואונדערלאַכע קלאַנגען שאַלן ארויס פון אים, התרוממות, אצילות שטראַלן ארויס פון אים.

דער וואונדער וואָס הייסט מענטש אַנטפּלעקט זיך.

און דו זעסט און דו פילסט דעם גרויסן ביבלישן אמת —

„אין גאָט׳ס געשטאַלט איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן״.

און קניען ווילסטו פאַר דעם מענטשן וואָס איז דער ניצוץ פון אַן אַלמעכטיגער שאַפנדיגער קראַפט.

דער דבוק, ווי די הבימה שפּילט אים, איז די גרויסע סימפאָניע פון וואָרט און באַוועגונג, די גרויסע קאָמפּאָזיציע פון ליניען און פאַרבן און דער גרויסער אידישער פּאַטאָס.

דאָס מענטשלאַכע וואָרט, וואָס בלאָנדזשעט אין עולם התוהו, וואָס קריכט און פויזעט אין אַלע רינשטאָקן פון טאָג־טעגלאַכן לעבן, איז נתעלה געוואָרן.

בלענדענדע ליכט און וואונדערלאַכע פאַרבן־שפּיל פאַרמאָגט דאָס וואָרט.

אין דעם ערשטן אַקט צעשטראַלט עס זיך אין טויזנטער פאַרבן: זיצן בטלנים, אָרימע, פאַרגעסענע, הונגעריגע און דער־ציילן מופתים פון צדיקים.

זעט איר די מופתים.

איר זעט די ווערטער, איר זעט זיי מער ווי איר הערט זיי. ואָרים דאָס וואָרט ווערט אַרויסגערעדט מיט'ן גוף, מיט'ן גאַנצן גוף.

דאָס וואָרט קאָן ממש אָנגעטאַפּט ווערן.

דאָס וואָרט ווערט אַ בילד. עס ווערט תיכף פאַרגליווערט אין אַ מאַלערישער פּאָזע, ער שטעלט אוועק דעם מענטשן ווי אַ סטאַטוע וואָס איז אויסגעהאַקט פון אַ מייסטערס האַנט.

און וויפיל ווערטער אַזוי פיל בילדער.

אין אַ מינוט שימערן פאַר אייך דורך צענדליגער בילדער.

די גרעסטע האַרמאָניע פון וואָרט און באַוועגונג.

אַ גאַנצע גאַלעריי פון רעמבראַנדישע בילדער ווערן באַשאַפן אין דער טונקעלקייט פון בית־המדרש, ווען די דריי בטלנים שמועסן.

רעמבראַנדיש זיינען זיי מיט דעם טיפן שאָטן, וואָס וויקלט זיי אַרום און מיט די שאַרפע ליכט־פונקטן, וועלכע פאַלן אויף באַ־שטימטע קערפּער־טיילן.

און די גרויסע בילדער רעדן...

געלייטערטע קלאַנגען, שטימען, וועלכע זיינען בויגיג, עלאַס־טיש און שפּילעוודיג ווי די קערפּערס פון לעגענדאַרע אַקראָבאַטן.

דאָס וואָרט ווערט פייערלאַך ארויסגעזונגען, ווי פון אַ גע־היימניספולן אינסטרומענט ארויסגעשאַלט.

צוויי מוזעס, סקולפּטור און געזאַנג צוקושן זיך.

און אָט פאַלט אריין אַ אידישע אין טונקעלן בית־המדרש, אַ אידישע אַ פשוט'ע — אַ אידענע, וואָס הייסט גנעסיע, זינגט זי אויס דאָס העכסטע ליד פון טרויער און יאוש, פון מוטערלאַכן צער און פון טיפסטן גלויבן, פון ליבע און שרעק.

...אַ מענטש ווערט געבוירן מיט גרויסע יסורים און די מאַמע די אייביגע מאַמע, וואָס ברייגנט דעם מענטשן אויף דער וועלט, זינגט איר טראַגיש ליד.

אַזאַ ליד מיט זיין גרויסער מענטשלאַכער פּשטות און מיט דעם גרויסן וועלט־צער האָט נאָך קיין טעאַטער אויף דער וועלט נית ארויסגעזונגן.

וועלט־צער דורך אַ אידיש מוטער־האַרץ ארויסגעזונגען איז עס...

ווערט גניעסע, די קליינשטעטלדיגע גנעסיע דערהויבן צו אַ וועלט סימבאָל.

און באַלד דער שניידיגער איבערגאַנג : דער אַראָפּפאַל צו גשמיות :

דער שמש, וואָס האַלט אַ מטבע צווישן צוויי פינגער. אַ מטבע וואָס ער האָט באַקומען פון דער וויינענדיגער גנעסיע אַלס שכר פאַר'ן תהילים, וואָס די בטלנים דאַרפן זאָגן פאַר דער יולדת...

מאיר'קע מיט דער מטבע צווישן די צוויי פינגער, איז דאָס שניידיגסטע בילד, וואָס אַ מאַלער האָט געקאָנט מאָלן.

און נאָכדעם קומט דאָס גראָטעסקע תהילים־זאָגן פון די בטלנים פאַר דער מטבע, וואָס מאיר'קע האָט באַוויזן צווישן זיינע צוויי פינגער...

אַ מאָדנע תהילים־זאָגעריי...

דער היפּך, דער קאָנטראַסט פון גנעסיעס וועלט־צער.

אויף אַזאַ איבערגאַנג מיט אַזויפיל קינסטלערישער דרייסט־קייט און פאַרבען־געדיכטקייט האָט נאָך אַ טעאַטער נית געוואגט.

וועלט־איראָניע ליגט אין דער דאָזיגער קליינער סצענע, פון דער תהילים־זאָגעריי.

צער און מיטגעפיל פאַר אַ מטבע...

און באַלד אַן אַנדער איבערגאַנג:

אַ פילאָזאָפישער שמועס צווישן דעם מקובל חנן און דעם שטריינגן תלמודיסט העניך.

דאָ ווערט פילאָזאָפיע אויסגעשפילט. ברען פון קבלה און וואי־גער ראַציאָנאַליזם פון תלמוד, צוויי גרויסע שטות באַגעגנען זיך.

איינער זעט אין טומאה אַ ניצוץ פון קדושה און דער אַנדערער ווייסט, אַז טומאה בלייבט אייביג טומאה.

האָט טעאַטער ווען עס איז אַזוי בילדעריש, אַזוי פאַרביג, אַזוי עקסטאַזיש און אַזוי באַוועגלאַך פילאָזאָפירט?

האָט איר די גרעסטע טעאַטראַלישע דערגרייכונג אין פילאָזאָ־פישן דיאַלאָג.

און פּלוצלונג אַן אַנדער שטיק וועלט.

די באַגעגניש פון לאה מיט חנן׳ען אין בית־המדרש.

ליבע, ליבע צווישן בחור און מיידל... דער פיינסטער ציטער ערגיץ אין די באַהעלטענישן פון צוויי הערצער טראָגט זיך ארויס אויף דער סצנע מיט אַזאַ סובטילקייט, מיט אַזאַ שטראַלענדיגער ריינקייט און מיט אַזאַ שטילן פּאַטאָס...

און אָט קומט מענטשלאַכע פרייד, ברייטע, התלהבות׳דיגע פרייד אין שכנות מיט׳ן טויט.

אויף דער ערד ליגט דער געשטאָרבענער חנן און לעבן אים פאַרגעען זיך מענטשן אין פרייד...

די פרייד וואַקסט, וואַקסט, די פרייד ווערט ברענענדיגער און ברענענדיגער, די פרייד באַקומט התפשטות הגשמיות, זי דערהויבט זיך און פאַלט אריין אין וואַקכאַנאַליע...

...און פּלוצלונג קומט דער טויט און רייסט זי איבער.

די גרויסע מענטשלאַכע קאָמעדיע שפּילט זיך אָפּ אין דעם ערשטן אַקט!

אַזאַ טעאַטראַלע שאַרפקייט, אַזאַ טעאַטראַלע דערהויבענקייט, אַזאַ טעאַטראַלע פילזייטיגקייט, אַזאַ טעאַטראַלע גאונות זע איך צום ערשטן מאָל.

די גאַנצע מעכטיגקייט פון דער טעאַטער־קונסט ווערט דער־מאַנסטרירט אין דעם ערשטן אַקט.

דער צווייטער אַקט:

דאָס איז די פּרעליודיע צו דער גרויסער דבוק־לעגענדע *)

א משוגענע וואַקכאַנאַליע האָט זיך אָפּגעריסן ערגיץ פון אונ־טער־וועלטן און איז געקומען אויף דער חתונה פון דער אומגליק־לאַכער לאה.

אַלע בייזע גייסטער, אַלע פּאַרזענישן זיינען זיך צענויפ־געלאָפן פון אַלע אונטער־וועלטן צו חוזק'ן צו גרימאַסעווען, צו באַ־שפּייען און צו אויסלאַכן אַ שלעכטע, ניט־גערעכטע און ניט־כשר'ע חתונה.

קבצנים בלומרשט זיינען געקומען צום עושר ר' סענדער, וואָס מאַכט חתונה זיין בת־יחידה'קעלע לאה, סוחריש, קרעמעריש.

א משוגענער כאַאָס בושעוועט אויף דער סצענע און אַ גרוי־סער קינסטלער האָט דעם כאַאָס אין אַ וואונדערלאַכער האַרמאָניע פאַרוואַנדעלט.

עס איז די האַרמאָניע פון העסלאַכקייט, די האַרמאָניע פון כאַאָס, די האַרמאָניע פון צעשויבערטער וואַקכאַנאַליע.

דער גרויסער ריטם פון כאַאָס איז אַנטדעקט געוואָרן.

דאָס פאַרזעניש פון לעבן האָט אין זיין שוידערלאַכע שיינ־קייט, זיין אמת'דיגן ריטם.

דאָס איז חנן'ס קבלה'יסטישע פילאָזאָפיע: אין טומאה איז דאָ קדושה.

---

*) איר זעט עפּעס אַ שטיקל שטוב, אָן אָפּגעריסען שטיקל שטוב. ווייט פון דער רעאַלער וועלט, צווישן הימעל און ערד באַמבעלט זי זיך.

און אויף דער ניט־כשר'ער חתונה זיינען געקומען ווילסטע מחותנים, קאַליקעס און פאַרזענישן זיינען זיך צונויפגעקומען חוזק'ן, גרימאַסע־ווען, צו־להכעיס'ן, צו שפּייען מיט גאַל, צו גיהנם'ען...

קבצנים, קרומע, בלינדע, הויקערס, נכפה'דיגע, קורץ־אָטעמ'דיגע, צעבייזלטע, צעבראָכענע, אידיאָטן — הכלל עפּעס אַ וועלט אַ פאַרזעניש איז געקומען אויף אַ ניט־כשר'ע חתונה.

אין צווייטן אקט באווייזט די „הבימה" וואָס פאַר א שייג־קייט עס איז דאָ אין העסלאַבקייט...

איז אין דעם צווייטן אַקט דאָ אַזויפיל טעאַטראַלע גבורה, אַזוי פיל סצענישע חכמה און אַזויפיל בינע־פילאָזאָפיע, אַז מען קאָן עס גאַרניט תופס זיין פאַר איינמאָל.

דאָ ליגט אַ תהום פון קינסטלערישע אַרבעט. דאָ איז אָנגע־הויפט אַ בארג פון סצענישע חכמה. דאָ איז קאָנצענטרירט אַ ים פון טעאַטראַלער ווייזהייט.

דעם צווייטן אַקט דאַרף מען פּשוט שטודירען כדי צו זען די גרויסע, פאַרוויקלטע קינסטלערישע אַרבעט, וואָס שטעקט אין אים.

אויבן־אויף כוואַליען זיך פאַר אייך אַ מאַסע פון פּאַרזענישן אין אַ צעשויבערטן כאַאָס. פון צעשאָטענעם כאַאָס שפּרינגען אַרויס ווי בליצן געוואַלדיגע מענטשלאַכע גרופּירונגען, עפּעס גרויסע קאָמ־פּאָזיציעס ווערען באַשאַפן כהרף עין און באַלד ווערען זיי פאַר־וואַנדלט אין אַנדערע וואונדערלאַכע קאָמפּאָזיציעס.

אַ ים פון בילדער בושעווען, רייסן זיך אַריין איינס אין דאָס אַנדערע, צעשפּליטערן זיך, צעברעקלען זיך און גיסן זיך צענויף אויף אַ מאָמענט און באַלד פאַלן זיי אַריין ווייטער אין אַ האַרמאָנישן כאַאָס.

אימה, געדיכטע אימה, שטייט כסדר אויף דער סצענע. מלאכי־חבלה שפּייען ממש מיט אימה...

און אין דער אימה ווערט געוואָרפן און געשליידערט די ווייסע, ריינע און אומשולדיגע כלה לאה.

דבוק אין דער לופט. איר זעט דעם דבוק, איר פילט דעם דבוק.

די מאַסע פון פּאַרזענישן זיינען שאַרפע סימבאָלן פון אַלע מענטשלאַכע אָנשיקענישן, מייסטערישע סימבאָלן, וואָס ברייגגען מיט זיך גרויזאַמע אומהיימלאַכקייט.

און צווישן די פּאַרזענישן מייסטערישע פּאָרטרעטן פון מחותנת׳טעס: — אייביגע פיגורן אויף אַמאָליגע אידישע חתונות.

ווי פרעמדע, הילצערנע ליאַלקעס שטייען זיי אויף דער חתונה׳קע פון די אָנשיקענישן.

...עס קומט דער דבוק.

און די פּאַרזענישן זעען נקמה...

נאָך א פארזעעניש צוגעקומען אין זייער חברותא.

דער גרויזאַמסטער געלעכטער האָט זיך ארויסגעריסן פון גיהנם׳ס מויל...

אַ טעאַטער גאון האָט געשאַפן דעם צווייטן אַקט.

עס איז וואַכטאַנגאָוו׳ס העכסטע קינסטלערישע שאַפונג.

דער דריטער אַקט.

מענטשלאַכע געטלאַכקייט ברענגט אָרדנונג אין תוהו ובוהו.

אידישער גלויבן קומט מיט זיין וועלט-אָרדנונג.

דער קראַנקער, אַלטער צדיק מיט זיינע חסידים באַם טיש.

דער צדיק איז אַ מענטש אָן א גוף, ער איז גייסט, ער איז צער, ער איז התרוממות׳דיגע פרייד, ער איז דבקות, ער איז אצילות.

און אַלץ וואָס קומט אין נאָענטער באַרירונג מיט אים ברענט פון התלהבות, צאַפּעלט זיך פון דבקות און פארגייט זיך אין מתיקות.

לויטערע נשמות זינגען צער, זינגען האָפנונג, זינגען נחמה, זינגען עליות-נשמה.

טיפסטער גלויבן צעגיסט זיך מיט לויטער שיין.

גייסט, וואָס איז גובר דעם גוף, צעבליט זיך און צעשטראַלט זיך.

און וואו עס איז נאָר פאַראַן אָן עכטער אידיש-רעליגיעזער קלאַנג איז ער דאָ אויפגעכאַפּט געוואָרן מיט געוואַלדיגער אינ-טואיציע, וואו נאָר עס איז דאָ אָן אמת׳דיגער אידיש-רעליגיעזער טאָן איז ער דאָ געהייליגט געוואָרן און וואו נאָר עס איז דאָ אַ ריינער אידיש-רעליגיעזער ציטער, איז ער דאָ אריינגעוועבט גע-וואָרן.

איז דער דריטער אַקט דאָס העכסטע רעליגיעזע ליד, די ריינ-סטע תפלה און דער לויטערסטער רעליגיעזער עקסטאַז.

אַ גרויסער ריטם פון רעליגיע גייט דורך דעם גאַנצן דריטן אַקט.

דאָ איז דער גרויסער ריטם פון גלויבן אַנטפּלעקט געוואָרן.

דאָ איז איטלאַכעס וואָרט דורכגענומען מיט רעליגיעזן פּאַטאָס, דאָ איז יעדע באַוועגונג געהייליגט דורך רעליגיעזן עקסטאַז.

האָט איטלאַכס וואָרט הונדערטער קלאַנגען, עס קלינגט אָפּ ווייט, ווייט אין די הימלען.

האָט יעדע באַוועגונג שטרעבונג צו אצילות, זי ציט זיך אין וואונדערלאַכע ליניען צום כסא הכבוד.

אידישע קינדער פון אונזער אומגלויביגן דור —
וואו האָט איר גענומען אזא גרויסע קינסטלערישע פאַרשטענד־ניס פאַר רעליגיע?
אידישע קינדער מיט געגאָלטע פּנים'ער —
ווי קאָנט איר טראָגן אזוי הייליג אידישע בערד?
אידישע קינדער פון דעם אויבערפלאַכלאַכן דור —
וואו האָט איר גענומען אזא טיפקייט.

דעם גרעסטן געזאַנג פאַר רעליגיע זינגט איר אויס אין דעם דריטן אקט.

זאָלן קומען אלע גלויביגע און לערנען זיך בא די יונגע לייט פון „הבימה" ווי צו זיין רעליגיעז דערהויבן.

אזא צדיק ווי ר' עזריאל'קע מיראפּאָלער קאָן געשאפן ווערן פון טיפן און לויטערן רעליגיעזן גייסט.

אזעלכע חסידים, וואָס איטלאַכס וואָרט פון רבי'ן גיט א ברי דאָס בלוט און פאַרכאַפּט האַרץ און אָטעם ביז זיסער גסיסה, קאָנען זיין מענטשן מיט טיפן און ברענענדיגן גלויבן.

און ווייטער א ים פון מאַלערישע קאָמפּאָזיציעס.

קיין איין איינציגע צופעליגע גרופּע: אַלץ באַוועגט זיך און ציט זיך צו גרויסער מאַלערישער קאָמפּאָזיציע.

קיין מענטש ווערט ניט פאַרשטעלט פון דעם אַנדערן, פאַר־קערט, איטלאַכער מענטש פאַרפאָלקאָמט די קאָמפּאָזיציע, איטלאַ־כער מענטש איז א געדיכטער פאַרבן־פלעק פאַר'ן בילד.

עס פאַרכאַפּט פּשוט באַם אָטעם, דאָס האַרץ שפּרינגט אין ברוסט־קעסטל, און אין גאַנצן ווערסטו פאַרגאַפט.

דאָס זינדיגע טעאַטער מיט זיינע געפּאַרבטע און דורכגע־ברענטע ווייבער, מיט זיינע לייכטזיניגע און צעטרפּעטע מענער, דאָס זינדיגע טעאַטער מיט זיינע גראָבע גרימאַסן און מיט זיינע ביליגע השגות, האָט באַקומען א גרויסן תקון.

א טעאטער א צדיק איז געקומען אויף דער וועלט, א טעאטער א געלייטערטער איז געקומען צו מכפר זיין אויף די זינד פון דעם טעאטער.

עטלאכע צענדליג אידישע יונגע לייט האבן פון טעאטער — א רעליגיע געמאכט.

זיי שפילן ניט, נאר זיי דוכנ'ען.

זיי אקטיארעווען ניט, נאר זיי פראווען עבודה.

„יעקב'ס חלום"

נאך דער אויפפיהרונג פון „הדיבוק" בין איך ארויס פון טעאטער א באגייסטערטער, א פארוואונדערטער, און טעג נאכאנאנד האט מיך די באגייסטערונג און די פארוואונדערונג ניט אפגעלאזען.

אבער ערגעץ האט אין מיר גענאגט א שטיקל אומרו:

— וואס ווייטער?

עס איז געשען א נס: געקומען צו דער „הבימה" א פרעמדער טעאטער־גאון, וואכטאנגאוו, האט מיט זיי און פאר זיי געשאפן איינע פון די וואונדערלאכסטע אויפפירונגען און איז געשטארבן...

האב איך זיך געשראקן פאר די ווייטערדיגע אויפפירונגען; זיי וועלן שוין ניט זיין אזוי פרעכטיג, אזוי טיף און אזוי קינסטלעריש שארף.

„הבימה" האט באוויזן דאס שענסטע, דאס בעסטע אין „הדיבוק" און נאכדעם וועלן קומען אנדערע אויפפירונגען, וואס וועלן זיך ניט קענען פארגלייכן צו דער וואונדערליכער אויפפירונג פון „הדיבוק".

און א טעאטער מוז באווייזן וואס ווייטער אלץ השלמה'דיגערע, אלץ בעסערע און אלץ ברייטערע און טיפערע פארשטעלונגען; א טעאטער טאר ניט מאכן קיין שריט צוריק, ער טאר ניט ווערן שוואכער, ער מוז וואקסן, שטייגן און האגלען מיט איבערראשונגען, ער מוז האלטן בסדר אין שפאנונג דעם עולם.

איך האָב טיף אין הארצן מורא געהאט פאר די ווייטערדיגע אויפפירונגען...

איך בין, ווי אלע, געווען זיכער, אז וואכטאנגאָוו איז געווען דער קינסטלערישער משיח פאר דער „הבימה“, ער איז געווען איר רוח־הקודש.

און ער איז געשטאָרבן. ער האָט זיך אָפגעטאָן פון דער „הבימה“, איז די „הבימה“ א יתום און אין די ווייטערדיגע אויפ־פירונגען וועל איך זען פאר זיך א פאר׳יתום׳טע „הבימה“...

איז מיין באגייסטערונג געווען געמישט מיט אומרו.

נאָך דער אויפפירונג פון „יעקב׳ס חלום“ איז מיין אומרו פארשוואונדן. מיט פרייד האָב איך איינגעזען, אז איך און אלע האָבן א טעות געהאט; וואכטאנגאָוו איז ניט די „הבימה“, ער איז בלויז א גליקלאכער צופאל פאר דער „הבימה“. די „הבימה“ איז זעלבסטשטענדיג, די „הבימה“ איז ניט אָפהענגיג פון איין קינסטלער, די „הבימה“ האָט אירע אייגענע פעסטע פיס און קאָן אליין גיין ווייטער, ווייטער צו דער גרעסטער קינסטלערישער השלמה.

וואכטאנגאָוו איז געשטאָרבן, אָבער די „הבימה“ לעבט, זי לעבט און שאפט מיט ברען, מיט טיפער פארשטענדניס און מיט גדויסן, פרישן מוט.

מיט דער גרעסטער איבערראשונג האָב איך איינגעזען, אז נאָך וואכטאנגאָוו׳ס טויט וואקסט די „הבימה“, וואקסט און לעבט מיט אירע אייגענע זאפטן און מיט איר אייגענעם קינסטלערישן חיות.

די אויפפירונג פון „יעקב׳ס חלום“ איז אין פילע פרטים א צייטיגערע, א זיכערערע, א ברייטערערע און א טיפערע אויפפירונג פון דעם „דיבוק“.

און נאָך א טעות איז פארשוואונדן געוואָרן:

מיר זיינען געווען זיכער, אז די „הבימה“ האָט נאָך ניט באַ־וויזן צו אויסהאָדעווען און צו ערציהען דעם אָריגינעלן און אייגנ־ארטיגן שוישפילער, דעם שוישפילער, וואס איז בכח צו שאפן מיט זיין אייגענעם ווילן, מיט זיין אייגענער אינטואציע און מיט זיין אייגענעם טאלאנט. מיר האָבן אלץ געמיינט, אז די „הבימה“־

שוישפּילער זיינען פּרעכטיגע ליאַלקעס, וועלכע באַוועגן זיך מיט׳ן שם־המפורש פון אַ גוטן און גרויסן רעזשיסאָר.

די אויפפירונג פון „יעקב׳ס חלום“ באַווייזט, אַז אין דער קורצער צייט זיינען אין דער „הבימה“ אויסגעוואַקסן קערנדיגע, שטאַרקע און זאַפטיגע שוישפּילער.

זיינען צוויי גרויסע טעות׳ן אין אונזער באַטראַכטונג פון דער „הבימה“ באַזייטיגט געוואָרן.

און מיט פרייד און מיט שטאָלץ אנערקענען מיר אונזערע טעות׳ן.

די אויפפירונג פון „יעקב׳ס חלום“ איז קינסטלעריש די צייטיגסטע.

דאָ זעט איר פאַר זיך דעם טעאַטער מיט אַ גרויסן פּאַרנעם, דעם טעאַטער מיט דער וואונדערליכסטער דרייסטקייט און מיט דער גרעסטער זיכערקייט.

„יעקב׳ס חלום“ איז אַ ביבלישע ווערק. עס איז אמת אַ גוט ווערק, אָבער עס איז פאַר׳מבול׳ט מיט לאַנגע געבלומטע מאָנאָלאָגן, עס איז פאַרפלייצט מיט געדאַנקען, מיט ליטעראַרישע טיפזיניגקייטן, מיט פּאָעטישע חנ׳דעלאַך, מיט רעטאָרישע פיינקייטן און מיט אַלערליי ריין־ליטעראַרישע באַפּוצונגען.

דאָס שטיק פאַרמאָגט אַ תהום פון איבער־געפיינטער און פון איבער־געטאָקטער מליצה. עס איז „קלאַסיש“ און מאָדערן, עס איז פּאָמפּעז און עטוואָס פּאַלעמיש (אין אַ העכערן זין).

ווען אַ טעאַטער לאָזט זיך פירן פון דעם שטיק, וואָלט געשטאַנען אויף דער בינע אַ קנאַליגע גערעדעניש, אַ טומעלדיגע דעקלאַמאַציע און אַ פייערליכע פּסוקים־זאָגעריי.

די „הבימה“ איז דער באַוואוסטזיניגסטער טעאַטער. „הבימה“ וויל קודם כל טעאַטער־שפּיל, זי וויל קודם כל סצענישע שאַפונג, זי וויל קודם כל באַווייזן טעאַטראַלע השלמה און אַ טעאַטראַלע גבורה.

האָט זי מיט דער גרעסטער דרייסטקייט און זיכערקייט איבערגעקנאַטן דאָס שטיק לויט אירע קלאָרע און גרויסע טעאַטראַלע השגות.

און עס איז אָפּגעפאַלן די ליטעראַרישקייט מיט אַלע אירע מליצה־חנ׳דלאַך, עס זיינען אָפּגעשפּרונגען פון איר אַלע עלעמענטן, וואָס האָבן ניט קיין שייכות צום שפּיל. צום קלאָרן, ריינעם און לויטערען שפּיל.

דאָס שטיק איז פאַרלייבט געוואָרן מיט׳ן טעאַטער.

איר זעט דאָס שטיק אין זיין טעאַטער־גלגול.

אָבער טעאַטער גופא איז ניט קיין דיקטאַטור, וואָס מאַכט אונטערטעניג דאָס שטיק און אונטערדריקט זיין ווילן און פּענטעט זיין נשמה; טעאַטער איז אויך בויגיג און ער וויל און ער מוז זיך צופּאַסן צום שטיק.

איז געפונען געוואָרן די גרויסע קינסטלערישע פּשרה צווישן דעם ליטעראַרישן ווערק און דעם טעאַטער. עס איז א פּשרה פון וועלכער ביידע צדדים פילן זיך גליקלאַך, בא ביידן שיינען די אויגן פון פרייד: יעדער פילט, אַז ער האָט געפונען זיין באַשערטע.

און אויסגעפינען אזא גליקלאַכע פּשרה קאָן נאָר א גרויסער טעאַטער, א טעאַטער, וואָס פאַרמאָגט א גרויסע קינסטלערישע נשמה.

דאָס גרויסע און דאָס איבערראַשנדיגע אין „הבימה“ איז דאָס, וואָס זי איז אין יעדער אויפפירונג ניי, פריש און טיף־אָריגינעל. זי בויט יעדע אויפפירונג אויף אַן אַנדער אופן, זי האָט צו יעדן טעאַטער־שטיק א באַזונדערן צוגאַנג.

און דער שאַרפסטער טעאַטער מבין וועט ניט געפינען קיין שפּורן פון איין אויפפירונג אין אַן אַנדער אויפפירונג. די „הבימה“ אין „דבוק“ איז איין טעאַטער, די „הבימה“ אין „אייביגן איד“ איז אַן אַנדער טעאַטער און די „הבימה“ אין „יעקב׳ס חלום“ איז גאָר אַן אַנדער טעאַטער.

אין יעדער אויפפירונג אַנדערע מעטאָדן, אַן אַנדער צוגאַנג, אַנדערע שוישפּילער, אַן אַנדער ריטם, אַן אַנדער באַנעמונג און אַן אַנדער אויפבוי.

דאָס איז דער אידעאַל, צו וועלכן די בעסטע טעאַטערס שטרעבן, אָבער זעלטן ווען עס גיט זיך זיי איין.

סטאניסלאווסקי׳ס טעאטער אפילו איז אין אלע אויפפירונגען דערזועלביגער.

איז ממש צו באוואונדערן דאָס פּארמעסטן־זיך פון אונזער יונגן טעאטער.

אין דער אויפפירונג פון „יעקבס חלום“ האָב איך דערזען א שפּאָגל נייעם טעאטער.

ניי און אנדערש ביז דער לעצטער איינצלהייט.

ניי און דרייסט־אָריגינעל איז דער צוגאנג צו א ביבלישער שטיק גופא.

די ביבל האָט קיין מזל ניט אין טעאטער, אין דעם אידישן טעאטער איז זי צו היימיש, דאָ קלאַפּט מען די אבות און נביאים איבער דער פּלייצע ווי די נאָענטסטע באקאנטע.

אין אונזער חדר איז די ביבל געוואָרן עפּעס קליינשטעדטליש־היימיש; דער גוטער אידישער מלמד האָט די אבות און די נביאים פון ביבל אונז צו נאָענט געמאכט.

די קריסטן האָבן, פּארקערט, די אבות און די נביאים פון ביבל צו־ווייט, ערגעץ אין די אבסטראקטע הימלען, אוועקגעזעצט.

אין די קריסטליכע טעאטערע ווערט די ביבל געשפּילט ווי אין די קלויסטערס.

און דאָ, בא דער „הבימה“ זע איך צום ערשטן מאָל דעם קינסט־לערישן און דעם ריכטיגסטן צוגאנג צו דער ביבל.

פּרימיטיווער פּאטאָס, רעליגיעזיטעט אין איר אור־איינפאכער פאָרם, נאקעטע ליידנשאפט, קלאָרקייט, פּרימיטיווע קלאָרקייט פון די געפילן, שניידיגע און רעשיגע באוועגונגען.

דער מענש איז נאָך האלב־חיה, ער באוועגט זיך נאָך כמעט ווי די פלינקע, בויגיגע פיר־פיסיגע. דאָס וואָרט איז נאָך ניט פאַרטיג, ניט אָפּגעטאָקט. עס איז נאָך א ברום, א געשריי, און אין דעם ברום און אין דעם געשריי הערט מען א רמז אויף דאָס צו־קונפטיגע קלאָרע מענשלאכע וואָרט.

דער מענש איז נאָך צוטומעלט; ער האָט זיך נאָך ניט זיכער אָריענטירט אין דער וועלט. אלץ שרעקט אים, פון אלץ ווערט ער אויפגעצאפּלט און בא יעדער געלעגנהייט שפּרינגען ארויס זיינע געפילן אין א רויער פאָרם.

יעקב איז דער ערשטער מענטש אין דער וועלט־ווילדערניש.
ער איז דער פאָטער פון דער מענשהייט.

און אין דער וויסטער אור־וועלט שפּילט זיך אָפּ די געטלאכע דראַמע — די דראַמע פון יעקב׳ס חלום.

דער חלום פון יעקב איז די גרויסע דראַמע פון דעם מענשן, פון דעם פאָטער פון פאָלק ישראל.

אומהיימליכקייט מיט שמייכלענדיגער געטליכקייט, שרעק און האָפנונג, ווילדקייט און מענטשלאַכקייט, גירינגקייט און גרויסמוט — דאָס איז דער געמיש אין וועלכן דער שפּיל באַוועגט זיך.

די „הבימה" האָט אונז געגעבן די דיסטאַנץ צווישן אונז און די ערשטע ביבל־מענטשן.

דיסטאַנץ — דאָס איז דאָס גרויסע אין דעם צוגאַנג פון דער „הבימה" צו דער ביבלישער דראַמע וואס הייסט „יעקב׳ס חלום".

און דאָס טעאַטער פון ברען, פון דבקות און פון שטורמישן פּאַטאָס רייסט זיך אריין אין דער אור־וועלט און קאָכט און ברויזט דאָרט.

איר זיצט פאַרגאַפּט זעענדיג אַזאַ היים טעאַטער־בלוט.

צוויי ווייבער עשו׳ס און איין קנעכט ליגן אויף דער סצענע, ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף. דריי חיות שלאָפן אומרואיג.

בשמת (מרים גאָלדין) כאַפּט זיך אויף מיט דער האַסטיקייט פון אַ טיגערין.

די אור־ווייב, די טיגערין־ווייב, האָט ווילדן אימפּעט אין בלוט און ווילדן, שטורמישן רייץ אין לייב. און בויגיג, עלאַסטיש איז זי, ווייל אירע פאַר־געפילן זיינען שטאַרק און שאַרף ווען זיי בושעווען, בושעוען אין איר לייב. זי איז נאָך כמעט פיר־פיסיג, אָבער דעם רייץ פון טויזנט ווייבער ליגט אין איר פליש.

די אור־ווייב מיט איר גאַנצן ווילדן שטורם שטייט פאַר אייך.

מרים גאָלדין איז אן ארטיסטין מיט אַ גרויסן טעמפּעראַמענט.

און די צווייטע אהליבמה (חנה הענדלער) איז אַ חיה פון אַנאַנדער מין, אָבער אַזוי שאַרף־ווילד, אַזוי טיגער־קינדיש, אַז איר וואונדערט זיך ווי מענטשן קאָנען זיך פאַרוואַנדלען אין אַזעלכע רייצנדיגע חיות.

און שפּילן די וואַלד־קינדער, צוויי יונגע טיגערינס שפּילן זיך: זיי לאַכן, און ווייטע וועלדער און בערג צוטראָגן זייער געלעכטער, זיי פאַלן אריין אין צאָרן, אין שרעק, זיי שפּרינגען עלאַסטישער ווי קעץ, זיי באַוועגן זיך מיט אזא שטורם, אז דו גלויבסט קוים דיינע אויגן.

און דאָ פאַלט אריין עשו. א צורייצטע חיה, מיט א גוואַלדיגן ברום רייסט זיך אריין. עס קומט מיט אים נאַקעטער צאָרן, גליענדער כעס, צושמעטערנדיגע בייזקייט און צורייצטקייט.

א שרעק ריזלט אין אייך:

בלוט־דורשטיקייט פינטלט פאַר די אויגן.

נחום צמח איז דער שטיק מענטשליכער שטורם, וואס רייסט זיך אריין.

עשו איז אָפּגענאַרט: יצחק האָט אָפּגעגעבן זיין ברכה יעקב'ן. עשו, אדום, קריצט מיט די ציין, קריכט אויף אלע פיר...

זיין מוטער רבקה (אלישבע פאַקטאָראָוויטש), די אייביגע מו־טער, קאָן זיין צאָרן ניט שטילן.

און מיט אים שליידערן זיך, ווי פאַרוואונדעטע חיות, זיינע צוויי ווייבער, בשמת און אהליבמה.

א וואונדערלאַכער אַקט. דער אַקט פון ווילדער חיה'שער אויפ־ברויז איז דער ערשטער אַקט.

דער צווייטער אַקט — די באַגעגעניש פון יעקב מיט עשו'ן.

אויף בערג קלעטערט יעקב און שלעפּט נאָך זיך זיין קנעכט; עס איז דער ערשטער האר, וואָס דינט זיין קנעכט.

יעקב (ל. וואַרשעוּוער) באַפרייט זיין קנעכט (ווידניבעל), וואָס דערזעט פון ווייטן זיין לאַנד, זיין היים.

און דער קנעכט פרעגט:

— ווער ביזטו?

קיינער ווייסט נאָך ניט ווער יעקב איז.

און עשו באַגעגנט יעקב'ן מיט פייל־און־בויגן, יעקב בלייבט גאַנץ. בעט זיך עשו בא אים, אז ער זאָל אויך נעמען דעם פייל־און־בויגן. ער קען ניט שיסן א מענטשן, וואָס איז ניט באַוואָפנט...

די גרויסע מערדערישע מאָראַל פון עשו'ן...

יעקב זאָגט זיך אָפּ פון פייל־און־בויגן... און יעקב באַזיגט עשו׳ן —

מיט וואָס? מיט דעם, וואָס ער איז יעקב, מיט דעם, וואָס ער וויל קיין בלוט ניט פאַרגיסן, מיט דעם, וואָס אין זיינע אויגן לייכט רחמים און אויף זיין פּנים שטראַלט אַ שמייכל.

דער שלום פון ווילדן עשו מיט׳ן מענטשליכן יעקב איז דער שטאַרקסטער און פיינסטער שפּיל, וואָס איך האָב אַמאָל געזען.

עשו ווערט גערירט, דערפילט אין יעקב׳ן אַ ברודער, און דער אור־מענטש, וואָס לעבט אויף זיין שווערד, פאַלט צו צו יעקב׳ן, בייסט אים, שלאָגט אים, שטויסט פון דעם אויפברויז פון ליבע, וואָס האָט זיך צעכוואַליעט אין אים.

און דאָ זעט איר בחוש וואָס איז אַזוינס „וישקהו" מיט פּינטעלאַך...

דער דריטער אקט איז דער חלום פון יעקב.

דאָ קומט די גרויסע דערהויבנקייט און דאָס וואָרט ווערט אָנמעכטיג צו דערהויבן זיך צום הימל.

גייט איבער די דראַמע אין אָפּערע.

ווייטער אַ נייער און דרייסטער קינסטלערישער אויפטו: פאַר׳חבר׳ן דראַמע מיט אָפּערע.

און עס זיינען טאַקע דאָ מאָמענטן אין יעדער גרויסער דראַמע, וואָס דאַרפן דעם תּקון פון געזאַנג, אָבער עס איז שטרענג צוטיילט, שטרענג אָפּגעגרעניצט און אָפּגע׳מחיצה׳ט.

איז געקומען די „הבימה" און האָט די מחיצה צוגענומען.

געבענטשט זאָל זי זיין פאַר דער דאָזיגער דרייסטקייט!

און דאַרף מען זינגען, האָט די „הבימה" זינגער.

זינגט י. גאַלאַנד (מלאך גבריאל) פייערליך און דערהויבן־אידיש.

אין דריטן אקט איבעראַשט אונז דער יונגער ב. צמח מיט זיין סמואל. יעדע באַוועגונג זיינע ווערט אויף אַ רגע פאַרגליווערט אין אַ סקולפּטור, און דער מענטשליכער קערפּער האַקט אויס פון זיך איינע נאָך די אַנדערע אַ גאַלעריי פון סקולפּטורן.

דער מיזיניקל פון „הבימה" זאָגט צו צו וואקסן גרויס און שיין, זאָל אים נאָר קיין בייז אויג ניט שאַדן.

פון דעם ערשטן אקט ביז'ן לעצטן איז דער וועג פון דער ערד צום הימל.

און אזוי שטארק ווי די „הבימה"־שוישפּילער זיינען אויף דער ערד, אזוי שטארק און שיין זיינען זיי ווען זיי זיינען אין הימל.

א נייע „הבימה" האָב איך געזען אין „יעקב'ס חלום".

א נייע, פרישע, וואָס שרעקט זיך ניט אָפּ פאר קיין דראמע, א נייע, א פרישע, וואס באווייזט נאָך בולט'ער, נאָך קלאָרער און איבערצייגענדער איר וואונדערלאַכע קראַפט, וואָס זי פארמאָגט.

מיר לעבן מיט מאטעריעלע נסים, אָבער נאָך גרעסער זיינען אונזערע גייסטיגע און קינסטלערישע נסים.

די „הבימה" איז אונזער קינסטלערישער נס.

ג ו ל ם

א נייע אויפפירונג.

און ווייטער אַן איבערראשונג, נאָך א גרעסערע און נאָך א טיפערע ווי די פריערדיגע.

א נייע אויפפירונג און דו זיצסט נאָר מער פארוואונדערט.

א פרישע שפע פון קינסטלערישער ענערגיע, פון לויטערער שאפונגס־פרייד און פון בלענדענדער טעאטראַלער השלמה.

פיר אויפפירונגען האָבן מיר געזען און מיר האָבן געמיינט, אז מיר וויסן שוין גענוי די קינסטלערישע מעגלאַכקייטן פון דער „הבימה", אז מיר זען די גרעניצן צו וועלכע זיי זיינען דערגאַנגען און אז מיר האָבן אָנגעטאַפּט דעם קינסטלערישן דופק איר'ן.

קומט די פינפטע אויפפירונג און באווייזט אונז, אז די מעג־לאַכקייטן פון די „הבימה" זיינען נאָך פאר אונז סתרי־תורה, אז די גרעניצן פון איר שאַפונג ליגן נאָך ווייט און מיר זען זיי ניט און אז דעם דופק אירן האָבן מיר נאָך ניט אָנגעטאַפּט.

נאָך דער פינפטער אויפפירונג איז די „הבימה" ממש א

קינסטלערישער סוד און וואָס מער איר זעט די „הבימה“ אַלץ טיפער און אַלץ פאַרשלייערטער ווערט דער סוד.

אין „גולם“ איז דער טעאַטראַלער פאַרנעם פון „הבימה“ גאַרניט דער ערך ברייטער, פיל־אַרטיגער, דרייסטער און קאָמפּ־ליצירטער ווי אין די פריערדיגע פאַרשטעלונגען.

אין „גולם האָט איר פאַר זיך אַ מוזעאום פון שוישפּיל־קונסט, אַן ענציקלאָפּעדיע פון טעאַטער־וויסן, אַ ש"ס פון סצענישע חריפות און אַ תהום פון טעאַטראַלן פילן און דיינקען.

אַ גאַנצע וועלט איז מייסטעריש אויפגעבויט געוואָרן און יעדער מענטש אין דער דאָזיגער מיסטישער וועלט איז אַ ברויזנד וועלטל פאַר זיך. און אַ ריטם האָט די וועלט אַ גוואַלדיג אימפּע־טיגן.

און דער דאָזיגער ריטם איז סודות'דיג עס איז דער ריטם פון טונקעלער מיסטיק, פון געהיימניספולער איבער־ערדישער קראַפט און פון באַהאַלטענער מענטשלאַכער געטלאַכקייט.

באַוועגן זיך מענטשן אין דער דאָזיגער וועלט, ווי צורודערטע גייסטער, ווי לאַנגע, קאַפּריזנע און געהיימניספולע שאָטנס.

שטייט אַן אומהיימלאַכער אומרו אויף דער סצענע.

און ניט מיט מאַטעריעלע מיטלען, ניט מיט סצענישע טריקס, ניט מיט טעאַטראַלע ברעטלאַך און קאַרטאַן, ניט מיט די קלאַפּער־געצייג פון דער בינע און ניט מיט די הינטער־קוליסן מאַשינען ווערט עס געשאַפן.

דורך לויטערן שוישפּיל ווערט די אומרו באַשאַפן.

מענטשן מיט זייער פילן, מענטשן מיט זייערע איבערלעבונגען, מענטשן מיט זייער סודות'דיגער התפשטות פון גרויען לעבן שאַפן די געדיכט־מיסטישע אומרו.

דער שאָטן פון בלוט־בלבול האָט זיך אויסגעלעגט אויף דער אידישער געטאָ, אויף דער אידישער וועלט.

אַ בלבול קריצט מיט זיינע ציין אויף אַ דערשראָקענער, שוואַ־כער, אומבאַהאָלפענער אידישער וועלט.

אַ פאַרשטויבטע, אַן אָפּגעריסענע און אַ פאַר'אביון'טע אידישע

וועלט, א וועלט, וואָס איז אָפּהענגיק, א וועלט פון קבצנים, פאַר־יאָגטע, קראַנקע, חסר־דעה׳דיקע און צוטומעלטע.

נאָר טרייסטן, נאָר פאַטערליך גלעטן קאָן מען אזא וועלט. מען קאָן עס ניט אויפשטורמען צום קאַמף געגן זיינע שונאים, מען קאָן עס בלויז פאַרווייגן מיט ווייטע, ווייטע האָפענונגען...

קומען משיח און אליהו הנביא טרייסטן די שטיף־קינדער פון דער וועלט און שטאַרקן זייער גייסט.

און ערגעץ הינטערן שטאָט קלעפּט דער אומרואיגער, דער גלויביגער ניט־גלויביגער מהר״ל א גולם.

אן ערדישע, פיזישע קראַפט שאַפט ער, א גולם מיט א גרויסן האַק אין דער האַנט ברייננגט ער אויף דער וועלט. דעם גולם מיט׳ן האַק וויל ער אַוועקשטעלן געגן דעם האַק פון בלוט־בלבול.

פיזישע, רויע גבורה געגן פיזישע, רויע גבורה.

דער גולם איז פאַרטיק, אָבער די נשמה וויל אין אים ניט אריין, זי בעט זיך באַם מהר״ל, אז ער זאָל זי ניט צווינגען צו גע־בוירן ווערן.

נשמות ווילן זיך ניט באַזעצן אין גולם׳ס...

דער מהר״ל פאַרערט פון דער נשמה, אז זי זאָל געבוירן ווערן; זי וועט מאַכן לעבעדיג דעם גולם און וועט באַווייזן נסים.

א נס דאַרף מען האָבן! דער גולם מיט זיין בלינדער גבורה מאַכט א סוף מיט די מאַכער פון בלוט־בלבול. אָבער דערזעלביגער גולם, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן צו אויסלייזן אידן פון זייער פּיין, וואַרפט זיך אַרויף אויף די דאַווענעדיגע אידן אין בית־המדרש און הרג׳ט, מזיק׳ט זיי מיט דערזעלביגער רויער גרויזאַמקייט ווי ער האָט גע׳הרג׳עט און גע׳מזיק׳ט די אידישע שונאים.

דער מהר״ל שרייט אין פאַרצווייפלונג:

— מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס אידיש בלוט.

און אָט האַלט שוין באַ דעם, אז דער גולם זאָל באַקומען די שליטה אויף אים...שליטה אויף אים...

אין דעם מאָמענט קומט אריין דבורה׳לע, דעם מהר״לס איי־ניקל, און דער גולם וואַרפט זיך אַרויף אויף איר און קושט זי מיט גראָבער און רויער תאוה.

דאָ וועקט דער מהר״ל אויפגעציטערט, ער באַקומט זיין

פריערדיגן כח און ער פאַרוואַנדלט דעם גולם צוריק אין אַ שטיק ליים.

דער גולם וויל לעבן. די נשמה, וואָס האָט פריהער ניט גע־וואָלט אַריין אין גולם, וויל איצט ניט אַרויס. אָבער אַזוי ווי זי איז ניט־ווילענדיג אַריין אין גולם, אַזוי גייט זי אַרויס פון אים געגן איר ווילן...

דער גולם איז אַ שטיק ליים...

אליהו'ן און משיח'ן, וועלכע זיינען געקומען מיט טרייסט און געדולדיגער האָפנונג, האָט דער מהר"ל פאַרטריבן.

וואָס ווייטער?...

באַווייזט זיך דער קלאָרער־משוגענער תנחום און פרעגט:

ווער וועט ברייגנען די ישועה?

דעם גולם שפּילט א. מעסקין.

אַ וואונדערלאַכע געשטאַלט.

קינדיש־פּרימיטיוו, מיט אַ האַמעטנעם, ברייטן שמייכל, מיט גרויסע פאַרוואונדערטע און געהאַרכזאַמע אויגן איז ער אין די ערשטע טעג.

דער גולם גייט אַריין אין לעבן מיט שווערע, אומזיכערע טריט. ער איז דער גוטער, הארציגער גולם, ער איז שמייכלדיגע, רויע, פיזישע קראַפט, ער איז פינסטערע נייגעריקייט.

אין לעבן ווערט ער בייז, צעווּרדערט, אין לעבן ווערט ער שלעכט און פאַרדאָרבן.

און די האַק, וואָס ער האָט אין האַנט, וויגט זיך איבער אַלע־מענס קעפּ.

א. מעסקין מאָלט דעם גולם אין די פאַרשיידענע פּאָזען פון זיין לעבן מיט די שאַרפסטע ליניען און פאַרבן. יעדע באַוועגונג איז ברייט, שווער און געדיכט.

מען דאַרף זען ווי א. מעסקין צוגיסט אַ ברייטן, שווערן שמייכל אויף דעם ליימענעם פּנים פון גולם.

צו אַזאַ מימישער השלמה דאַרף מען זיין אַ גרויסער אַרטיסט.

דער שמייכל הויבט אָן ממש קריכן עפּעס ווי אויף אַלע פיר

אויף די גרויסע ליפּן און פון דאָרט צוקריכט ער זיך אויפ'ן גאַנצן געזיכט.

און אַ שטים האָט דער גולם אַ דונערדיגע, אָבער אַ קאַלטע, אַ טרומייטערדיגע, אָבער אַ פרעמדע.

א. מעסקין'ס גולם איז אַ וואונדער פון שוישפּיל־קונסט.

דאָ האָט איר נאַאיוויטעט און ווילדן כח, דאָ האָט איר גרויסע גולם'שע געהאַרכזאַמקייט און בלינדע עקשנות, דאָ האָט איר גוטסקייט און קאַלטע רשעות, דאָ האָט איר ליידנשאַפט און בליי־שווערע גלייכגילטיקייט.

און אַלץ ווערט געגעבן אין אַזעלכע שטאַרקע קאָלירן, אַז זיי שניידן ממש אין די אויגן.

טשערמערינסקי'ס מהר"ל דערמאָנט מיר אָן דעם „ווילנער" רבי עזריאל'קע אין „דיבוק".

טומלענדיג, אימפּעדיג, נערוועז, אַלטקייט און יוגנטלאַכע פלינקייט, פעסטער ווילן, וואָס איז צורודערט, אויפברויז און אָפּ־הענטיגקייט פלעכטן זיך צוזאַמען, ברענענדיגער אימפּעט, וואָס ברעכט זיך כסדר, האַסטיקייט, וואָס ווערט כסדר איבערהאַקט, אימפּולס, וואָס מאַכט זיג־זאַגן, קאָפּ־מענטש, וואָס געבוירט אַ געדאַנק מיט שטורמישע געבורט שמערצן, געפילס־מענטש, וואָס פאַרכלינעט זיך אין זיינע אייגענע געפילן.

וואונדערלאַך פאַרטראַכט איז די געשטאַלט, אָבער ניט אַזוי וואונדערלאַך דורכגעפירט.

תנחום (בן־אריה) איז דאָס קאָמפּליצירסטע סצענישע שאַ־פונג וואָס איך האָב אַמאָל געזען.

דער משוגענער תנחום איז אַ צורודערטער קאַליידעסקאָפּ פון אידישן דיינקען און פילן. אידישקייט אין אַ וואונדערלאַך־משוגע־נעם קאָפּ. עס בייטן זיך קאָלירן מיט אַן אומגלויבליכע האַסטיקייט עס מינגען זיך פאַרבן ווי דורך צויבער. יעדער קאָליר איז קלאָר, שאַרף, יעדע פאַרב איז בלענדענד און געדיכט און צוזאַמען איז זייער צושויבערטער צומישונג וואונדערלאַכע משוגעת, משוגעת, וואָס גרעניצט זיך מיט חכמה און מיט נביאות.

תנחום איז אַ וואונדער פון שוישפּילער־קונסט.

ווינער־קאַטשור איז די באָבע, דעם מהר"ל'ס מוטער. עס איז רעמבראַנד'ס אַ בילד, וואָס באַוועגט זיך אויף דער סצענע.

דבורה'לע (ראַבינס) — צאַרט, אַ פּאַרציטערטע רבנ'ישע טעכטערל, אַזוי ליב און אַזוי ווייך געמאָלן...

א. ראַווינאַ — משיח. די גרויסע ראַווינאַ איז ניט קיין גרויסער משיח. עס איז זאַ גאַנץ נעפּלדיגער אַנדייט אויף עפּעס, אָבער ניט אַ משיח.

ראַווינאַ איז אַ גרויסע מוטער פון אַ משיח... (אין „אייביגן איד").

ריהרענד איז טשעטשיק אפרת, אַלס אליהו הנביא. שטיל, נאָכגעביג, סאַמעטענער אומעט און טרייסטנדיגע גוטסקייט איז זיין אליהו הנביא.

בערנאַטאָוו שפּילט דעם אינקוויזיטאָר טאַטעאוש. אַ וואונדערלאָכע געשטאַלט ווען ער זיצט אומבאַוועגלאך און הערט אויס דעם באַריכט פון דעם מאָנאַך (א. ווינער). איך וואָלט געוואָלט, אַז ער זאָל די גאַנצע צייט זיצן אַזוי אונהיימלאך, פאַרשטיינערט, מיט פינסטערע רשעות אויף דעם פאַרמעט־געזיכט.

דאָס קאָן ער אָבער ניט. ער דאַרף אים באַווייזן, ער דאַרף רעדן, און זיין רעדן און באַוועגונג צושטערצן דעם טיפן איינדרוק, וואָס זיין פאַרגליווערטקייט מאַכט, בשעת דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף.

דער מאָנאַך (א. ווינאַר) איז דאָסטאָיעווסקי'ס אַ געשטאַלט.

אַ ביסל הומאָר ברייננגט אריין דער געדיכטער מיסטישער וועלט א. גאַלאַנט, מיט זיין חזן, וואָס פאָרבירט אויס זיין שטים אין פאָרהויז פון שול.

ער מאַכט עס ווי אַ געשולטער זינגער און ווי אַ פיינער שוישפּילער.

ממש אַ פּערל האָט אַ בליץ געטאָן שטיל אין מיסטישן חושך.

דערנאָך קומען אַ גאַנצע רייע פון קלענערע ראָליען, פון פיגוראַנטן, און יעדער שוישפּילער גיט אַ פאַרביגע געשטאַלט, וואָס קריצט זיך איין אין זכרון, און שטייען ווי מייסטערישע בילדער פאַר אייערע אויגן.

פון לייוויק'ס „גולם" איז ארויסגענומען געוואָרן בלויז דאָס, וואָס איז טעאַטראַליש באַוועגלאַך, בלויז דאָס, וואָ סאיז סצעניש־דינאַמיש און בלויז דאָס, וואָס איז עכט־דראַמאַטיש.

אַלס ליטעראַריש ווערק האָט אפשר דער „גולם" פיל פאַר־לאָרן; דאָס ליטעראַריש־קינסטלערישע איז ווייניג ניכר.

אָבער דערפאַר האָט דאָס טעאַטראַלישע אין לייוויק'ס ווערק באַקומען דעם גרעסטן און שענסטן תקון.

זיינע געשטאַלטן זיינען גוואַלדיג אויסגעוואַקסן אין דער שטילער דראַמאַטיזם פון ווערטער האָט באַקומען היים טעאַטער־בלוט, פייעריגע באַוועגלאַכקייט, שאַרפקייט, בלענדענדע פאַרבי־קייט, און סצענישע ממשות'דיקייט.

לייוויק'ס „גולם" איז גענומען געוואָרן בלויז ווי אַ טעמע פאַר אַ קאָנצענטרירטן טעאַטער־שפּיל.

אָבער לייוויק איז דאָ אין דער אויפפירונג.

דאַרף מען זיך לערנען בא די הבימה־לייט ווי אַזוי צו באַאַרבעטן אַ ליטעראַריש ווערק פאַר'ן טעאַטער, אַז דערביי זאָל דער דיכטער ניט שטאַרק אָנגעגריפן ווערן, ניט פאַרפלאַכט ווערן, ניט פאַרוואַסערט ווערן און ניט אַרויסגעדריכערט ווערן.

די אויפפירונג גופא איז די סאַמע ראַפינירטסטע צווישן די אויפפירונגען פון „הבימה".

דאָ זיינען די טעאַטראַלישע אויפגאַבן פיל גרעסערע, פיל פאַרוויקלטערע און פיל פאַרשיידנאַרטיגערע; דאָ זיינען די טעאַט־ראַלישע פּראָבלעמען מער אין צאָל און האַרבער אין דער דורכ־פירונג; דאָ זיינען די רעזשיסאַרישע און די שוישפּילערישע אַרבעטן פאַרוויקלטער.

דאָ ליגט אַ תהום פון טעאַטראַלע בריה'שקייט און פון אינטואיציע.

וואָרום מעכאַניש, מיט'ן קאָפּ קאָן מען ניט באַשאַפן אַזאַ מיסטישע וועלט.

דאָ, אין דער דאָזיגער אויפפירונג, זיינען די דערגרייכונגען אין זוכן אידישן סטיל, אידישן זשעסט און אידישע אינטאָנאַציע קאָנטיגער, בולט'ער און עכטער, ווי אין די פריערדיגע אויפפירונגען.

דאָ הערט איר טויזנטער אידישע טענער, באַקאַנטע, אייגענע, נאָענטע פון א אידישן געמיט אַרויסגעשאַלט.

און ניט צעצויגן און ניט געדיכט איז דער אידישער טאָן, אָדער דאָס וואָרט. עס ווערט קורץ און שאַרף בלויז אָנגעדיידט; עס ווערט בלויז כלאחר יד אַרויסגעבראַכט.

און צו דעם דאַרף מען האָבן די פולסטע זיכערקייט אין דער עכטקייט פון טאָן; צו דעם דאַרף מען שוין דעם טאָן האָבן און בלוט און ניט שטיין און חדוש'ן זיך אליין מיט אים און אונטער־שטרייכן אים איין מאָל און נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, כדי זיך אליין און אַנדערע איבערצייגן אין דעם עכטקייט.

דאָס איז שוין זיכערע רייפקייט, דאָס איז שוין ניט זוכעניש, דאָס איז שוין אייגנס, געפונענעס.

איז דאָס אידיש־טעאַטראַלע אייגנס אין דער דאָזיגער אויפ־פירונג איבערראַשענד גרויס.

כמעט יעדער שוישפּילער, אָנהויבענדיג פון דעם הויפּט־ראָליסט און ענדיגנדיג מיט'ן פיגוראַנט, ברייננגט ארויס גרויסע שפע פון אידישער טעאַטראַלישקייט.

איינער גיט זיך פאַרבייגייענדיג בלויז א ברום און א גלגול פון א אידישן ניגון לויפט דורך פאַר אייך; איינער גיט זיך אגב אורחא א זינג און א בליץ פון אַן עכט־אידישער מעלאָדיע שיינט דורך אייער באַוואוסטזיין; איינער מאַכט א קורצע באַוועגונג און זי ווערט אייך באַקאַנט אין אַלע אירע ווייטערדיגע ליניען.

איז אידישע טעאַטראַלישקייט שוין ניט קיין מליצה און ניט קיין פוסטער חלום.

אין „הבימה" זעט איר זי, פילט און לעבט זי איבער.

אידישע טעאַטראַלישקייט אין איר ריינסטער פאָרם און אין איר קלאָרסטער אויסדריקלאַכקייט זעט איר אין דער אויפפירונג פון „גולם".

דבוק־נבלה

„דער דבוק", הייסט עס, איז אינגאנצן מיסטיק, אין די הימלען פלאטערינדיגע לעגענדע, א געוועב פון גייסטיגע פעדים, א שפיל פון דער נשמה אין די עולמות העליונים. „די נבלה" איז אין גאנצן רעאליסטיש, א שפיל פון וואכעדיגע געפילן, א גרויסער קאנפליקט פון גרויע מענטשן אויף דער חושך'דיגער ערד.

און די ווילנער, הייסט עס ווייטער, האבן באוויזן, אז זיי האבן פליגלען צו פליען הויך, הויך אין די הימלען, זיי האבן אבער אויך געזונטע פיס צו גיין אויף דער ערד.

דאס וואלט באמת געווען א גרויסע קינסטלערישע איבערראשונג, ווען דאס וואלט געווען ריכטיג.

אבער בעצם זיינען „דער דבוק" און „די נבלה" צוויי אויפפירונגען, וואס זיינען ענלאך ווי צוויי טראפענס וואסער איינע אויף דער אנדערער. „דער דבוק" איז אזוי רעאליסטיש אויפגעפאסט ווי „די נבלה", ביידע זיינען שאפונגען פון אקטיארן מיט ניט גאר גרויסע מעגלאכקייטן.

דער געהיימניספולער משולח, דער יונגער בעל מקובל חנן, די בטלנים, דער הייליגער צדיק, זיינען אפילו ניט ראמאנטיש געשילדערט, זיי זיינען פעט־רעאליסטיש געמאלט. דער משולח רעט מיט'ן סקארבאווען נגון פון א מגיד. דער צדיק האט מער נערוועזיטעט ווי קדושה. די בטלנים דערציילן מופתים און נסים און פארגעסן ניט דערמאנען, אז זיי זיינען הונגעריג, און אין דער סאמער געדיכטער מיסטיק שווימט ארוים א פלעשל משקה.

אפילו דער דבוק אליין, די דאזיגע זינדיגע בלאנדזשענדיגע נשמה, ווען זי כאפט זיך אריין אין דער בתולה לאה, ווערט ער אזוי רעאליסטיש, אזוי קערפערלאך, און ער טענה'ט זיך אוים מיט'ן צדיק ווי בא א פשוט'ער דין תורה וועגן מקח וממכר. אין דער מינדעסטער באוועגונג זעט די רעאליסטיש־האמאטנע אויפפאסונג פון פאלק, פון דעם פאלק, וואס טוט אן וואכעדיגע מלבושים, די סאמע נעפלדיגע באגריפן, וואס באפארבן דאס לעגענדארע מיט די גרויע פארבן, אין וועלכע עס לעבט אין זיין אלטעגלאכן לעבן.

איבערפארבן די לעגענדע פון דבוק קינסטלעריש, ארויסרייסן

זי פון די אָרעמס פון דער וואַכעדיגער פאַנטאַזיע און באַ׳שבת׳ן זי, באַפרייען זי פון די קייטן פון דער פרימיטיוויסטער לעבענס־לאָגיק און אריינהויכן אין איר אַ קינסטלערישע לאָגיק, אַ העכערע און אַ איבערלאָגישע לאָגיק, האָט זיך די ווילנער ניט איינגעגעבן.

דאָס הייננט ניט אָפּ פון רעזשי, דאָס קאָנען ניט מאַכן די דעק־קאָראַציעס, דאָס קאָן ניט מאַכן די האַלב־דונקעלקייט, וואָס בלאָנ־דזשעט אַרום אויף דער סצענע, דאָס דאַרף זיין די שאַפונג פון אַקטיאָר־קינסטלער, דער קינסטלער שאַפט לעגענדעס, קונסט אַליין איז לעגענדע.

דער אַלטער שאָפּענהויער האָט שוין געזאָגט: מיר זיינען נאָר דאַן איינגאַנצן באַפרידיגט פון אַ קונסט ווערק, ווען עס לאָזט איבער אין אונז עפּעס אַזוינס, וואָס מיר קאָנען עס בשום אופן ניט באַנעמען מיט׳ן שכל, עטוואָס אַזוינס, וואָס קאָן ניט דערפירט ווערן צו אַבסאָלוטער קלאָרקייט.

אין איטלאַכער קינסטלערישער שאַפונג איז פאַראַן עטוואָס פאַרשלייערטעס, עס האָט כסדר עפּעס אַ סוד, וואָס דער קלוגער מוח מיט זיינע שאַרפע ציין קאָן עס ניט צעקייען.

און צו וואָס דער קינסטלער זאָל זיך ניט צורירען, צו דאָס קלענסטע און צו דאָס גרעסטע, צו דאָס הימלישע אָדער צו דאָס ערדישע באַהויכט ער עס מיט לעגענדע, מיט רעטזלהאַפטן נעפּל און מיט ניט קיין מח׳שען רייץ.

עס זיינען אפשר גאָר ניטאָ קיין ספּעציעלע מיסטישע קונסט־ווערק, קונסט איז בטבע מיסטיש.

אין די שטריימלאַך פון „דבוק" ליגט אַזוי ווייניג פאַרטיגע מיסטיק ווי אין די שמאַטעס פון דעם נבלות־שינדער מענדל. איןביידע קאָן ערשט דער אַקטיאָר־קינסטלער אריינהויכן מיסטישע פאַרשלייערטקייט און טיפקייט.

די הונדערטע טויטע מכשירים, וואָס רינגלען אַרום דעם אַק־טיאָר אויף דער בינע, שאַפן ניט דאָס טעאַטראַלע קונסט־ווערק, זיי שאַפן בלויז די נויטיגע סביבה פאַר׳ן לעבעדיגן אַקטיאָר־קינסטלער און גיבן איס די שטימונג צו לעבעדיגער קינסטלערישער שאַפונג.

דאָס איז אויך די אויפגאַבע פון דעם אַנסאַמבל, פון דעם

צוזאַמענשפּיל. דער אַנסאַמבל מונטערט אויף און העלפט דעם אַק־טיאָר־קינסטלער צו אינדיווידועלער קינסטלערישער שאַפונג.

דער לעבעדיקער קינסטלער איז דער הויפּט שעפער אויף דער סצענע. ער איז דער עיקר, ער איז דער תוך און אַלץ אַרום אים איז דער טפל, אַ נעבן־זאַך, אמת, אַ נויטיקער טפל, אַ נויטיקע נעבן־זאַך.

אָבער קיינמאָל וועט דער טפל ניט ווערן דער עיקר.

און דאָ ליגט די גרויסע פּרינציפּיעלע מיינונג־פאַרשידענ־הייט צווישן די אַלטע קינסטלער און די נייע.

בא די ווילנער איז דער טפל געוואָרן דער עיקר.

זיי זיינען ניט קיין בני־יחידים אין דער טעאַטער־וועלט. דער מאָסקווער קונסט־טעאַטער באַציט זיך אויך צו יעדן שטיקעל מעבעל, וואָס דאַרף אַרויפקומען אויף דער סצענע, ווי צו אַ מזבח, ווי צו אַ הייליגטום. זיי ווילן אויך, אַז אַ שטול זאָל שפּילן און אַ סאַמאָוואַר זאָל ריידן. זיי פאָדערן פון טויטן לאָמפּ אַזוי פיל עכט־קייט ווי פון לעבעדיקן אַקטיאָר.

די מאָסקווער האָבן אָבער גרויסע אַקטיאָרן, וואָס שלאָגן זיך דורך מיט זייער טאַלאַנט דורך די בערג מעבל. זיי זיינען גובר די הונדערטער קליינינקייטן, וועלכע זיינען אָנגעהויפט אויף דער סצענע.

און סוף כל סוף האָט דער אַקטיאָר דאָס לעצטע וואָרט אויף דער סצענע.

בא די ווילנער עסט אויף דער אַנסאַמבל דעם אַקטיאָר. עס איז בסדר פאַראַן אַ שטרייננער, אַ גוט אויסגעאַרבעטער צוזאַמענ־שפּיל, עס פעלט אָבער בסדר דאָס אינדיווידועל־קינסטלערישע אויפ־פלאַקערן פון איינצעלנעם אַקטיאָר.

די פאַרגעטערונג פון דעם צוזאַמענשפּיל, פון דעם אַנסאַמבל, האָט שוין אָנגעווידמעט אַזעלכע טעאַטראַלע בריות, וואָס נעמען זיך אונטער צו שפּילן טעאַטער אָן אַקטיאָרן. מען קאָן אויסמוס־טירן, אויסדרעסירן פּשוט'ע מענטשן פון גאַס, אַז זיי זאָלן זיך באַוועגן לאָגיש אויף דער סצענע. דאָס זיינען בריות־רעזשיסאָרן, וואָס זאָגן אַז דער רעזשיסאָר איז דער איינציקער קינסטלער אין טעאַטער. ער איז דער גאָט, וואָס שאַפט אַ פאַרשטעלונג פון שטולן, פון טישן, פון ווענט און פון מענטשן.

דאָס איז אַלץ איינפאַכער ליים, פון וועלכן מען קנעט אויס אַ ספּעקטאַקל.

די ווילנער זיינען אַזוי ווייט ניט אַוועק. זיי זיינען ניט קיין קנעכט פון אַנסאַמבל, זיי רייסן זיך אויך צו אינדיווידועלער אַק־טיאָרישער שאַפונג, אָבער דער שטרייַנגער, בייזער אַנסאַמבל־פּרינציפּ שטייט זיי כסדר אין וועג.

און סוף כל סוף איז דער צוזאַמענשפּיל גובר. מיר זעען אַ פאָרשטעלונג, אַן ערלאַכע, אַ פרומע, אַ פאָרשטעלונג מיט אַן אמת'ער וואָג און מאָס, אַ פאָרשטעלונג מיט שטרייַנגער צניעות, אָבער מיר זעען ניט קיין קינסטלערישן עקסטאַז, קיין אַקטיאָרישן ברען, קיין פּיקאַנטע קינסטלערישע קאַפּריזן און קיין צעטרייסלענ־דיגע שאַפונגס־אויסברוכן.

אין „דער נבלה" זעט מען אָפן די אַקטיאָרישע מעגלאַכקייטן פון די ווילנער —

זיי זיינען ניט זייער גרויס און ניט זייער ווייט.

דאָס זיינען שוישפּילער פון דער אַלטער רעאַליסטישער שול מיט אַ היבשער מאָס ערנסט, מיט אַן אויפריכטיגער ליבע צום טע־אַטער און מיט אַ שטילער צניעות.

דאָס זיינען אָן ספק גרויסע מעלות!

זיי טראָגן אריין קינסטלערישע פרומקייט און ענייות אין אונ־זער צעשויבערטער, שרייענדיגער און וואָכעדיגער טעאַטער־וועלט.

זיי האָבן אַ ביסל קינסטלערישע עטיק אריינגעבראַכט אין אונזער טעאַטער־וועלט.

דאָס זיינען אָן אַ ספק גרויסע מעלות!

אָבער קיין נייע קינסטלערישע וועגן באַווייזן זיי נישט, קיין נייע, פרישע און מונטערע אַקטיאָרישע שאַפונג האָבן זיי ניט מיטגעבראַכט.

„די נבלה" גייט בא זיי בדרך הישר. קיין איבערראַשונג, קיין בליץ שנייט ניט דורך דעם גרויען הימל, וואָס ליגט ווי בליי אויף די מענטשן פון קעלער.

גלאַט, ערטערווייז זאַגאַר קלוג, געצירקלט און אויסגעצאַצ־

קעט, ווי א „מזרח", וואָס די אמאָליגע אידישע משולמים האָבן אויסגעמאָלט, ווערט „די נבלה" געשפּילט.

איין מערקווירדיגער, בולט'ער חסרון:

עס וואַקסט ניט, עס פּלאַצט גאָרניט, עס ברויזט ניט אויף האַסטיג דאָס בלוט פון דער מעלאָדראַמע. פאַרקערט, עפּעס הויבט זי זיך אָן שטאַרק און ווערט וואָס ווייטער שטילער און איינגע־האַלטענער, ביז זי גייט אויס צאַנקענדיג ווי א ליכט.

עלמית, למשל, שפּילט בלויז אין ערשטן אקט. אין ערשטן אקט גיט זי ארויס די גאַנצע רייזעל, זי זאָגט אויס אַלץ. וואָס בא רייזלען איז אויפ'ן לונג איז בא איר אויף דער צונג. אין די אי־בעריגע צוויי אקטן האָט זי שוין מער קיין פולווער ניט, און רייזעל לעבט און באַוועגט זיך מיט'ן זכות פון ערשטן אקט. רייזעל וואַקסט אויס אין גאַנצן, זי איז א פאַרטיגע אין ערשטן אקט, און אין די איבעריגע אקטן חיות'ט זי זיך מיט די זאַפטן און מיט די ברעק־לאַך פון ערשטן אקט.

דאָס נעמלאַכע איז אויך מיט עזרא'ן, מיט שניאור'ן מיט נעמי'ן און מיט פעדערן.

זיי האָבן זיך אויסגעשפּילט אין ערשטן אקט און אין די אי־בעריגע אקטן וואַריאירן זיי, חזרן איבער און קייען איבער דאָס וואָס זיי זיינען געווען אין ערשטן אקט.

אין ערשטן אקט זיינען זיי אַלע, מער אָדער ווייניגער, קרעפּ־טיג. זיי שטעלן אַוועק די טיפן פאַרביג, פעסט און קלאָר. זיי קאָ־נען אָבער זיי ניט אַנטוויקלען ווייטער.

עפּעס וואַקסן זיי ניט. די דראַמע וואַקסט (קיין גרויס גערע־טעניש אין וואַקסן איז אין דער דראַמע אויך ניטאָ) און זיי שטייען אויף איין אָרט.

רייזעל, כסדר די זעלביגע; מענדעל, א ברודער; בערל, שפּרינ־צע אויך דיזעלביגע!

איך וואָלט געזאָגט, אַז זיי זיינען גוטע אקטיאָרן פאַר'ן ערשטן אקט פון יעדער דראַמע.

ערשט־אקטיגע, אָדער איין־אקטיגע אקטיאָרן.

עלמית איז אין ערשטן אקט פון „דבוק" שוין א פאַרטיגע. אין ערשטן אקט, ווען דער דבוק זיצט נאָך אין חנ'ן, קומט זי שוין

ארויס א שאָטענדיגע, א פאר'דבוק'טע, דער משולח — נאכבוש — איז אין ערשטן אקט א פארטיגער. ער ענדערט זיך ניט. ער וואקסט ניט אויס אויף א האָר אין די איבעריגע אקטן.

דאָס איז קורצער קינסטלערישער אָטעם.

איז דאָס די געבונדענקייט? איז דאָס פינסטערער גלות באַם אנסאמבל?

זעען מיר בא די ווילנער א פאָרשטעלונג אָן פגימות, אָבער מיר וועלן בא זיי ניט זעען אזעלכע אקטיאָרישע בליצן ווי, למשל, מאָריס שווארץ'ס א קוני איילענדער אידל אין אָסיפ דימאָוו'ס „ברויט", אזעלכע גלענצענדיגע שטעלן ווי אין זיין שבתי צבי. מיר וועלען דאָרט ניט זעען אזא מישקא ציגאַניאָק, סיי דובינסקי'ס און סיי שווארץ'ס. מיר וועלן דאָרט ניט זעען מוני ווייזענפריינד'ס א פנחס מלכי צדק אין זאנגוויל'ס „די קינדער פון דער געטהאָ". מיר וועלען דאָרט ניט זעען אזא זרח'ן, ווי מארק שווייד האָט גע־שאפן אין לייוויק'ס „בעטלער". וואָלטען זיך אונזערע אקטיאָרן געקאָנט אָנשטעקן מיט דעם ערנסט, מיט דער פרומער באציאונג צו טעאטער פון די ווילנער, וואָלטן מיר דאָ, אין נויאָרק געהאט דעם בעסטן אידישן טעאטער.

און ערנסט קינסטלערישע פרומקייט איז דאָך אויך טאלאנט!

אין דעם ליגט אויך עטוואָס שאפענדעס!

הלואי וואָלטן אונזערע אקטיאָרן געבענשט ווערען נאָך מיט דעם דאָזיגן טאלאנט אויך!

הימל און ערד

„די גרינגע פעלדער" איז אַ קאָמעדיע, וואָס ענדיגט זיך מיט צוויי חתונות. אַלע קאָמעדיעס און אַלע אידישע אָפּערעטעס ענדיגן זיך אַזוי.

געבויט איז די דאָזיגע קאָמעדיע ווי טויזנטער אַנדערע קאָמעדיעס.

אַזאַ פּשוט'ע, אַזאַ גרויע ארכיטעקטור, עפּעס אַן געזימסלאַך, אַן מהודר'דיגע קווייטלאַך, אַן קאַפּריזן און אַן פאַנטאַזיע.

און פון אויבען־אויף ליגט דער אַלטמאָדישער הלוכ'ל פון דער קאָמעדיע: אירע אַלטע, אויסגעדראָשענע חנ'דלאַך און דער אַלטער ליבער און אָנגענומענער מוסר השכל:

די ליבע טריאומפירט!

אַלט־אידישלאַך איז דער טריאומף פון דער ליבע —

אַן פאַרשייטע איינפאַלן, אַן טרייפע הינטער־פיסלאַך, אַן ממזר'שע קונסט־שטיק, אַן ראַפינירטע און פאַרשפיצטע סצענישע דריידלאַך קומט די זיסע ליבע צו איר טריאומף.

שימערט אָבער פון דער דאָזיגער איינפאַכקייט אידישע ראָמאַנטיק: ליבע, נאַאיווע און געזונטע אידישע ראָמאַנטיק.

שלענגעלט זיך אין דער דאָזיגער גרויער קאָמעדיע אַ ליכטיגער, ליכטיגער חלום פון דער אידישער פאַרגאַנגענהייט.

ליגט באַהאַלטן אין די איינפאַכע פאַלדן פון דער דאָזיגער קאָמעדיע אַ סוד, וואָס שעפּטשעט אייך אריין אין אויער אַ שטילע לעגענדע.

שטילער, שענער, איידעלער און פרומער איז די לעגענדע אין דער דאָזיגער פּשוט'ער קאָמעדיע ווי די לעגענדע אין „דבוק".

לייכט און שמייכלענדיג איז די לעגענדע. דאָס מגושם'דיגע דאַרף־לעבן באַ'חנ'ט זי, דאָס אַלטעגלאַכע הייליגט זי.

זי איז אַ פרומע, אַ שווייגענדיגע לעגענדע, אַ לעגענדע מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן. זי כאַפּט ניט גאָט פאַר דער באָרד, זי שטורעמט ניט. עפּעס גיט זי שטיל אַ בליק מיט אַ וואָרט, עפּעס גיט זי ליכטיג אַ שמייכל און מאָנט באַ אייך ניט קיין מיסטישן

יראת הכבוד; זי שרעקט אייך ניט מיט שופרות, זי באפאלט אייך ניט מיט חרמות.

זי איז אין לעבן, זי איז מיט'ן לעבן, מיט'ן פשוט'ן, אָבער טיפן אידישן לעבן.

אין א דאָרף פארבלאָנדזשעט א יונגער צדיק.
א יונגער צדיק שפּאַנט איבער דער וועלט...
אפשר דער גוטער, אייביגער למד'וואָווניק...

איך ווייסט ניט ווער ער איז, פון וואַנען ער קומט, ווער זיינען זיינע עלטערן.

זיינע עלטערן זיינען אויפ'ן עולם האמת.
זיין געבורט־שטאָט איז די וועלט.
קומט ער אין א דאָרף.
און זאָגט אזוי שטיל, בעל־שם'דיש:
ווי שיין דאָ איז!

דער בעל שם טוב האָט אויך געלעבט אין דער יוגענד אין דאָרף און האָט אויך אזוי פשוט, אזוי הארציג־איינפאך באוואונדערט די נאטור.

קומט דער יונגער צדיק אין דאָרף און אין פינסטערן דאָרף־לעבן רייסט זיך אריין א געהיימניספולע ליכטיגקייט.

פאלען צו אים צו די פשוט'ע ישוב'ניקעס.

עפּעס פילן זיי, אז א גרויסער אורח האָט פארבלאָנדזשעט צו זיי.

די תורה איז געקומען צו זיי, די הייליגע תורה.

און די ערלאכע, ריינע עמי־הארצים דערזען און דערשפּירען עפּעס א זינען אין לעבן, דעם אייביגן זינען...

לוי יצחק, די ריינע תורה, וואָס שפּאַנט איבער דער וועלט, איז ניט קיין דאָרף־מלמד, ניט קיין פשוט'ער ישיבה־בחור, ניט קיין פּראָפעסיאָנעלער טעג־עסער, ער איז דער קומענדיגער גדול בישראל.

הירשביין האָט אים מיט עטלאכע ווערטער, מיט עטלאכע ליבע חנ'דלאך דערהויבן פשוט צו א סימבאָל.

לוי יצחק זאָגט, אז אידן דאַרפֿן זיך נאָר דורכשמועסן און אַלץ וועט ווערן גוט.

אויף שלום און אחדות שטייט די וועלט.

ער שלעפּט ניט דעם שלום און אחדות פֿאַר די אויערן אין לעבן אַריין.

ער אַליין, מיט זיין הייליגער שטילקייט, מיט זיין עניוות, ברענגט שלום און אחדות.

לוי יצחק זאָגט דעם גראָבן ישובניק, אַז ער איז אַן ערלאַכע־גוטער איד.

איז ער ניט דער צוקונפֿטיגער גרויסער מלמד־זכות'ניק רבי לוי יצחק בערדיטשעווער? איז ער ניט דער קינפֿטיגער צדיק, וואָס רעדט צו יעדן אידן מיט גרויס רחמים און מיט יראת הכבוד און צום רבונו של עולם רעדט ער מיט רוגזה, צו אים קומט ער מיט טענות און תביעות?

איז עס ניט דער רבי לוי יצחק, וואָס איז מלמד־זכות אויף אַ בעל־העגלה, וואָס שמירט די רעדער אין טלית און תפלין —

—אַ איד דאַוונט אפילו ווען ער שמירט די רעדער.

און פֿאַר'ן רבונו של עולם שטעלט ער זיך אַוועק מיט אַזאַ ברייטקייט און שרייט:

— לא אזוז ממקומי, איך וועל ניט אַוועקגיין ביז דו וועסט דעם אידישן פֿאָלק זיין רעכט טאָן.

שטראַלט פֿון הירשביין'ס פּשוט'ע קאָמעדיע ליכטיגע לעגענדע.

ניט געדיכטע, האַמעטנע, גאַסענדיגע, פֿאָלקסטימלאַכע לע־גענדע.

אין דעם גרויען לעבן איז זי עניוות'דיג אַריינגעוועבט: דינע, זיידענע פֿעדעמלאַך לויפֿן דורך אין דעם גראָבן געוועב פֿון לעבן.

לוי יצחק האָט זיין זיווג געפֿונען אין דער גוטער, געזונטער דאָרף־מיידל.

עס איז ניט קיין באַנאַלע ליבע.

זיווג איז עס!

און זיווג איז עפּעס לעגענדאַרישעס, עטוואָס וואָס איז באַ־שערט. באַ זיווג איז דער שדכן דער בורא אַליין. דער בורא איז ניט מזווג קיין גופים, ער איז מזווג נשמות. פֿערציג טאָג פֿאַר'ן געבורט

ווען די מענשלאַכע נשמות שוועבן אין די הימלען, איז מען זיי מזווג —

איז עס ניט אַ קאָמעדיע אין געוועגלאַכן זינען. עס איז ניט אַ קאָמעדיע, וואָס לאַכט מיט אַן אויפגעריסענעם מויל, עס איז אַ קאָמעדיע פון פרייד, פון אמת'ער חדוה, פון ריינער שמחה.

ניט געלעכטער דאַרף זי אַרויסרופן, נאָר טיפע פרייד.

וואָרים אַלע, די ישוב'ניקעס און זייערע קינדער זיינען לחלוטין ניט קאָמיש —

עס איז פשוט א מחיה, אַ פאַרגניגן צו זעען די ליכטיגע ערלאַכקייט, די ציכטיגע אויפריכטיגקייט.

פרייד און געלעכטער זיינען צוויי פאַרשידענע געמיט־צו־שטאַנדן. לאַכן קאָן מען פון דאָס גרעבסטע און ציגישסטע, פרייען קאָן מען זיך בלויז פון דאָס ריינע און דאָס שיינע.

געלעכטער און פרייד זיינען צוויי פאַרשידענע גענוסן. געלעכ־טער איז מער גשמיות'דיגער גענוס, פרייד איז אַ העכערער עסטע־טישער גענוס.

זיינען די ווילנער געגאַנגען זוכן מיסטיק דוקא אין „דבוק", און אין „די גרינע פעלדער", וואו עס פלאַטערט די לעגענדע, זיינען זיי געגאַנגען זוכן פשוט'ע קאָמעדיאַנטעריי.

האָבן זיי פון „דבוק" געמאַכט אַ קאַטוילישע מיסטעריע און פון „די גרינע פעלדער" — אַ גאַנץ געוויינלאַכע, וואָכעדיגע סי־טואַציאָנס־קאָמעדיע.

אין „דבוק" האָט אַ רעזשיסאָר זיך געאַמפּערט און געשוויצט און אין „די גרינע פעלדער" איז שוין הפקר, קיין רעזשיסאָרישע אויג און האַנט פילט זיך דאָרט ניט.

ווי אַן איינפאַכע קאָמעדיע ווערט „די גרינע פעלדער" גע־שפּילט זייער גוט. נאָר קאָמעדיעס אָן אַ נשמה, קאָמעדיעס צום פּיזיאָלאָגישן לאַכן, צום קייכן פון געלעכטער זיינען דאָ פיל בעסערע.

אַלס קאָמעדיע אין אַזאַ אויבערפלעכלאַכער אויפפאַסונג האָט „די גרינע פעלדער" קיין ווערט ניט.

אַנשטאָט צו אויפהויבן טעאַטראַליש און קינסטלעריש די

קאָמעדיע, האָבן די ווילנער זי געלאָזן זינקען, זינקען ביז צום וואָדעוויל.

דעם פאַלשן און דעם וואַכעדיק־גרילצעדיקן טאָן גיט דער אַקטיאָר עזרא: זיין לוי יצחק איז אַ שלים־מזל'דיגער ישיבה־בחור.

מילא, דאָס איז די אַלטע קראַנקהייט פון אונזער אַלטן טעאַ־טער — אַ ישיבה־בחור, אַ לערנער מוז זיין אַ שלים־מזל.

עזרא האָט אָבער פאַרוואָכעדיגט די מאָראַלישע ציכטיגקייט פון לוי יצחק; ער האָט זי אויסגעלאַכט און ערטערווייז פאַרשוועכט. ער האָט גענומען איין שטריך — די שעמעוודיגקייט — און האָט אים צעשמירט ממש אכזריות'דיג.

שעמעוודיגקייט קאָן זיין האַרציג און ליב, שעמעוודיגקייט איז צדקות, שעמעוודיגקייט איז קינדישע ריינקייט, שעמעוודיגקייט איז די גראָדע ערלאַכקייט. וואָס שטויסט זיך אָן אויף אַ שאָטן פון פאַרשייטקייט און פאַלשקייט.

עזרא שילדערט עפּעס אַ לעפּישן, דאָרפישן מלמד און צערייסט מיט דעם די גאַנצע לאָגיק פון דער שטיק.

ווי פאַרליבט זיך אַ מיידל אין אַזאַ לעמעשקע? ווי האָבן אַלע אַלטע און יונגע, דרך ארץ פאַר אַזאַ געוויאַנזעלטן שוטה? ווי קאָן אַזאַ אומבאַהאָלפענער באַנק־קוועטשער מאַכן אַן איבערקערעניש אין דעם שטילן און פאַרוואָרפענעם ווינקל?

עזרא'ס לוי יצחק מאַכט מאָדנע העוויות, נאַרישע אומגעלומ־פּערטע באַוועגונגען, און די אַרומיגע שטייען ווי פאַרגאַפטע.

עזרא'ס לוי יצחק איז אַ קאָמבינאַציע פון חנן אין „דבוק" און פון מענדלען אין „דער נבלה".

דער אומבאַהאָלפענער אַקטיאָר שלעפּט כסדר נאָך זיך שלייפּ־לאַך און פּעדים פון זיינע פריערדיגע ראָלן.

ער קאָמבינירט, ער שאַפט נישט.

דער אמת'ער אַקטיאָר איזאָלירט זיך, באַפרייט זיך פון די פריערדיגע ראָלן, ער חזר'ט זיך קיינמאָל נישט איבער, ער מעלה־גרה'ט נישט קיין שטריכן און קיין אויפפאַסונג...

באַלערינע איז געווען שיין און איר פרימיטיווער ליבע צו עזרא'ס אידיאָט, ושעליאַזאַ האָט אויסגעדריקט דעם פיינסטען

יראת־הכבוד, די דינסטע באגייסטערונג און דעם ריינסטן דרך־ארץ פאר דעם לעמעשקע לוי יצחק.

זשעליאזא האט באשאפן א ליבן, א הארציגן ישוב'ניקל, זשעליאזא דער מחיה־המתים'ניק פון אלע קליינע, נישטיגע מענטשעלאך, פון אלע דערשלאגענע גארנישטען, האט דעם ישוב'ניקל אזוי באחנ'ט, אזוי באשטראלט, אזוי ליכטיג געמאכט זיין קליינע נשמה, אזוי טאנצענדיג און פריידיג געמאכט זיין קליין הערצל, אז איר האט געהאט דעם עכטן גענוס פון פרייד. איר האט ניט געלאכט, ניין, איר לאכט ניט פון זשעליאזא'ס אידל, איר פרייט זיך —

אזעלכע ליבע באשעפענישן זיינען פאראן אויף גאט'ס וועלט!

א נס וואס אלע אנדערע האבן זיך ניט מתקנא געווען אין עזרא'ן און אים ניט נאכגעמאכט.

נאר איינער, הירש־בער, איז געגאנגען אין עזרא'ס דרכים און ער האט אלע אלטע אקטיארישע קונצן דורכגעלופטערט. ער האט געשניטן ארשיניגע פעניצעס ברויט און האט זיי געשטופט אין מויל....

דאס איז אזוי אלט, אזוי אלט!

א למדן אויף דער אידישער סצענע שנייט קליינע פעניצלאך ברויט, אן עם הארץ — גרויסע סקיבעס ברויט.

און דאס הייסט געשפילט דעם טיפ.

לוי יצחק און הירש־בער האבן בשותפות די אלטע, אפגעשלאגענע און ביליגע קאמעדיאנטעריע ארייגעשלעפט אין דער צארטער קאמעדיע . . .

דאס זיינען צוויי גרויסע גרייזן אין דער אויפפירונג.

צוויי גרייזן, וואס האבן דאס גאנצע שטיק כמעט צע'ניזוק'ט.

בריפנשטעלער

דער אידישער פאָלקס־מענטש רעדט קלאָר, דייטלאַך. ער רעדט יאָדערדיג, שאַרף און מיט אַ גוטן און געזונטן הומאָר.

האָב איך זיך אַמאָל אינטערעסירט צו זען, ווי דאָס פאָלק שרייבט. איך האָב געלייענט בריף, וואָס אַ כלה, אַ אידישע פאָלקס־מיידל, שרייבט צו איר חתן, בריף, וואָס אַ אידיש ווייבל שרייבט צו איר מאַן און איך בין פּשוט נשתומם געוואָרן.

זיי שרייבן ניט ווי זיי רעדן.

זיי שרייבן מיט אָנגעבלאָזענע, מיט נאַרישע „הויך דייטשע" ווערטער.

בערעל דער חתן, ווערט אַ „הויכגעשעטצטער ברויטיגאַם", חנה די כלה ווערט אין די בריף „זיסער ענגעל", שמואליק, דער מאַן, ווערט אין זיין ווייב'ס בריף אַ „האָכגעשעצטער געמאַהל" און שפרה, די ווייב, ווערט אין שמואליק'ס בריף אַ „האָבגעשעצטע גע־מאַהלין".

און ווען איך האָב אָנגעהויבן זוכן די סבה — פאַרוואָס רעדט דאָס פאָלק אַזוי קלוג, אַזוי קערנדיג און אַזוי שאַרף און פאַרוואָס שרייבט עס אַזוי לעפּיש, אַזוי נאַריש און אַזוי פאַלש — האָב איך אויסגעפונען, אַז אין דעם איז שולדיג עפּעס אַ בריפענשטעלער, וואָס אַ נאַרישער איד האָט אַמאָל צעזאַמענגעשטעלט פאַר'ן פאָלק.

אָט דער דאָזיגער אומגליקלאַכער בריפענשטעלער האָט באַ־שאַפן באַם פאָלק די משונה'דיגע פאַרשטעלונג, אַז שרייבן דאַרף מען עפּעס אַנדערש. לחלוטין ניט ווי מען רעדט, אַז נעמענדיג די פעדער אין האַנט מוז מען ווערן עפּעס אַזוי זיס, אַזוי „נאָבעל", אַזוי פאַעטיש און אַזוי פאַטעטיש, אַז מען זאָל בשום אופן ניט דערקאָנען דעם מענטשן וואָס שרייבט.

כלה־מיידלאַך, חתן־בחורים, בעלי־בית'לאַך און ווייבלאַך פלעגן שרייבן נאָר אין דעם „סטיל" פון דעם אומגליקלאַכן בריפענ־שטעלער.

און מען קאָן זיך נאָך הײַנט ניט באַפרייען פון דעם נאַרישן בריפענשטעלער. פאַראַן באַ אונז אפילו שרייבער, וועלכע קאָנען זיך ניט באַפרייען פון אים.

אזא קליינער צופאל און אזא גרויסע שעדלאכע ווירקונג.

איך האָב געזען די מעלאָדראמע „א היים פאר א מאמע“ אין גרענד טעאטער, און איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם בריפענ־שטעלער.

עס וואָלט געווען א גוטע מעלאָדראמא ווען ניט דער אומ־גליקלאכער בריפענשטעלער.

דער סטיל פון דעם בריפענשטעלער האָט צעקאליעטשעט די מעלאָדראמע.

דער בריפענשטעלער האָט ליב צו פארזיסען, צו פארלאקריצן אלץ.

ער וועט ניט זאָגן גלאט „מאמע“.

נאָכ׳ן וואָרט „מאמע“ שלעפּט זיך א גאנצע מחנה פון צוקער־דיגע ווערטער:

הייליגע מאמע, הימלישע מאמע, געטליכע מאמע.

דאָס וואָרט „ליבע“ אין א אידישער מעלאָדראמע, דאָס דאָ־זיגע איינפאך און שיין וואָרט ווערט באגאָסן מיט אזוי פיל זיס־קייטן, אז ליבע ווערט א צוקער־טאָרט.

ריינע, אייביגע, הימלישע, געטלאכע ליבע.

איטלאכעס געפיל ווערט באצוקערט, יעדע איבערלעבונג ווערט פארזיסט.

ליידט די מעלאָדראמע אונזערע אויף צוקער־קראנקהייט.

די אַקטיאָרן אונזערע האָבן דאָך באדארפט פארשטיין, אז דאָס גרויסע וואָרט „מאמע“ האָט שוין אין זיך אלע פארבן און דורך די לעפּישע, נאָכשלעפּערישע ווערטער ווערט עס איינפאך צעשמירט, צעקראָכן.

אַנשטאָט דעם, וואָס דער אַקטיאָר אליין זאָל דאָס וואָרט ארויסזאָגן מיט אלע זיינע פּרעכטיגע פארבן, קומט דער מחבר און דרוקט אים אונטער וואסערדיגע פארבן און דאָס וואָרט ווערט וואַ־סערדיג.

דער בריפענשטעלער איז שולדיג אין דעם.

איך בין זיכער, אז ווען א ריכטיגע האנט מיט א גוטן בליי־

שטיפט (פענסיל) וואָלט זיך דורכגעשפּאַצירט איבער דער מעלאָ־דראַמע, וואָלט עס פאַר איר געווען אַ גרויסע טובה.

מען דאַרף בלויז אויסמעקן די ווערטער פון דעם נאַרישן בריפענשטעלער.

מען דאַרף איר איינגעבן אַ גוטע פּאַרציע אינסולין, (אַ מיטל געגן צוקער־קראַנקהייט) און אַרויסטרייבן פון איר דעם צוקער.

וואָלטן די אַקטיאָרן געקאָנט בעסער שפּילן און דאָס פּובליקום וואָלט עס מיט מער הנאה געזען.

אגב — דאָס פּובליקום דאַרף מען טאַקע אָפּגעוווינען פון דעם בריפענשטעלער.

טאַקע פאַר דער טובה פון דעם אַקטיאָר גופא.

זאָל דער אַקטיאָר מיט זיין שפּילן ווירקן אויף אים און ניט מיט'ן רעגן פון דראָבנע ווערטער.

ווי פאַרשטייען עס ניט די אַקטיאָרן, אז די דאָזיגע נאַרישע, צעקראָכענע ווערטער קאָנקורירען מיט זיי, פּלאָנטערן זיך אין זייער מויל, באָמבלען זיך אויף זייער צונג און לאָזן זיי נישט שפּילן, לאָזן זיי ניט אַקטיאָריש באַ'טעמ'ן, באַ'חנ'ן און באַפאַרבן דאָס ריכטיגע און נויטיגע וואָרט.

אַן אַקטיאָר קאָן אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „ליבע", אָדער „מאַ־מע" מיט אַזוי פיל עקספּרעסיע, אַז באַם פּובליקום זאָל אַ וואַרימער שוידער דורכלויפן דורכ'ן קערפּער.

דאַרף ער אָבער צום וואָרט „ליבע" אָדער „מאַמע" צולייגן אַ גאַנצן ווערטער־בוך פון „איידעלע" און זיסע פּאַטיקע־ווערטער, ווערט דאָס עיקר'דיגע וואָרט אַזוי עלנד, אַזוי איינזאַם אין דער כאַליאַסטרע פון טפשות'דיגע ווערטער.

די אַקטיאָרן אַליין האָבן באַדאַרפט קעמפן געגן דעם, וואָרים די דאָזיגע כאַליאַסטרע פון ווערטער זיינען זייערע גרעסטע שונאים.

אין דער דאָזיגער מעלאָדראַמע גופא זיינען פאַראַן סצענעס, אין וועלכע די מחברים האָבן אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן דעם בריפענ־שטעלער און די סצענעס זיינען לעבעדיגע, פרישע.

די אַקטיאָרן שפּילן אַזוי פריי, אַזוי בריה'ש און אַזוי רירעוו־דיג, אַז דו זיצט און וואונדערסט זיך:

דאָס האָבן דאָך די אַקטיאָרן און די מחברים באַדאַרפט איינ־זעון.

עס איז דאָך אַזוי קלאָר, אַז יעדער זעענדיגער קאָן עס זען.

איך בין ניט קיין ליטעראַרישער מוסר'ניק, איך בין ניט קיין ליטעראַרישער „וצדקתך".

איך האַלט, אַז די מעלאָדראַמע איז ניט קיין ממזר, ניט קיין אונטערגעוואָרפן קינד אין טעאַטער.

פאַרקערט, איך האַלט, אַז די מעלאָדראַמע איז אַ ליבלאַך און כשר קינד פון טעאַטער.

דער אַקטיאָר און דאָס פּובליקום, די צוויי הויפּט מחותנים פון טעאַטער, האָבן זי אויף דער וועלט געבראַכט.

און באמת איז דאָס לעבן מער מעלאָדראַמאַטיש ווי דראַ־מאַטיש.

דראַמע איז בעצם אַ געפּוידערטע, אַ געפּאַרבטע און „גע־באַבטע" מעלאָדראַמע.

דער פרייער זיפץ, אָדער דער הייסער וויי־געשריי פון אַ מע־לאָדראַמע ווערט אין אַ דראַמע אָנגעטאָן אין אַ פראַק און אין ענגע שיכלאַך. דער וויי־געשריי גייט ארוים צירלאַך־מאַנירלאַך און דער זיפץ רייסט זיך ארוים אויף נאָטן, מיט אַ קאַמערטאָן אין האַנט.

שעקספּיר איז מעלאָדראַמאַטיש. ער איז געווען אליין אַן אַקטיאָר און ער האָט געוואוסט, אַז דער אַקטיאָר דאַרף האָבן זיין טעמפּעראַמענט פריי און ניט געבונדען און געפּענטעט מיט ליטע־ראַרישע שטריקלאַך.

און דער עיקר'שט דאָס פּובליקום, דער טעאַטער עולם וויל האָבן דאָס פּראָבלעם, די מאָראַל און דעם מסור השכל אָפן, נאַקעט, בולט און קלאָר.

און די מעלאָדראַמע איז אַזאַ אָפען־האַרציגע.

זי ווייזט ניט מיט דער רעכטער האַנט דעם לינקן אויער.

זי גנב'עט זיך ניט צו דעם פּראָבלעם דורך הינטער טירן. זי גייט ניט צום מוסר־השכל אין זאָקן — זי רייסט זיך ניט צו דער מאָראַל פון שטיק מיט זייטיגע וועגן און שטעגן.

זי שטורמט דאָס פּראָבלעם פון נאָנטן, זי גייט אויף'ן מוסר־השכל הארט און שאַרף.

דעם סאַמע קורצן וועג זוכט זי אויס.

זי איז אָפּענהאַרציג.

אירע אינטריגעס זיינען שניידעדיגע, פאַרכאַפּענדיגע און שאַרפע.

מען דאַרף ניט אַרויס'פּשט'לען און אַרויס'דרשנ'ען דעם מוסר־השכל און מען דאַרף ניט מיט אַ שפּאַקטיוו זען די באַהאַלטענע כונה.

און דאָס איז טעאַטער.

דאָס איז זיין מהות.

און עס איז אַ נאַרישער פאָראורטייל פון אונזערע שרייבער געגן מעלאָדראַמע, זיי האָבן מורא צו שטיין אין אירע ד' אמות.

הויפּטמאַן און זודערמאַן האָבן קיין מורא ניט.

גאָרקי און אַנדרייעוו און אפילו טאָלסטאָי האָבן געשריבן מעלאָדראַמעס.

און איך שעם זיך ניט צו מודה זיין, אַז איך זע אַ גוטע מעלאָ־דראַמע מיט אַ סך מער פאַרגניגן ווי אַ גוטע, פרומע און שטילינקע ליטעראַרישע דראַמע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

און אויב מען רעדט פון פאָלקסטימלאַכקייט איז די מעלאָ־דראַמע דורך און דורך פאָלקסטימלאַך.

אַלע פאָלקס־מעשה'לאַך, אַלע פאָלקס־לידער אונזערע זיינען מעלאָדראַמאַטיש.

י. ל. פּרץ האָט אין זיינע פאָלקסטימלאַכע געשיכטן אָפּגעהיט דעם מעלאָדראַמאַטישן מאָמענט און ער האָט אים ניט פאַר'ליטע־ראַרישט.

איז — אדרבה.

בא אונז איז אָבער די מעלאָדראַמע אַ קינד פון דעם אַלטן, פאַרשימלטן בריפענשטעלער.

אָנשטאָט צו לאָזן פריי דעם הייסן טעמפּעראַמענט פון דער מעלאָדראַמע, פּענטעט מען אים מיט ווערטער, וואָס גייען אויף שטאָלצעס, מען פאַרשיט אים מיט ווערטער־ביכער.

ליטעראַרישע אַבערגלויבנים

אנזערע טעאַטער ישובניקעס האָבן מורא פאַר דער מעלאָ־דראַמע ווי אַ שד פאַר ווייראַך. דערהערן זיי אַ הויך קול אין אַ טעאַטער שטיק, דערזען זיי אַ רעוואָלווער אויף דער סצענע, קומט פאַר אין דעם שטיק עטוואָס טומלענדיגעס, רייסט דאָרטן עפּעס אויף, צעבושעווען זיך דאָרט נאַקעטע מענטשלאַכע קאָנפליקטן, ווערט אַרויסגעשטעלט אַ צעקרימטער פון ליידן און פיין פּנים, איז דאָס שטיק פּסול.

דראַמע דאַרף גיין מיט זאָקן אויף דער סצענע, דראַמע דאַרף זיצן און קרעכצען שטיל ווי אַ נוטה למות, ווי אַ גוסס. מען דאַרף אַרויסרייסן פון דער דראַמע די שטאַרקע, געזונטע באַק־ציינער, מען דאַרף אַרויסלאָזן פון איר דאָס הייס בלוט, מען מוז אויסלעשן דאָס לעבנס־פייער און נאָך דער אָפּעראַציע וועט זי ווערן אַ לי־טעראַרישע דראַמע, אַ שטילע, אַ חלוש׳דיגע, אַ טשאַמקענדיגע דראַמע.

און די דאָזיגע ליטעראַרישע פּחדנים, די דאָזיגע זיידענע טעַ־אַטראַלן באַלעקן זיך פון אַ דראַמאַטישן געניץ, פון אַ דערשטיקטן טראַגישן זיפצעלע און פון אַ הינערפּלעטישער האַנדלונג.

די דאָזיגע צעקראַכענע טעאַטראַלן האָבן מורא פאַרן שטור־מישן, רייסענדיגן און קנאַלענדיגן שעקספּיר, פאַר דעם הייסן הוגאָ און פאַר אַלע אַנדערע סצענישע גאונים, וועלכע זען ניט דאָס לעבן ווי אַ תשעה־באב ווען אַלע גייען אַרום אין זאָקן, נאָר ווי אַ משוגענע וואַקכאַנאַליע פון מענטשלאַכע ליידנשאַפטן, אַ ווילדער געראַנגל צווישן לעבן און טויט, וועלכע האָבן די אויערן ניט פאַר־לייגט מיט וואַטע און הערן אין לעבן פאַרצווייפעלטע געשרייען און די האַרץ־רייסענדע זיפצן, וואָס רייסן זיך אין הימל אַריין. אונזער חסר־דעה׳דיגן לעבן.

איז אַ דראַמע אָן באַק ציינער, אַ קאָמעדיע מיט אַ זלידנעם אומעט פאַר זיי ליטעראַריש.

האָט זיך איינגעוואָרצעלט דער דאָזיגער ליטעראַרישער אַבער־גלויבן אין אונזער טעאַטראַלער וועלטל און לאָזט ניט דעם גע־

זונטן, פול־בלוטיגן מענטשן ארויסקומען אויף דער סצענע. אַט האָט מען פאַרנודיעט אַ הייסע דראַמע פון י. ד. בערקאָוויטש, אַ דראַמע פון אַ שרייבער, וואָס האָט אַרויסגענומען די ליטעראַרישע וואַטע פון די אויערן און האָט דערהערט דעם ווילדן געפּילדער פון אונזער חסר־דעה׳דיגן לעבן.

דער עולם, דאָס פּובליקום איז אָבער פריי פון דעם ליטעראַ־רישן אָבערגלויבן, פון דער ליטעראַרישער חלשות. דער עולם האָט זיין געזונטן טעאַטראַלן חוש און ער זוכט שטורמישע איבערלע־בונגען; זיינען פול די טעאַטערס וואָס שפּילן רייסענדיגע מעלאָ־דראַמעס, עס זיינען געפּאַקט די הייזער וואו מען לאַכט מיט׳ן פולן מויל.

און פאַר ליטעראַטור האָט מען באַשאַפן קליינע, שטילע ווינקעלאַך, סאַמעטענע נעסטעלאַך, הינער־שטייגלאַך וואו עס זיצן שטילע מענטשעלאַך און גענעצן אין גרוים התבודדות.

די ליטעראַטור איז אַוועק פון לעבן, זי האָט זיך פאַרשלאָגן אין אַ ווינקל און שעפּטשעט דאָרט מיט פאַרגלאָצטע אויגן אירע ליטעראַרישע לחושים.

און די מעלאָדראַמע, דער וואָדעוויל האָבן פאַרנומען איר אָרט . . .

טוט די מעלאָדראַמע דאָס, וואָס די דראַמע האָט באַדאַרפט טאָן.

אַט האָב איך געזען בא מאַקס געביל אין טעאַטער אַ מע־לאָדראַמע, וואָס האָט באַדאַרפט זיין אַ דראַמע, אַ שטיק לעבנס געראַנגל, אַ פאַרקנוילטער, פאַרפּלאָנטערטער לעבנס־קאַמף.

געביל מיט׳ן חוש פון אַן אַקטיאָר, האָט אין זיינע מעלאָ־דראַמעס שטענדיג מענטשן קנאָכיגע, מענטשן טיגערס, מענטשן מיט בולט׳ע, אָפענע, צו אָפענע כאַראַקטער שטריכן, מענטשן וואָס פּשט׳לען ניט אויס אַ ליידנשאַפט, וואָס שוויצן ניט אויס מיט מאַטערניש אַ שטיקל געפיל, מענטשן, וואָס זיפצן ניט אויס בסוד אַ בלוטיגע דראַמע.

אין זיין איצטיגער מעלאָדראַמע וואָס הייסט „שטאָל און אייזן" איז דאָ אַ מענטש אַ טיגער, מיט שאַרפע צוקענדיגע ציין,

מיט הענט, וואָס זיינען שטענדיג צענויפגעלייגט אין קולאַקעס, מיט פעסטע פיס, וואָס דאַרפן טרעטן מיט רציחה עמיצן, אַ מענטש, וואָס האָט נערוון פון שטריק.

צוקט ער, רייסט ער און בייסט דאָרט אין לעבן מיט פאַר־ביסנקייט.

ער איז אַ טיגער צווישן וועלף, אַ טיגער צווישן שעפעלאַך.

איז ער אָבער אויך אַ טיגער באַ זיך אין הויז, ער קומט מיט די נעגל, מיט שאַרפע נעגל, מיט וועלכע ער צוקט אין גאַס אין זיין היים, צו זיינע קינדער.

מיט נעגל צערטלט מען ניט, מיט נעגל גלעט מען ניט, מיט נעגל ליבט מען ניט.

ער האָט ליב זיינע קינדער עפּעס בייז ברומענדיג, עפּעס סאַרקאַסטיש לאַכענדיג און צולהכעיס'דיג.

מיט זיין שטאַרקייט וואַרפט ער אָן אַ מורא אויף זיי, מיט זיין פעסטקייט דערשטיקט ער אין זיי זייער ווילן, ער קעמפט מיט זיינע קינדער, קעמפט און באַקעמפט זיי.

די בייזע, קלוגע טאַטעס, זיי האָדעווען דאָך אויס קינדער אידיאָטן, קינדער שוואַכלינגע, קינדער מיט אַ צעקנייטשטן, צע־מוישטן און צעטערעפטן ווילן.

שטייט אין מיטן אַ פאָטער אַ גיגאַנט, אַ טיגער און אַרום אים קינדער דערשראָקענע, נישטיגע קינדער.

דער מענטש פון דער מאַשין, דער מענטש פון פאַבריק, וואָס זעט אין לעבן רעדער מיט ציין, זיי בייסן זיך אַריין איינע אין די אַנדערע, דרייען איינע די אַנדערע אָן רחמנות, אָן האַרץ, אָן נשמה, אָן וואַרימקייט און אָן ליבע.

ווייל ער באַ זיך אין דער היים אויך זען אַ מאַשין וואָס דרייט זיך און באַוועגט זיך לויט זיין אייזערנעם, פאַרהאַרטעוועטן ווילן.

און ער צעברעכט זיינע קינדער; די אייביגע מורא, וואָס לויערט אויף זיי, דער שטענדיגער שרעק, וואָס פייניגט זיי, צע־פליישט זיי און צעטרעט זיי.

איז וואָס זיי טוען איז גנבה, וואָס זיי טוען מיט זייער אייגענעם ווילן איז גזלה. גנב'נען זיי, וואָס זיי קומט פון לעבן, גנב'ט אַ טאָכטער ליבע, גנב'ט אַ זון געלד און ווען מען כאַפּט

אים בא דער האַנט הרג'עט ער אַ מענטשן פון שוואַכקייט און אויס מורא פאַר'ן בייזן טאַטען, אַ דריט קינד ווערט אַזוי צע־טערפעט, אַז ער מינטערט זיך, פאַרטומעלט זיך מיט קאַקאין און אַ פערטער גיט זיך אונטער דעם טאַטען, איז אַ אידיאַט.

דערזעט דער שטאַרקער טיגער דעם חורבן אין זיין הויז...

דערזעט ער דעם חורבן...

האָט ער באַדאַרפט געבראָכן ווערן, געבראָכן מיט קנאַל.

אַזעלכע דעמבעס בויגן זיך ניט ווי ריטלאַך, אַזעלכע דעמ־בעס פאַלן פון אַזאַ שטורם ווינט, פאַלן צעבראָכענע.

האָבן אָבער אַקטיאָרן ליב זייערע העלדן, זיי ווילן זיי ניט צעברעכן.

די אייביגע אַקטיאָרישע שוואַכקייט.

ווערט דער טיגער צעקראָכן, ווערט דער טיגער אַ לעמעלע אַ אידענע מיט תחינות...

און ער איז נאָך גערעכט!

עס האָט געקאָנט זיין אַ דראַמע, עס האָט זיך אָנגעהויבן ווי אַ דראַמע, נאָר די מעלאָדראַמאַטישע טרערן האָבן עס צע־ווייקט צום סוף.

איין לאַנגישער שטריך, איין פלינקער בויג און דער קלאָרער זין פון דעם גאַנצן שטיק וואָלט ניט צעקראָכן געוואָרן, ניט פאַר־נעפּלט געוואָרן.

מאָקס געביל האָט ליב די מעלאָדראַמע און לייגט אריין ערנסט און ליבע אין דער אויפפירונג. ער פאַרמאָגט געניטקייט, ער קאָן סצעניש בויען אַ מעלאָדראַמע.

און דער עיקר'שט ער קאָן זיין די צענטראַלע פיגור אין אַ מעלאָדראַמע און ער קאָן עס זיין מיט אַרטיסטישער וואָג און מאָס. מיט גרויסע שטריכן מאָלט ער דעם אייזן מאַגנאַט, נייטען פראָסט.

הלואי וואָלטן מיר אין די ליטעראַרישע דראַמעס זען אַזעלכע קערענדיגע פיגורן ווי נייטען פראָסט, אַזעלכע קנאַכיגע מענטשן, אַזעלכע גאַנצע מענטשן, אַזעלכע פאַרגרייזטע העלדן.

איך בין מקנא דער מעלאָדראַמע פאַר אירע מענטשן מיט כאַראַקטער, פאַר אירע העלדן מיט זייער קלאָרער, אויסגעהאַ־

מערטער שפּראַך, פאַר איר אָפענער, ניט פאַרנעפּלטער טענדענץ, פאַר איר שטורם אויף דער סצענע און אפילו פאַר איר רעוואָלווער מיט וועלכן זי באַנוצט זיך אַזוי דרייסט און אַזוי אָפּט.

דאָס האָט זי גע׳ירש׳עט פון דער דראַמע, פון שעקספּירס דראַמע... מאַקס גאַבילס נייטען פּראָסט איז פאַרביג, ער איז סצעניש, ווייל ער איז אַ העלד.

ווען נייטען פּראָסט וואָלט געבראָכן געוואָרן ווי אַ העלד און ניט ווי אַ תהילים זאָגער, וואָלט איך אים אריינגעשטעלט אין דער פיינסטער דראַמע.

די מעלאָדראַמע איז אָבער סענטימענטאַל, ערלויבט זי זיך אַ שטיקל דרייסטקייט, באַנעצט זי עס באַלד מיט טרערן.

דזשעני גאָלדשטיין שפּילט די טאָכטער פון דעם אייזן מאַג־נאַט, די איינציגע, וואָס קומט אַרויס אַ גאַנצע פון איר פאָטערס האַרטקייט און שווערקייט, די איינציגע פון אַלע קינדער, וואָס קומט דערנאָך טרייסטן דעם קראַנקן, צעבראָכענעם ליב.

פרויען זיינען וויכער, בויגיגער און זיי ווערן ניט צעבראָכן.

אַלע זיינען צעבראָכן געוואָרן פון דעם טאַטענס שטאַרקייט, די טאָכטער בויגט זיך ווי אַ ריטל, בויגט זיך צו דער ערד, אָט ווערט זי צעבראָכן און זי בלייבט גאַנץ, נאָכמער — זי זיגט, זי באַזיגט סוף כל סוף דעם טאַטען, דעם מענטשן פון שטאָל און אייזן ווייל זי איז שוואַך.

איז עס ניט פיינער דראַמאַטישער שטאָף?

און דעם דאָזיגן דראַמאַטישן שטאָף האָט דזשעני גאָלדשטיין געשיקט באַהערשט.

פּיטער גראַף האָט דאָ געגעבן אַ חוזק ניט קיין מענטש. מענטשן פון לויטער חוזק זיינען לחלוטין ניט אינטערעסאַנט און דער הויפּט — ניט סצעניש. די קיילעכדיגע שלים־מזל׳ס אָן אַ סימן פון פאַרשטאַנד און כאַראַקטער זיינען ניט קיין טעאַטראַלע באַשעפענישן.

עס פעלט אַביסל לויטערקייט, אַביסל ליכט און אַ ביסל יושר, פשוט מענטשלאַכער יושר — נייטען פּראָסט איז טאַקע אַ מענטש פון שטאָל און אייזן אָבער צום שכל דאַרף ער דאָך קומען אַמאָל,

ער דאַרף דאָך סוף כּל סוף זיין אַזוי שטאַרק, אַז ער זאָל זיך אַליין קאָנען ברעכן.

און דאָס דאַרף דאָך זיין דער מוסר השכּל פון דער דראַמע.

איך וויל אויף אים ניט רחמנות האָבן, זאָל ער אַליין אויף זיך רחמנות האָבן; זאָל ער חרטה האָבן...

און דאָס קאָן דאָך גע'ביל מאַכן. ער איז דאָך אַליין דער מחבר!

דאָס שטיק וואָלט זייער פיל געוואונען.

די טרערענדיגע דראַמע

די אידישע מעלאָדראַמע איז דער סקעלעט פון אַ דראַמע. עס איז אַ דראַמע אָן מוסקולן, אָן בלוט און פלייש.

ביינער, טרוקענע ביינער באַוועגן זיך און וואַרפן אָן אַ פּחד.

די מעלאָדראַמע האָט אַ נשמה, האָט אַ מאָראַל, אָבער סיי די נשמה און סיי די מאָראַל הייגגען איר עפּעס אויף דער שפּיץ נאָז, ווי אַ לונג־און־לעבער.

די דראַמע איז אַ פאַרשטעלטער, אַ פאַרשלייערטער משל, די מעלאָדראַמע איז דער אָפענער, נאַקעטער נמשל.

הכּלל, די מעלאָדראַמע איז די פּסולת, דער אָפּזאַץ פון דער אַמאָליגער גוטער דראַמע. די מעלאָדראַמע האָט זיך אַריינגעריסן אין טעאַטער און האָט זיך דאָרט באַפעסטיגט. זינט די דראַמע האָט פאַרגעסן אַז זי איז אין טעאַטער און איז געוואָרן שטאַרק לי־טעראַריש, זינט זי איז געוואָרן שטיל און איידל, זינט זי האָט אָנגעהויבן צו שושקען זיך אויף דער בינע, זינט זי האָט זיך אַריינ־געוואָרפן אין אַ כאַלאַט, אין פאַנטאָפל און האָט אָנגעהויבן געניצן, זינט זי האָט אָנגעהויבן צו באַוועגן זיך נוטה־למות'דיג, זינט זי איז געוואָרן טעאַטראַליש בלוט־אָרים, האָט די מעלאָדראַמע מיט איר האַרצרייסענדן געוויין, מיט איר שטורמישער באַוועגלאַבקייט און מיט אירע קנאַלענדיגע עפעקטן זיך אַריינגעריסן אין טעאַטער.

און סיי די אַקטיאָרן און סיי דאָס פּובליקום האָבן זי אויפ־גענומען מיט פרייד.

סיי דער אַקטיאָר און סיי דאָס פּובליקום האָבן זיך פאַרבענקט נאָך שטאַרקע, צעטרייסלענדיגע איבערלעבונגען.

איז געקומען די מעלאָדראַמע, אַ פּשוט'ע און אַ שרייענדיגע, אַ פּוסטע און אַ טומלענדיגע, אַ פלאַכע אָבער מיט שטאַרקע ווער־טער און מעשים, אַ נאַרישע, אָבער מיט אַ ים הייסע טרערן, מיט אַ קליינעם מוח'ל, אָבער מיט קלאָרע, פּשוט'ע געדאַנקען, מיט אַ פּוסטען קאָפּ, וואו עס קלינגט דערפאַר שטאַרק און הילכט מורא'דיג.

און זאָל די דראַמע ניט מאַכן קיין פּרום פּנים'ל, זאָל זיך די ציידענע מיוחסת ניט ברעכן מיט די הענט, אַז אין איר פּאַלאַץ, — אין טעאַטער — האָט זיך אַריינגעריסן אַ דינסט־מויד און טרעט מיט אירע גרויסע נעגעלדיגע שיך אויף אירע ווייכע טעפּיכער.

זי איז אַליין שולדיג.

זי איז געזעסן אין איר היים מיט אַראָפּגעלאָזענע פאָרהאַנגען און שטיל און איידל געזיפצט. זי איז געוואָרן נודנע און לאַנגווייליג.

איז געקומען די מעלאָדראַמע און האָט פאַנאַנדערגעעפנט די פענסטער, האָט זיך אַריינגעריסן דער גאַסן־טומל אין שטוב אַריין, האָט גענומען אַ בעזים און האָט אָנגעהויבן אויסקערן דעם אַלטן שטויב.

אמת, זי טוט עס צו האַסטיג, צו האַמעטנע, זי צעברעכט גוטע, טייערע וואַזעס מיט איר קלאָציגן אימפּעט. זי וואַרפט און שלייַ־דערט קריסטאַלענע חפצים ווי ליימענע טעפּ, זי וואַשט טייערע בילדער מיט אַ ווויכאַטש, זי מאַכט אַ חורבן, — אָבער לופט און לעבן האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער פאַרלאָזענער היים!

דער אידישער טעאַטער־באַזוכער איז פּרימיטיוו, ער איז ניט אַריסטאָקראַטיש. ער איז ניט געאיידלט. ער קאָן ניט זיצן אין טעאַ־טער און כאַפּן ליטעראַרישע פליגן. אונזער עולם איז פּרימיטיוו, אָבער זייער געזונט און קערנדיג. ער איז פריש און יאָדערדיג, ער קאָן וויינען מיט הייסע טרערן און לאַכן האַרציג און שטורמיש, און ער בענקט, ער גאַרט נאָך שטאַרקע איבערלעבונגען.

די אידישע ליטעראַרישע דראַמע איז אַ פאַרעווע באַשעפעניש, פּיט זי וויינט און ניט זי לאַכט, ניט זי צאָרנט און ניט זי רחמים'ט, ניט זי שילט און ניט זי בענשט. זי האָט מורא פאַר אַ רעוואָלווער

און פאר סם, זי אנטלויפט פון א געשלעג, זי מיידט אויס שטארקע ווערטער, זי ווארפט זיך ניט אריין אין טומלדיגן ברויזנדיגן לעבן, זי זוכט זיך בסדר אויס א שטילן ווינקעלע, וואו שפינען וועבן נעצן פאר פליגן און פון דאָרט רעדט זי צום עולם מיט א קראנקן הוסטעלע.

איז די מעלאָדראמע ארויפגעשפרונגען אויף דער בינע מיט א רעוואָלווער אין האנט, מיט קולות וברקים, מיט רעש און געפילדער.

און דער טעאטער־עולם לעבט, ער וויינט און לאכט, ער צאַרנט און האט מיטלייד, ער קריצט מיט די ציין און בענטשט פון פולן הארצן.

ווייל אויף דער בינע קומט עפעס פאָר, עס טוט זיך דאָרט עפעס!

ווען עס ווערט נעלם דער אמת'ער, עכטער נארונגס־ארטיקל, קומט אלע מאָל דער סוראָגאט, דער ערזאץ. די אמת'ע טעאטראלע דראמע איז פארשוואונדן געוואָרן, איז געקומען דער סוראָגאט — די מעלאָדראמע. מוזן מיר זיין גרייט, אז כל זמן אונזער דראמע וועט ניט באקומען קיין היים בלוט, כל זמן זי וועט זיין בן־יחיד'יש־שרעקעדיג, כל זמן זי וועט מורא האָבן צו מאכן א דרייסטן טריט, וועט די מעלאָדראמע פארנעמען איר אָרט אין טעאטער.

מיט תחינות, מיט אָפשפרעכונגען וועט מען די מעלאָדראמע ניט פארטרייבן פון טעאטער. ווען עס וועט קומען א יונגע, א שטאַרקע און א פייערדיגע דראמע, וועט די מעלאָדראמע אנטלויפן וואו דער שווארצער פעפער וואקסט, ווארים בעצם איז זי א דינסט, וואס פארנעמט ניט געזעצלאך דאס אָרט פון דער הארינטע.

דערווייל מוזן מיר זיך רעכענען מיט דער מעלאָדראמע. און כל זמן די שפחה האלט זיך אָנשטענדיג און האט די מאניערן פון איר הארינטע — די דראמע — קאָנען מיר צו איר קיין טענות און תביעות ניט האָבן.

האָב איך אבסאָלוט ניט קיין טענות צו געביל'ס מעלאָדראמע „דער גרויסער מאָמענט“. וואס גייט איצט אין געביל'ס טעאטער.

די מעלאָדראמע מאכט חנ'דלאך פון א דראמע און די חנ'דלאך זיינען לחלוטין ניט קיין גראָבע און ניט קיין ציניש.

עס איז א מעלאָדראמע, וואס פארכאפט אייך באם הארצן. זי איז פשוט, זי קליגלט זיך ניט, זי האט גענומען א שטיקל קרוי־

מינעלע כראַניק און האָט עס נאַקעט אַרויסגעפירט פאַר׳ן עולם.

קרימינעלע כראַניק איז אין אונזער צייט אַ שטיק לעבן, אַ פאַרפלאָנטערט, פּיקאַנט, רעאַל שטיק לעבן.

קיין צייט אין דער געשיכטע איז ניט געווען אַזוי קרימינעל, ווי אונזער צייט: הריגות, רציחות און משפּטים זיינען טאָג־טעג־לאַכע דערשיינונגען אין אונזער לעבן.

אונזערע דראַמאַטורגען, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין דער שטילער צייט: אינ׳ם אַנהויב פון דעם היינטיגן יאָרהונדערט, מיינען נאָך אַלץ, אַז קרימינעלע געשעענישן זיינען אויסנאַמען פון לעבן, זיי זיינען ניט כאַראַקטעריסטיש און דערביי ניט „ליטעראַריש“.

טויט, מאָרד און טריבונאַל זיינען איצט שטיקער לעבן!

געביל האָט עס גענומען מעלאָדראַמאַטיש, ד. ה., סכעמאַטיש, ווי די מעלאָדראַמע טוט עס.

און אַ שבח מוז געזאָגט ווערן געביל׳ן, אַז ער האָט די גאַנצע זאַך געבויט מיט גרויס טאַקט און פּאָרזיכטיגקייט.

נאָך מער לויב פאַרדינט די אויפפירונג און דאָס שפּילן.

די מעלאָדראַמע איז בטבע אַ טאַקטלאָז באַשעפעניש, זי האָט אַן אויפגעריסענעם מויל, זי האָט געוויינלאַך קלאָציגע און רייסנדיגע באַוועגונגען, זי וויינט ניט, נאָר זי יאָמערט, זי רעדט ניט, נאָר זי שרייט, זי שמייכלט ניט נאָר זי לאַכט היסטעריש, זי גייט ניט, נאָר זי שטעלט טריט.

געביל האָט אָבער דער מעלאָדראַמע זייער געגעבן פיינע, רואי־גע און זייער אָנשטענדיגע מאַניערן. איר דערקאָנט ממש ניט די באַקאַנטע האַמעטנע מעלאָדראַמע אויף דער בינע.

קיין זייטיגע מיטלען, קיין געשטוקעוועטע איינפאַלן האָט גע־ביל ניט געזוכט, כדי צו מאַכן שרייענדער, עפעקטפולער די אויפפי־רונג. ער האָט אין דער מעלאָדראַמע גופא אויפגעדעקט די שפּאַנענ־דיגע עפעקטן, זיי בליצן אַרויס פון דער האַנדלונג גופא.

און דאָ זע איך צום ערשטן מאָל אַ אידישן אַקטיאָר מיט אַ שטיקל חוש פאַר רעזשי, מיט אַביסל פאַרשטענדעניש פאַר טעאַט־ראַלע קאָמפּאָזיציע, מיט אַן אויג, וואָס זעט די אויפפירונג פון אָנ־הויב ביז׳ן סוף מיט אַלע אירע קנייטשעלאַך, מיט איר גאַנצער בלוט צירקולאַציע.

אינהאלט:

טעאטער און אידיש טעאטער

טעאטער פאר זיך — 7—22
גלגולים — 23—40
אָן א אידעע — 41—58
אָן פליגלען — 59—68
דער אַקטיאָר — 69—76
א טעאטער־דור — 77—89
דער קרומער שפיגל — 90—96

פּאָרטרעטן

א. ר. קאמינסקא — 99—105
אברהם פישזאן — 106—111
בינא אבראמאָוויטש — 112—120
אננא אַפּעל — 120—126
מאלי פּיקאָן — 127—133
מאָרים שווארץ — 133—141
יעקב בן־עמי — 141—146
מוני וויזענפריינד — 147—153
לודוויג זאַץ — 153—159
מאַרק שווייד — 159—165
איזידאָר קעשיר — 166—172
לעבעדיעוו — 172—178
ב. גאָרין — 178—184

קריטיק

קונסט־טעאטער — 187—193
דער אומגליקלאכער משיח — 193—201

וועלף	207—202
די כשופמאכערין	214—208
לא תחמוד	222—214
שיף מיט צדיקים	229—222
שאפ	237—230
הדיבוק	245—237
יעקב'ס חלום	253—245
הגולם	260—253
דבוק־נבלה	266—261
הימל און ערד	272—267
דער בריפענשטעלער	277—273
ליטעראַרישע אבערגלויבנס	283—278
די טרערנדיגע דראַמע	288—283
אינהאַלט	289
צוויי בילדער פון דר. א. מוקדוני	